Digitized by the Internet Archive
in 2016 with funding from
Boston Public Library

https://archive.org/details/disotsyaleiberer00kaut

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

ק. קאוטסקי.

די סאציאלע איבערקערעניש.

ДИ СОЦІАЛЕ ИБЕРКЕРЕНИШЪ

т. е. Соціальный переворотъ.

К. Каутскій.

Переводъ съ русскаго.

Вильна, Типографія И. I. Пирожникова, Завальная улица № 1147.

1906

364

Дозволено цензурою. Варшава, 31 января 1906 г.

1. וָואס דַארְפֶען מִיר פֶערְשְׁטֶעהֶען אוּנְטֶער דֶעם וָוארְט „סָאצְיַאלֶע רֶעוָואלוּצְיָאן״?

עֶס אִיז פַארַאן גַאנץ ווענִיג בּעֶגרִיפֶען, ווֶעגֶען ווֶעלכֶע מֶען דִיסקוּטִירט אַזוֹי פִיעל, ווִי ווֶעגֶען דֶעם בּעֶגרִיף פוּן דֶער רֶעוואָלוּציאָן. דאָס נֶעהמט זִיךְ טהֵילווֵייז דֶערפוּן, וואָס קֵיין אַנדֶער בּעֶגרִיף שטֵעהט נִיט אַזוֹי גֶעגֶען אַלֶע עֶקסִיסטִירֶענדֶע אִינטֶערֶעסֶען אוּן אַיינבִּילדוּנגֶען ווִי עֶר; טהֵילווֵייז אָבּעֶר אוֹיךְ דֶערפוּן, וואָס ווענִיג בּעֶגרִיפֶען האָבּעֶן אַזוֹי פִיעל פֶערשִׁידֶענֶע בּעֶדֵייטוּנגֶען ווִי עֶר.

אַ גאַנצֶען פראָצֶעס, אַ גאַנצֶע קֵייט פוּן עֶרשַׁיינוּנגֶען קֶען מֶען גֶעווֶעהנלִיךְ נִיט אַזוֹי שַׁארף אוּן פִּינקטלִיךְ בּעֶגרֶענעֶצֶען אוּן אָבּשֵׁיידֶען פוּן אַלֶע אַנדֶערֶע, ווִי אַ בּעֶזוּנדֶערֶען אֵיינצֶעלנֶען פאַקט, אוּן בּעֶזאָנדֶערס נִיט — אַ גֶעזֶעלשַׁאפטלִיכֶען עֶנטווִיקלוּנגס-פּראָצֶעס, ווֶעלכֶער אִיז שטֶענדִיג אוֹיסֶערסט פֶערווִיקֶעלט אוּן פֶערפּלאָנטֶערט אוּן ווֶערט אַלץ מֶעהר פֶערפּלאָנטֶערט, וואָס ווַייטֶער דִי גֶעזֶעלשַׁאפט עֶנטווִיקֶעלט זִיךְ, ד. ה. וואָס מֶעהר פֶערשִׁידֶענֶע פאָרמֶען עֶס נֶעהמט אָן דִי גֶעמֵיינזאַמֶע טהֶעטִיגקֵייט פוּן מֶענשֶׁען. אוּן צוּ דִי פֶערפּלאָנטֶערטסטֶע עֶנטווִיקלוּנגס-פּראָצֶעסֶען גֶעהֶערט דִי סאָצִיאַלֶע רֶעוואָלוּציאָן, ד. ה. דִי פאָלשטֶענדִיגֶע אִיבּעֶרקֶעהרֶענִיס פוּן אַלֶע גֶע׳ירשׁ׳עֶנטֶע פאָרמֶען, ווֶעלכֶע דִי גֶעמֵיינזאַמֶע טהֶעטִיגקֵייט פוּן מֶענשֶׁען נֶעהמט אָן.

עֶס אִיז דֶערִיבּעֶר גאָר קֵיין וואוּנדֶער נִיט, וואָס דִיזֶער וואָרט, ווֶעלכֶען יֶעדֶער האַלט אִין מוֹיל, ווֶערט אָבּעֶר פוּן יֶעדֶערֶען

פערשטאַנען גאַנץ אַנדערס, און אַפילו איין און דער זעלבער מענש ברויכט דיזען וואָרט אין פערשידענע צייטען גאָר אין פערשידענע זינען. אַ טהייל פערשטעהען אונטער איהם באַרי־קאַדען, שריפות, הריגות, גילאָטינען און נאָך אַזעלכע מינים טוידט־שרעקענעסען. אַנדערע, פערקעהרט, וואָלטען וועלען ביי איהם אַוועקנעהמען זיין גאַנצען סם־המות׳דיגען טעם, פאַר זיי איז די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן מעהר ניט ווי אַ גרויסע, אָבער אונ־בעמערקבאַרע, פריעדליכע אומענדערונג פון דער געזעלשאַפט, ווי צום ביישפיעל די אומענדערונג, וועלכע עס האָט געבראַכט די ענטדעקונג פון אַ מ ע ר י ק אַ, אָדער די ערפינדונג פון דער דאַמפף־מאַשין. צווישען די צוויי היפוכים געפינען זיך נאָך אַ סך פערשידענע צווישען־מדרגות.

אין דער פאָררעדע צו זיין ווערק „קריטיק פון דער פאָ־ליטישער עקאָנאָמיע“ בעשטימט מ אַ ר ק ס די סאָציאַלע רעוואָ־לוציאָן אַלס — די לאַנגזאַמערע אָדער גיכערע איבערקעהרענים פון דער גאַנצער רעכטליכער און פּאָליטישער געביידע פון געזעלשאַפט, וועלכע קומט פאָר דורך די פערענדערונג פון עקאָנאָמישען פונדאַמענט, אויף וועלכען זי איז געבויט.

ווען מיר זאָלען אָננעהמען דיזע בעשטימונג, דאַן ווערט קודם כל אויסגעשלאָסען פון דעם בעגריף פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן „די פערענדערונג פון עקאָנאָמישען פונדאַמענט“, ווי למשל אַזאַ עקאָנאָמישע פערענדערונג, וועלכע עס איז פאָר־געקומען דורך די ענטדעקונג פון אַ מ ע ר י ק אַ אָדער דורך די ערפינדונג פון דער דאַמפף־מאַשין. די פערענדערונג פון עקאָ־נאָמישען פונדאַמענט איז נאָר די אורזאַכע פון דער רעוואָ־לוציאָן, אָבער ניט די רעוואָלוציאָן אַליין.

אָבער ביי אַזאַ בעשטימונג פון בעגריף „סאָציאַלע רעוואָ־לוציאָן“ וויל איך זיך ניט אָבשטעלען. דיזען בעגריף קען מען פערשטעהען נאָך אין אַ ענגערען זינען, און דאַן בעדייטעט ניט יעדע איבערקעהרענים פון דער רעכטליכער און פּאָליטישער געביידע פון דער געזעלשאַפט אַ רעוואָלוציאָן, אונטער אַ רע־

װאָלוציאָן פֿאַרשטעהט מען דאַן מעהר נִיט װי אַ בּעזונדערע
פֿאָרם אָדער אַ בּעזונדערע מעטאָדע פֿון דער איבּער-
קעהרענִים.

יעדער סאָציאַליסט שטרעבּט צו דער סאָציאַלער רעוואָ-
לוציאָן אין װײַטערען זִנען, צו אַ פֿאָלקאָמענער איבּערקעהרענִים
פֿון געזעלשאַפֿטלִיכען לעבּען, און דאָך איז פֿאַראַן סאָציאַליסטען,
װעלכע זאָגען זִיך אָבּ פֿון דער רעװאָלוציאָן און װִילען
דערגרייכען די איבּערקעהרענִים פֿון געזעלשאַפֿטלִיכען לעבּען נאָר
דורך רעפֿאָרמען. געגען דער סאָציאַלער רעװאָלוציאָן
שטעלט מען אַרויס די סאָציאַלע רעפֿאָרמען, און אָט דיזע גע-
גענשטעלונג רופֿט איצט אַרויס היציגע װִיכּוחִים אין אונזערע
רייהען. איך װִיל דאָ רעדען װעגען דער סאָציאַלער רעװאָלוציאָן
נאָר אין ענגערען זִנען, נִיט װעגען דער רעװאָלוציאָן אַלס
אַ איבּערקעהרענִים פֿון געזעלשאַפֿטלִיכען לעבּען בּכלל, נאָר
װעגען דער רעװאָלוציאָן אַלס אַ בּעזונדערע מעטאָדע פֿון דיזער
איבּערקעהרענִים.

דער געגענזאַטץ צװִישען רעפֿאָרם און רעװאָלוציאָן
בּעשטעהט נִיט אין דעם, װאָס בּײַ אַ רעװאָלוציאָן
געבּרויכט מען געװאַלט און בּײַ רעפֿאָרמען געבּרויכט מען נִיט
קײַן געװאַלט. יעדער נײַער געזעץ און יעדע נײַע פּאָליטִישע
תקנה איז אַ געװִיסע געװאַלט-טהאַט, אַ זאַך, װעלכע די רעגירונג
פֿיהרט דורך מִיט געװאַלט. אויך בּעזונדערע פֿאָרמען פֿון גע-
װאַלט — װי למשל, גאַסען-קאַמפֿען און הריגות — זײַנען נאָך
נִיט דער עיקר פֿון אַ רעװאָלוציאָן און קענען איהר נִיט כאַ-
ראַקטערִיזִירען אין היפּוך צו אַ רעפֿאָרם. זיי װערען אַרויס-
גערופֿען דורך בּעזונדערע בּעדִינגונגען, זיי זײַנען גאָר נִיט נויטִיג
פֿערבּונדען מִיט אַ רעװאָלוציאָן און קענען אויך פֿאָרקומען בּײַ
אַ רעפֿאָרם. װען די פֿאָרשטעהער פֿון דער פֿראַנצויזִישער בּור-
זשואַזיע האָבּען דעם 17-טען יוני 1789 יאָהר ערקלערט זייער
פֿערזאַמלונג פֿאַר די פֿראַנצויזִישע נאַציאָנאַלפֿערזאַמלונג
(פּאַרלאַמענט), איז דאָס געװען אַ מורא'דִיג רעװאָלוציאָנערע

טהאַט אָהן אַ שום בלוטפֿערגיסונג. די זעלביגע פֿראַנקרייך האָט, פֿערקעהרט, איבערגעלעבט אין די יאָהרען 1774 און 1775 שרעקליכע פֿאָלקס-אויפֿשטאַנדען צוליעב אַ זאַך, וואָס האָט לחלוטין ניט געהאַט קיין שום רעוואָלוציאָנערען צוועק — צוליעב אַ ברויט-טאַקסע, וואָס זאָל מאַכען אַ סוף צו דעם שרעקליכען יקרות אויף ברויט. וועלכער עס האָט דאַמאָלסט געהערשט!

דאָס, וואָס מען ווייזט אָן אויף די גאַסען-קאַמפֿען און בלוטפֿערגיסונג, ווי אויף די סמנים פֿון רעוואָלוציאָן, — ווייזט אָבער אויך אָן אויף דעם קוואַל, פֿון וועלכען מיר קענען ערלערנען, אין וואָס עס בעשטעהט דער עיקר פֿון אַ רעוואָלוציאָן. די גרויסע איבערקעהרענישען, וועלכע עס האָט זיך אָנגעהויבען אין פֿראַנקרייך אין 1789 יאָהר, איז געוואָרען אַ מוסטער פֿון אַלע רעוואָלוציאָנען בכלל. אָט יענע איבערקעהרענישען וואָס מען די ערסטע זאַך אין זינען, ווען מען רעדט נאָר וועגען אַ רעוואָלוציאָן, בעטראַכטענדיג איזהר, קענען מיר אָט בעשטימען דערגעהען אין וואָס עס בעשטעהט דער עיקר פֿון אַ רעוואָלוציאָן און אין וואָס אייגענטליך בעשטעהט איהר געגענזאַטץ צו אַ רעפֿאָרם. איידער די רעוואָלוציאָן איז פֿאָרגעקומען אין פֿראַנקרייך האָט מען פּרובירט דורכצופֿיהרען אַ גאַנצע רייהע פֿון רעפֿאָרמען, צווישען וועלכע עס זיינען איבערהויפּט בעקאַנט די רעפֿאָרמען פֿון מיניסטער טיורגאָ, אַזעלכע רעפֿאָרמען, וועלכע האָבען אין פֿיעלע פּרטים געשטרעבט צו די איינגענע זאַכען, וועלכע די רעוואָלוציאָן האָט שפּעטער איינגעפֿיהרט. אין וואָס בעשטעהט דער אונטערשיעד צווישען די רעפֿאָרמען פֿון טיורגאָ און אָט דיזע נייע איינפֿיהרונגען פֿאַר דער רעוואָלוציאָן? צווישען זיי בייידען ליגט די איינגעהמונג פֿון דער פּאָליטישער מאַכט דורך אַ נייעם קלאַס. אָט אין דעם בעשטעהט דער הויפּט-אונטערשיעד צווישען אַ רעוואָלוציאָן און רעפֿאָרמען. נייע איינפֿיהרונגען אין דער מלוכה, וואָס האָבען דעם צוועק צו צופּאַסען די רעכטליכע און פּאָליטישע געביידע פֿון דער געזעל-

שאַפט צו די פערענדערטע עקאָנאָמישע בעדינגונגען, היסען
דאַן רעפאָרמען, ווען זיי געהען אַרויס פון די קלאַסען,
וועלכע האָבען נאָך ביז איצט עקאָנאָמיש און פאָליטיש געהערשט
איבער דער געזעלשאַפט; זיי הייסען רעפאָרמען אויך נאָך דאַן,
ווען אפילו די הערשענדע קלאַסען האָבען זיי איינגעפיהרט געגען
זייער איינענעם ווילען, נאָר וויל די אונטערדריקטע קלאַסען
אָדער די אומשטענדען גופא האָבען זיי מיט געוואַלט דערצו
געצוואונגען. פערקעהרט, די זעלביגע נייע איינפיהרונגען זיינען
די ווירקונגען פון רעוואָלוציאָן, ווען זיי געהען אַרויס פון
אַזאַ קלאַס, וועלכער איז ביז איצט געוועזען עקאָנאָמיש און פאָלי=
טיש אונטערדריקט און וועלכער האָט נאָר וואָס אַריינגענומען
אין זיינע הענד די פאָליטישע מאַכט, וועלכע ער מוז צוליעב
זיין איינענעם אינטערעס נויטוענדיג בענוטצען אויף איבערצו=
קעהרען גיכער אָדער לאַנגזאַמער די גאַנצע רעכטליכע און
פאָליטישע געביידע און אויף צו געשאַפען נייע פאָרמען פון
דער געזעלשאַפטליכער געמיינזאַמער טהעטיגקייט.
די איינעהמונג פון דער מלוכה-מאַכט דורך אַ קלאַס,
וואָס איז ביז איצט געוועזען אונטערדריקט, ד. ה. פאָליטישע
רעוואָלוציאָן, אָט דאָס איז דער עיקר-סמן פון דער סאָציאַ=
אַלער רעוואָלוציאָן אין ענגערען זינן אין היפך צו סאָצי=
יאַלע רעפאָרמען. ווער עס זאָגט זיך אָב פרינציפיעל פון
דער פאָליטישער רעוואָלוציאָן יוי פון אַ מיטעל צו דער געזעל=
שאַפטליכער איבערקעהרעניש, אָדער ווער עס וויל די גאַנצע
געזעלשאַפטליכע איבערקעהרענים דערגרייכען דורך אַזעלכע נייע
איינפיהרונגען, וועלכע מען קען בעקומען פון די הערשענדע
קלאַסען, — דער איז אַ סאָציאַל-רעפאָרמער, ווי גרויס
עס זאָל ניט זיין דער אָנגרונד צווישען זיין געזעלשאַפטליכען
אידעאַל און דער עקסיסטירענדער געזעלשאַפטס-אָרדנונג. פער=
קעהרט, דער איז אַ רעוואָלוציאָנער, ווער עס שטרעבט דערצו,
אַז אַ געוויסער קלאַס, וועלכער איז ביזהער געוועזען אונטערדריקט,
זאָל אַריינעהמען די פאָליטישע מאַכט אין זיינע הענד. ער

פֶערלִירט נִיט דֶעם כאַראַקטֶער פוּן אַ רֶעוואָלוּציאָנֶער אוֹיךְ דאַן, ווען ער שטרעבּט צוּצוּגרײכֶען אוּן צוּ פֶערגרֶעסֶערֶען דִיזֶע אײנֶעהמוּנג פוּן דֶער פּאָלִיטִישֶער מאַכט דוּרךְ סאָציאַלֶע רֶעפאָרמֶען, ווֶעלכֶע עֶר זוּכט אַרוֹיסצוּרײסֶען בּײַ דִי הֶערשֶענדֶע קלאַסֶען. דֶער סאָציאַל-רֶעפאָרמֶער אוּנטֶערשֵׁיידט זִיךְ פוּן סאָציאַל-רֶעוואָלוּציאָנֶער נִיט דוּרךְ דֶעם, וואָס עֶר שטרֶעבּט צוּ סאָציאַלֶע רֶעפאָרמֶען, נאָר דוּרךְ דֶעם, וואָס עֶר בֶּענוּגֶענט זִיךְ מִיט דִי סאָציאַלֶע רֶעפאָרמֶען אוּן ווײטֶער פוּן זֵיי גֶעהט עֶר נִיט. פוּן דֶער אַנדֶערֶער זײט קֶען נאָר דִי פּאָלִיטִישֶע רֶעוואָלוּציאָן ווערֶען אַ סאָציאַלֶע רֶעוואָלוּציאָן, ווֶעלכֶע גֶעהט אַרוֹיס פוּן אַזאַ קלאַס, וואָס אִיז בִּיז אִיצט גֶעווֶען אוּנטֶערדרִיקט אִין דֶער גֶעזֶעלשאַפט אוּן ווֶעלכֶער אִיז גֶעצווּאוּנגֶען צוּ פֶערֶענדִיגֶען זײַן פּאָלִיטִישֶע בֶּעפרײַאוּנג דוּרךְ זײַן סאָציאַלֶער בֶּעפרײַאוּנג, ווײַל דִי גֶעזֶעלשאַפטלִיכֶע לאַגֶע, ווֶעלכֶע עֶר האָט בִּיז אִיצט פֶערנוּמֶען קֶען אוֹיף קײן שוּם אוֹפֶן נִיט עֶקסִיסטִירֶען אִין אײן צײט מִיט זײַן פּאָלִיטִישֶער הֶערשאַפט. אַ מחלוקת צווִישֶען דִי הֶערשֶענדֶע קלאַסֶען גוּפא, זִי מֶעג אָננֶעהמֶען דִי בּלוּטִיגסטֶע פאָרמֶען פוּן אַ בִּירגֶער-קרִיעג, אִיז נאָךְ נִיט קײן סאָציאַלֶע רֶעוואָלוּציאָן.

ווײטֶער ווֶעלֶען מִיר רֶעדֶען פוּן דֶער סאָציאַלֶער רֶעוואָלוּציאָן נאָר אִין דֶעם זִינֶען ווִי דאָ אִיז עֶרקלֶערט גֶעוואָרֶען.

---

2 עֶוואָלוּציאָן אוּן רֶעוואָלוּציאָן.

אַ סאָציאַלֶע רֶעפאָרם קֶען זִיךְ זֶעהר גוּט פֶערטראָגֶען מִיט דִי אִינטֶערֶעסֶען פוּן דִי הֶערשֶענדֶע קלאַסֶען, אָפטמאָל בֶּערִיהרט זִי אַפִילוּ נִיט דִי גֶעזֶעלשאַפטלִיכֶע מאַכט פוּן דִיזֶע קלאַסֶען אוּן קֶען בּײַ גֶעווִיסֶע בֶּעדִינגוּנגֶען אַפִילוּ נאָךְ פֶערשטאַרקֶען דִיזֶע מאַכט. אַ סאָציאַלֶע רֶעוואָלוּציאָן קֶען זִיךְ, פֶערקֶעהרט, בּשוּם אוֹפֶן נִיט פֶערטראָגֶען מִיט דִי אִינטֶערֶעסֶען פוּן דִי הֶערשֶענדֶע

קלאַסען, ווייל זיי בעדייטעט אין יעדען פאַל די פערניכטונג פון זייער מאַכט. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס די הער־שענדע קלאַסען פון דער אָדער יענער צייט פלעגען שטענדיג מאַכען בלבולים אויף דער רעוואָלוציאָן און פלעגען זוכען איהר שטענדיג צו בעקעמפען, און ווען זיי פלעגען פיהלען אַז זיי זיינען ניט זיכער מיט זייער לאַגע, פלעגען זיי גלייך אַרויס־שטעלען געגען דער אידעע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן די אידעע פון סאָציאַלע רעפאָרמען, וועלכע זיי פלעגען אויפהויבען בּיז'ן הימעל אַריין, ניט דערלאָזענדיג, פערשטעהט זיך, זעהר אָפט, אַז זיי זאָלען זיך פערווירקליכען אויף דער ערד.

די ראַיות, וואָס מען שטעלט אַרויס געגען דער רעוואָ־לוציאָן, ענטלייהט מען שטענדיג ביי דעם אַרט דענקען, וועלכער עס הערשט צו דער אָדער יענער צייט. כל זמן דער קריסטענ־טום האָט בעהערשט דעם מענשליכען געדאַנק, האָט מען די רעוואָלוציאָן מבטל געמאַכט ווי אַ זינדיגע מרידה (אַ בונט) געגען די ממשלה (הערשאַפט), וואָס איז איינגעשטעלט פון גאָט אַליין. אין דעם נייעם טעסטאַמענט (ברית חדשה, די קריסטליכע ביבעל) האָט מען געפונען דערפאַר גענוג ראַיות, ווייל ער איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אין דער צייט פון די רוימישע קיסרים, אין עפּאָכע, ווען עס האָט זיך געדוכט אַז עס איז ניטאָ קיין פונק האָפנונג, אַז עס זאָל זיך איינגעבען אַ'ן אויפשטאַנד געגען די הערשענדע געוועלטיגער, ווען דער גאַנצער זעלבסטשטענדיגער פּאָליטישער לעבען איז אָבגעשטאָרבען. די רעוואָלוציאָנערע קלאַסען פלעגען, פערשטעהט זיך, ענטפערען מיט ראַיות פון אַלטען טעסטאַמענט (תנ"ך), אין וועלכען עס לעבט נאָך אין אַ סך ערטער דער גייסט פון דער פּאַרציייטיגער בויער־ליכער דעמאָקראַטיע.

שפּעטער, בשעת דער טעאָלאָגישער אַרט דענקען האָט אָבגעטרעטען דעם אָרט דעם יוריסטישען *), האָט מען די

---

[1]) דער טעאָלאָגישער אַרט דענקען בּעשטעהט אין דעם, וואָס מען

רעוואָלוציאָן בּעשטימט אין דעם זינען, אַז זי צובּרעכט מיט געוואַלט די עקסיסטירענדע רעכטסאָרדנונג: קיינער אָבּער האָט ניט קיין שום רעכט צו צערשטערען דעם רעכט; נעהמען זיך אַ רעכט צו מאַכען אַ רעוואָלוציאָן איז דעריבּער אַ'ן אַבּסורד, אַ זאַך וואָס האָט קיין שום זינען ניט, און אין יעדען פאַל איז די רעוואָלוציאָן אַ'ן אונרעכט. אָבּער די פאָרשטעהער פון די קלאַסען, וועלכע האָבּען געשטרעבּט זיך צו שטעלען אויף די פיס — די פאָרשטעהער פון די רעוואָלוציאָנערע קלאַסען האָבּען געגען דעם עקסיסטירענדען רעכט, וועלכער האָט זיך אויסגע-אַרבּייט אין גאַנג פון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג, אַוועק-געשטעלט דעם נייעם רעכט, צו וועלכען זיי האָבּען געשטרעבּט, אַלס אַ אייבּיגען נאַטור-רעכט, וועלכען עס פאָדערט די מענש-ליכע טבע און דער מענשליכער פערשטאַנד, אַלס אַ אמת'ן רעכט פון מענשען, וועלכען מען טאָר בּיי איהם ניט אַוועק-

קוקט אויף אלץ פון רעליגיעזען שטאַנדפונקט און יעדע מענשליכע טהעטיגקייט בעטראכט מען אלס א מצוה אדער א'ן עברה. אזא אַרט דענקען האט אומעטום געהערשט אין דער צייט פון מיטעלאַלטער. דער יוריסטישער אַרט דענקען בעשטעהט אין דעם, וואס אויף אלין קוקט מען פון רעכט-ליכען שטאַנדפונקט און יעדע מענשליכע טהעטיגקייט בעטראכט מען אלס א רעכט אדער א'ן אונרעכט. אין דיזען אַרט דענקען האבען צווישען זיך געקעמפּפט צוויי ריכטונגען: פון איין זייט דער היסטאָרישער רעכט, נאך וועלכען עס איז אויסגעקומען, אז די גאנצע געזעלשאפטליכע אָרדנונג פון יענער צייט האט געהאט דעם רעכט צו עקסיסטירען אזוי ווי זי איז, ווייל אזוי פיהרט זיך היסטאָריש שוין פון פיעלע דורות; דעריבער איז פון דיזען שטאנדפונקט יעדע שטרעבונג איבערצומאכען די געזעלשאפט געווען א'ן אונרעכט; פון דער אנדער זייט — דער נאַטור-רעכט, נאך וועלכען דער אמת'ער מענשליכער רעכט בעשטעהט אין דעם, וואס דער מענש דארף פאלגען און נאכגעהן נאך זיינע נאטירליכע נייגונגען און שטרע-בונגען, אבער אזוי ווי די דאמאָלסדיגע געזעלשאַפטליכע ארדנונג האט גע-שטערט דעם מענשען צו געהן וואוהין זיין אייגענע נאטור האט איהם גע-צויגען, דעריבער איז פון דיזען שטאנדפונקט אזא ארדנונג געווען א'ן אונרעכט און קעמפּפען געגען איהר איז געווען א גערעכטיגקייט.

דער איבערזעטצער.

נעהמען. זיך צוריק דערשלאָגען אַט צו דיזען רעכט, וועלכער האָט געקענט פערלאָרען געהען ניט אַנדערס, ווי נאָר דורך דיזעם, וואָס מען האָט דורך פּאַ׳שקייט און געוואַלט געבּראָכען דיזעם רעכט, האָט אויף קיין שום אופן ניט געקענט זיין קיין צו-שטערונג פון רעכט, אפילו ווען מען וואָלט דאָס דערגרייכען דורך אַ רעוואָלוציאָן.

בּיי היינטיגע צייטען שרעקען שוין קיינעם ניט די טעאָלאָ-גישע ראיות זוין ווערטלעך, ווענינער ווי אַלץ די רעוואָלוציאָנערע גאַססע פון פאָלק, אָבּער אויך די ראיות פון היסטאָרישען רעכט האָבּען שוין אויך פערלאָרען זייער קראַפט. דער רעוואָלוציאָנערער וואָרצעל פון היינטיגען רעכט און פון היינטיגע רעגירונגען איז נאָך פאָרט צו יונג, אַז מען זאָל זיי קענען בּריינגען פאַר עדות פאַר די „געזעצליכקייט" פון די עקסיסטירענדע פּאָליטישע אָרד-נונגען, ניט נאָר די רעגירונגען פון פראַנקרייך, נאָר אויך די קיסר׳ליכע פאַמיליעס פון איטאַליען, שפּאַניען, בּולגאַ-ריען, ענגלאַנד, האָללאַנד זיינען פון רעוואָלוציאָנערער אָבּשטאַמונג; די קעניגען פון בּאַיערען און ווירטעמבּערג, די גרויס-הערצאָגען (פירסטען) פון בּאַדען און העססען האָבּען צו פערדאַנקען ניט נאָר זייער טיטול, נאָר אויך היבשע שטיקער פון זייער לאַנד נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען, דעם רעוואָלוציאָנערען „אויפגעקומענעם" קיסר פון פראַנקרייך [1]; די האָהענצאָלערן (די איצטיגע קיסרים פון דייטשלאַנד) האָבּען געבּויט זייער איצטיגע מאַכט אויף די חורבות פון די צערשמעטערטע טראָנען פון די פריהערדיגע דייטשע פירסטען. און אַפילו די האַבּסבּורגער (די קיסרים פון עסטרייך) האָ-

---

[1] נאַפּאָלעאָן דער ערסטער איז, ווי עס איז בעקאַנט, פון א פראַסטען אָפיציר אין א קורצע צייט געווארען דער גרעסטער גענעראל פון דער פראנצויזישער רעוואלוציאָנערער אַרמיי אין דער צייט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן, און מיט דער הילף פון דער ארמיי האט זיך איהם איינגעגעבּען זיך ארויפצוחאפּען אויף׳ן פראנצויזישען טראָן.

איבּערזעטצ.

הען אָבגעגעבען כּבוד דער רעוואָלוציאָן פון אונגארן. דער אונגארישער רעוואָלוציאָנער אנדראשי, וועלכען מען האט „אין בילד" [1]) געהאנגען אין 1852 יאָהר, אלס א מלוכה-פערראַטהער, א מורד במלכות, איז אין 1867 יאָהר געוואָרען קייזערליכער מיניסטער, פערבלייבענדיג טריי דער אידעע פון דער נאציאָנאלער אונגארישער רעוואָלוציאָן פון 1848 יאָהר.

די בורזשואזיע אליין האט גענומען א לעבעדיגען אנטהייל אין אלע דיזע דורכברעכונגען פון היסטאָרישען רעכט. זי האט דעריבער שוין ניט געקענט, בשעת זי איז אליין געוואָרען א הערשענדער קלאס, ארויסטרעטען געגען דער רעוואָלוציאָן אין נאָמען פון היסטאָרישען רעכט, האָטש איהר רעכטס-פילאָזאָפיע האט זיך בעמיהט מיט אלע מעגליכקייטען צו מאכען א פשרה צווישען דעם נאטור-רעכט און היסטאָרישען רעכט. זי האט געמוזט זוכען שטארקערע ראיות, כדי צו פער'מיאוס'ען די רעוואָלוציאָן, און זי האט זיי געפונען אין דעם נייעם ארט דענקען, וועלכער איז צוזאמען מיט איהר אויפגעקומען, אין דעם נאטור-וויסענשאפטליכען דענקען. כל-זמן די בורזשואזיע איז נאך געווען רעוואָלוציאָנער, האט געהערשט אויך אין דער נאטור-וויסענשאפט (געאָלאָגיע און ביאָלאָגיע [2]) די קאטאסטראָפען

---

[1]) אויפהענגען אימיצען „אין בילד" — הייסט, אין פאל ווען די פערזאָן, וועלכע איז פער'משפט צום טוידט, איז ענטלאפען, אויספיהרען דעם משפט אויף זיין פאָרטרעט, ד. ה. פשוט אויפהענגען דעם בילד.

איבערזעטצ.

[2]) די ערד איז א פייערדיגער קויל פון צוגליהטע מעטאלען, וועלכער איז ארום און ארום בעצויגען מיט א הארטע קאָרע, וואס איז גראָב לערך 100,80 וויאָרסט. דיזע קאָרע איז צוזאמענגעלעגט פון פערשידענע שיכטען: זאמדיגע, שטיינערנע; שיכטען פון ליים, פון קרייד, פון שטיינקויהלען א. ז. וו. די וויסענשאפט, וועלכע ערלערנט ווי אזוי און אין וועלכער צייט עס האבען זיך אבגעלעגט דיזע שיכטען איינע אויף די אנדערע — הייסט געאָלאָגיע.

ביאָלאָגיע הייסט די וויסענשאפט, וועלכע ערלערנט ווי אזוי זיינען פאָרגעקומען אויף דער ערד אלערליי מינים פון חיות און בהמות, בוימער און געוואוקסען און ווי אזוי זיי ענטוויקלען זיך. איבערז.

טעאָריען[1]), וועלכע איז געווען געגרינדעט אויף דער מיינונג, אַז די נאַטור ענטוויקעלט זיך דורך פּלוצליכע גרויסע שפּרונגען און איבערקעהרעניסען. קוים האָט זיך אָבער געענדיגט די בירגערליכע רעוואָלוציאָן, ווי עס איז אַרויסגעטראָטען אויף דעם אָרט פון דער קאַטאַסטראָפען-טעאָריע — די טעאָריע פון דער לאַנגזאַמער, אומבעמערקליכער ענטוויקלונג, וועלכע קומט אַרויס אַלס אַ רעזולטאַט פון דער אָנזאַמלונג פון אַ מורא'דיגע מאַסע קליינינקע, אומבעמערקליכע פאָרטשריטען און צופּאַסונגען אין קאַמפּף פאַרן לעבען. דער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע איז דער געדאַנק, אַז אויך אין דער נאַטור קומען פאָר קאַטאַסטראָפען, געווען זעהר נאָהענט; פערקערט, דער קאָנסערוואַטיווער בורזשואַזיע האָט דיזער געדאַנק אויסגעוויזען אָהן אַ שום זינען און ניט נאַטירליך.

איך וויל, פערשטעהט זיך, ניט זאָגען, אַז די טעאָריען פון די נאַטורפאָרשער ווערען יעדעס מאָל בעשטימט דורך די פּאָליטישע און סאָציאַלע בעדערפניסען פון דער בורזשואַזיע. גראַדע די פאָרשטעהער פון דער קאַטאַסטראָפען-טעאָריע זיינען צייטענווייז געווען היבש רעאַקציאָנער און ווענינגער ווי אַלע רעוואָלוצי-

[1]) קאַטאַסטראָפען — פּלוצליכע איבערקעהרעניסען, וועלכע קומען פאָר מיט איין מאָל. די קאַטאַסטראָפען-טעאָריע בעשטעהט אין פאָלגענדע: מיר זעהען גאַנץ אָפט אין דער נאַטור מורא'דיגע ערשיינונגען, וועלכע קומען פּלוצלונג, גאָר ניט ערוואַרטעט און מאַכען אַן שרעקליכע איבערקעהרעניסען. אַזוי קומען פאָר ערדציטערניסען, דאַס פייער-שפּייען פון וואולקאַנען, מורא'דיגע געוויטערען און ד. ג., וועלכע מאַכען חרוב אין איין מינוט גאַנצע געגענדען: דאָרט וואו עס איז געווען אַ באַרג ווערט אַ אַבגרונד, אויף דעם אָרט פון פרוכטבאַרע פעלדער מיט גערטנער ווערען וויסטע מדבריות, וואו עס איז געווען אַ טרוקענער אָרט — ווערט אַ ים וואַסער א. ז. וו. די קאַטאַסטראָפען-טעאָריע ערקלערט, אַז אין דער נאַטור קומען פאָר שטענדיג פּלוצליכע, ניט ערוואַרטעטע איבערקעהרעניסען — קאַטאַסטראָפען, נאָך וועלכע די ערד בעקומט גאָר אַ'ן אַנדער פּנים, און דורך אַזעלכע קאַטאַסטראָפען געהען שטענדיג אונטער די אַלטע פאָרמען און עס ווערען געבוירען נייע פאָרמען.

דער איבערזעצער.

אַנער. אָבער אויף יעדערען, גאָר נִיט ווילענדיג, ווירקט דער אַרט דענקען פון קלאַס, אין וועלכען ער לעבט, און יעדער טראָגט אַרײַן עטוואָס פון איהם אין זײַנע ווִיסענשאַפטליכע מיינונגען. בײַ דאַרווין׳ען וויסען מיר אויף געוויס, אַז אויף זײַנע נאַטורוויסענ־שאַפטליכע סברות האָבען פיעל געווירקט די עקאָנאָמישע טעאָ־ריען פון מאַלטוס׳ען [1]), דעם ביטערען געגנער פון דער רעֽ־וואָלוציאָן. עס איז אודאי נִיט קײן צופאַל, וואָס די טעאָריען פון דער רעוואָלוציאָן (די ענטוויקלונגס-טעאָריען) פון לאַיעל און דאַרווין [2]) שטאַמען אַרויס פון ענגלאַנד, פון דעם לאַנד, וואו מען זעהט אין דעם משך פון 250 יאָהר מעהר נִיט ווי גע־וויסע אָנהײבען און טענדענצען צו רעוואָלוציאָנען, בײַ וועלכע די העררשענדע קלאַסען האָבען זעהר גוט שטענדיג פערשטאַנען ווי אָבצוברעכען פונקט צו דער צײַט דעם שטעכענדיגען שפּיץ.

פאַר די ריכטיגקײַט אָדער נִיט־ריכטיגקײַט פון אַ געוויסער מיינונג האָט, פערשטעהט זיך, גאָר נִיט צוזאָגען דער פאַקט, וואָס

---

[1]) מאַלטוס איז געווען אַ ענגלישער עקאָנאָמיסט. זיינע הויפּט־לעהרען זיינען בעשטאַנען אין דעם, אַז די מענשליכע בעפעלקערונג פון דער ערד פערגרעסערט אין פערמעהרט זיך אין פיעל מאָל מעהרער איידער די פּראָדוקטען, וועלכע די נאַטור קען געבען פאַר דער ערנעהרונג פון דער מענשהייט. אין דערינען, נאָך זיין מיינונג, בעשטעהט די אורזאַכע פון דער אָרעמקייט און עלענד, וועלכע העררשט אין דער געזעלשאַפט.

דער איבערזעטצער.

[2]) לאַיעל און דאַרווין זיינען געווען די בעריהמטעסטע ענגלישע געלעהרטע, וועלכע האָבען מיט זייערע לעהרען פעסטגעשטעלט די טעאָריע פון דער ענטוויקלונג, פון דער עוואָלוציאָן (עוואָלוציאָן הייסט ענטוויקלונג). לאַיעל האָט אויפגעוויזען, אַז די ערשיינונגען אין דער נאַטור, וועלכע רופען זיך אין געאָלאָגיע מיט דעם נאָמען קאַטאַסטראָפען (פּלוצליכע איבער־קעהרעניסען), קומען פאַר נִיט פּלוצלונג, מיט אַ מאָל, נאָר דורך אַ ווייטע לאַנגזאַמע ענטוויקלונג. דאָס זעלבע האָט אויך דערוויזען דאַרווין אין דער ביאָלאָגיע, אַז די אַלערליי מינים חיות און געוואַקסען זיינען נִיט מיט אַ מאָל בעשאַפען געוואָרען, נאָר זיי האָבען זיך זעהר לאַנגזאַם, אין דעם משך פון טויזענדער דורות, ענטוויקעלט איינע פון די אַנדערע.

דער איבערזעטצער.

אויף איהר האָט געווירקט די שטימונג פון די קלאַסען, פון וועלכע זי שטאַמט אַרויס. אָבער אָן די שטימונג פון די קלאַסען ווענדט זיך דערפאַר, צו דיזע מיינונג ווערט אָנגענומען און פערבריַיטערט, צו ניט. ווען די נייע טעאָריען פון דער ענטוויקלונג זיינען אַזוי שנעל און בעגייסטערט אויפגענומען געוואָרען פון בריַיטע פאָלקסמאַססען וועלכע האָבען לחלוטין קיין שום מעגליכקייט ניט געהאַט דיזע טעאָריען אויסצופּרובירען, ליגט די אורזאַכע דערפון אין דעם, וואָס זיי זיינען געווען צוגעפּאַסט צו די בעדערפניסען, וועלכע די פאָלקסמאַססען האָבען טיעף געפיהלט פון איין זייט—און דערפאַר האָבען זיי בעקומען אַ גרויסע ווערטה אויך פאַר די רעוואָלוציאָנערע מאַססען—ערקלערען זיי פיעל דייטליכער און גרינדליכער, איידער די אַלטע קאַטאַסטראָפען-טעאָריען, אויף ווי פיעל עס איז ניט נויטיג אָנצונעהמען אַ וועלכע עס איז איבערנאַטירליכע מאַכט, דורך וועלכע די וועלט איז ביסלעכוויַיז בעשאַפען געוואָרען; פון דער אַנדערער זייט—און דעריבער געפעלען זיי דאָס רוב דער בורזשואַזיע—ערקלערען זיי יעדע רעוואָלוציאָן, יעדע קאַטאַסטראָפע פאַר אַ ניט נאַטירליכע זאַך, פאַר אַ זאַך, וועלכע איז געגען די נאַטורגעזעצען, אַלזאָ אויך — אָן אַ שום זינען. ווער עס וויל הייַנט וויסענשאַפטליך מבטל זיין די רעוואָלוציאָן, דער טהוט דאָס אין נאָמען פון דער נאַטורוויסענשאַפטליכער טעאָריע פון דער עוואָלוציאָן, וועלכע ערקלערט, אַז די נאַטור קען ניט מאַכען קיין שפּרונג, קיין איבערהיפּונג, אַז יעדע פּלוצליכע אימענדרונג פון די געזעלשאַפטליכע בעדינגונגען איז אונמעגליך, אַז דער פאָרטשריט קען געהען וויַיטער נאָר אויף דעם וועג פון דער אָנזאַמלונג און צוזאַמענלעגונג פון די קלענסטע פערענדערונגען און פערבעסערונגען, וועלכע עס רופען זיך אין דער געזעלשאַפט מיט דעם נאָמען סאָציאַל-רעפאָרמען. בעטראַכטענדיג די רעוואָלוציאָן פון דיזען שטאַנדפּונקט, קומט אויס, אַז זי איז גאָר אַ אונוויסענשאַפטליכער בעגריף, וועלכער רופט אַרויס ביַי די וויסענשאַפליך געבילדעטע לייט נאָר אַ קוועטש מיט די פּלייצעס.

אויף דעראויף וואָלט מען געקענט ענטפערען, אַז עס איז דאָך קיין שכל ניט סתם אין דער וועלט אַריין גלייכצושטעלען אַ פּראָצעס פון ערשיינונגען אין געזעלשאַפטליכען לעבען מיט אַ פּראָצעס פון ערשיינונגען אין דער נאַטור. אונבעוואוסט האָבען טאַקי אונזערע נאַטורוויסענשאַפטליכע און געזעלשאַפטליכע טעאָ-ריען אַ געוויסע ווירקונג איינע אויף די אַנדערע, אַזוי ווי מיר האָבען דאָס נאָר וואָס געזעהען, אָבער דאָס איז דוקא ניט קיין מעלה און מיר טאָרען ניט בעוואוסטערהייט דירעקט אַריבער-טראָגען די געזעצען פון איין וויסענשאַפט אין דער אַנדערער, מיר דאַרפען פערקעהרט, דאָס טהאָן וואָס ווייניגער און ענגער. געוויס קען יעדער פאָרטשריט אין די בעטראַכטונגס-מעטאָדען און אין די טעאָריען פון איין וויסענשאַפט מיטהעלפען און העלפט טאַקי מיט צו דער וויטערער ענטוויקלונג פון אונזערע מעטאָדען און טעאָריען פון דער אַנדערער וויסענשאַפט, אָבער דאָס איז אויך געוויס, אַז יעדע וויסענשאַפט בעזונדער האָט זיך איהרע אייגענע געזעצען, וועלכע טויגען ניט פאַר דער אַנדערער וויסענשאַפט.

שוין די ניט-לעבעדיגע און לעבעדיגע נאַטור מוז מען שטרענג אָבשיידען איינע פון דער אַנדערער, און עס וועט קיינעם ניט איינפאַלען צו נעהמען אַ געזעטץ, וועלכער איז ריכטיג פאַר איינעם פון דיזע געביעטען, און איהם פשוט אָהן שאלות און מעלות אַריבערטראָגען אויף דעם אַנדערען געביעט, מעהר ניט ווייל די ערשיינונגען זיינען נאָך'ן אויסזעהען נאָך ענליך, ווי צום ביישפּיל נעהמען פּראָסט אַ געזעטץ פון דער כעמיע און דורך איהם ערקלערען די פראַגע: ווי אַזוי מעהרען און פרוכפּערען זיך אַלערליי מינים חיות און געוואוקסען, און ווי אַזוי לאָזען זיי איבער בירושה פון איין דור צום אַנדערען זייער טבע? אָבער מען טהוט אויך דעם זעלבען פעהלער, ווען מען נעהמט פשוט די געזעטצען פון דער נאַטורוויסענשאַפט און מען ערקלערט מיט זיי די ערשיינונגען פון געזעלשאַפטליכען לעבען, ווען מען דרינגט, למשל, פון דעם, וואָס אין דער נאַטור הערשט אַ שטענדיגער קאַמפּף צווישען אַלע בעשעפעניסען פאַר דער עקסיסטענץ, אַז

דִי קאָנקורעֶנץ צווִישעֶן מעֶנשעֶן אִיז אַ נאַטִירלִיכעֶ נויטווענדִיגקײַט אָדעֶר יועֶן מעֶן פִיהרט אויס פון דִי געֶזעֶטצעֶן פון דעֶר נאַטִיר־לִיכעֶר עֶיואָלוצִיאָן, אַז דִי געֶזעֶלשאַפטלִיכעֶ רעֶוואָלוצִיאָן האָט נִיט קײַן שום זִינעֶן און אִיז אַ׳ן אומעֶגלִיכעֶ זאַך.

מעֶן וואָלט אָבעֶר געֶקעֶנט נאָך מעֶהר עֶנטפעֶרעֶן, חאָטש אַפילו דִי אַלעֶ קאַטאַסטראָפעֶן־טעֶאָרִיעֶן זײַנעֶן שוין לאַנג אָבגעֶ־שטאָרבעֶן אִין דעֶר נאַטורווִיסעֶנשאַפט, טרעֶפעֶן אָבעֶר אויך דִי נײַעֶ טעֶאָרִיעֶן, וועֶלכעֶ עֶרקלעֶרעֶן דִי עֶיואָלוצִיאָן נִיט מעֶהר ווִי פאַר אַ שטעֶנדִיגעֶ אָנזאַמלונג און צוזאַמעֶנלעֶגונג פון קלעֶנסטעֶ, אונבעֶמעֶרקלִיכעֶ פעֶרעֶנדעֶרונגעֶן, אַלץ אַ שטאַרקעֶרעֶ אָפּאָזִיצִיאָן. אויף אֵיין זײַט וואַקסט דִי נִיגונג צו קאָנסעֶרוואַטִיוועֶ טעֶאָרִיעֶן, וועֶלכעֶ בעֶגרעֶנעֶצעֶן גאָר דִי עֶיואָלוצִיאָן גופא מִיט זעֶהר עֶנגעֶ ראַהמעֶן, אָבעֶר אויף דעֶר אַנדעֶרעֶר זײַט צווִינגעֶן דִי פאַקטעֶן צו לאָזעֶן ווִידעֶר פאַר דִי קאַטאַסטראָפעֶן מעֶהר אָרט אִין דעֶר נאַ־טִירלִיכעֶר עֶנטווִיקלונג. דאָס אִיז נוגע לאַיעֶל׳ס טעֶאָרִיעֶן פון דעֶר געֶאָלאָגִישעֶר עֶיואָלוצִיאָן, ווִי דאַרווִין׳ס טעֶאָרִיעֶן פון דעֶר קעֶרפּעֶרלִיכעֶר עֶוואָלוצִיאָן.

בײַ הײַנטִיגעֶ צײַטעֶן טרעֶט אַרויס אַ געֶווִיסעֶ סִינטעֶזעֶ [1]), אַ צוזאַמעֶנשמעֶלצונג פון דִי אַלטעֶ קאַטאַסטראָפעֶן־טעֶאָרעֶן מִיט דִי נײַעֶרעֶ עֶוואָלוצִיאָנס־טעֶאָרִיעֶן, וועֶלכעֶ אִיז עֶהנלִיך צו דעֶר סִינטעֶזעֶ, וועֶלכעֶ דִיזעֶ בײדעֶ טעֶאָרִיעֶן האָבעֶן געֶפונעֶן אִין מאַרקסִיזמוס. אַזוי ווִי דעֶר מאַרקסִיזמוס מאַכט אַ׳ן אונטעֶרשִיעד צווִישעֶן דעֶר לאַנגזאַמעֶר עֶקאָנאָמִישעֶר עֶנטווִיקלונג און גִי־כעֶרעֶר אִיבעֶרקעֶהרעֶנִיס פון דעֶר רעֶכטלִיכעֶר און פּאָלִיטִישעֶר געֶבײַדעֶ פון דעֶר געֶזעֶלשאַפט, אַזוי זײַנעֶן אויך מודה אֵיינִיגעֶ נײַעֶ בִיאָלאָגִישעֶ און געֶאָלאָגִישעֶ טעֶאָרִיעֶן, אַז נעֶבעֶן דעֶר לאַנגזאַמעֶר אָנזאַמלונג און צוזאַמעֶנלעֶגונג פון קלײנעֶ און קלעֶנסטעֶ פעֶרעֶנ־

[1]) א סינטעזע (צוזאמענשטעלונג) הייסט א געוויסער געדאנקענגאנג, וועלכער בעשטעהט אין דעם, וואס צוויי געגענזעטצליכע, היפכ׳דיגע מיינונגען שמעלצען זיך צוזאמען צו איין דריטער מיינונג.

דער איבערזעטצער.

דערונגען, קומען אויך פאר פלוצליכע מורא'דיגע איבערקעהרעניסען אין די פארמען, — קאטאסטראפען, וועלכע נעהמען זיך גראדע פון דיזער אנזאמלונג און צוזאמענלעגונג פון די קליינע פערענדערונגען.

א מערקווירדיגען ביישפיעל צו דעם, וואס איך האב דא געזאגט, גיבען אונז די בעטראכטונגען, וועלכע דע-פריעז האט פארגעלעגט אויף דעם לעטצטען צוזאמענפאהר פון די נאטורפארשער אין האמבורג. ער האט געפונען, אז די מינים פון חיות און געוואוקסען בלייבען א לאנגע צייט אונפערענדערט; איינִיגע מינים שטארבען אין גאנצען אויס, ווען זיי ווערען אלט און קענען זיך שוין מעהר ניט צופאסען צו די לעבענסבעדינגונגען, וועלכע עס האבען זיך פאר דער צייט אומגעענדערט. אנדערע מינים זיינען גליקליכער; פלוצלונג צופלאצען זיי, ווי ער אליין דריקט זיך אויס, און ענטוויקלען פון זיך פיעלערליי נייע פארמען, פון וועלכע איינִיגע בלייבען לעבען און פערמעהרען זיך, אנדערע, וועלכע קענען זיך ניט צופאסען צו די לעבענסבעדינגונגען, געהען אונטער.

איך האב דא קיין שום כונה ניט צו דרינגען פון דיזע נייע בעטראכטונגען עפעס פאר די רעוואלוציאנען. דאס וואלט הייסען מאכען דעם זעלבען טעות ווי יענע, וועלכע דרינגען פון דער רעוואלוציאנס-טעאריע, אז די רעוואלוציאן האט ניט קיין שום זינען. אבער צום ווענִיגסטענס בעווייזען אונז די אויבענדערמאנטע בעטראכטונגען, אז די נאטורפארשער אליין זיינען ניט איינשטימִיג וועגען דער ראלע, וועלכע די קאטאסטראפען שפיעלען אין דער ענטוויקלונג פון דער ערד און פון די קערפערס, אז עס וואלט שוין דעריבער נאר צוליעב דעם אליין געווען א גרויסער פעהלער, ווען מען וואלט נעהמען א וועלכע עס איז פון דיזע נאטורוויסענשאפטליכע סברות און איהר דרינגען אויף דער ראלע פון דער רעוואלוציאן אין דער געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג.

ווייל מען אבער, ניט קוקענדיג אויף אלץ, פארט נעהמען

ראיות פון דער נאַטור, דאַן קענען מיר ענטפערען מיט זעהר אַ פּאָפּולערען, אַלעמען בעקאַנטען בייִשפּיעל, וועלכער בעווייזט בעשיינפּערליך, אַז די נאַטור אַליין מאַכט אויך שפּרונגען און איבערהיפּונגען: איך מיין דאָ דעם פּראָצעס פון געבורט. דער פאַקט פון געבורט איז אַ שפּרונג, מיט איין קלאַפּ ווערט פון אַ וולד (דאָס קינד, וואָס ליעגט נאָך ביי דער מוטער אין בויך), וועלכער איז מעהר ניט ווי אַ טהייל פון דעם מוטערליכען קערפּער, וועלכער האָט די אייגענע בלוטבעוועגונג ווי דיזער קערפּער, דערנעהרט זיך פון איהם און האָט ניט קיין בעזונדערען אָטהעם,—ווערט מיט איין קלאַפּ אַ זעלבסטשטענדיגע מענשליכע בעשעפעניס, מיט אייגענע בלוטבעוועגונג, ער אָטהעמט און שרייט, ער בעקומט זיין אייגענעם עסען און פערדייט דאָס אין זיין אייגענעם מאָגען.

די ענהליכקייט צווישען געבורט און רעוואָלוציאָן איז ניט נוגע נאָר דעם פאַקט אַליין, וואָס דער פּראָצעס ענדיגט זיך מיט אַ געוויסען איבערשפּרונג. ווען מיר וועלען זיך נעהענטער צוקוקען, געפינען מיר דאַן, אַז דיזע פּלוצליכע איבערקעהרעניס, דיזער איבערשפּרונג ביי דער געבורט איז נוגע נאָר די פונקציאָנען, נאָר די טהעטיגקייט פון די אברים, די אברים ווערען ניט מיט אַ מאָל בעשאַפען, נאָר זיי ענטוויקלען זיך לאַנגזאַם, און ערסט אויף אַ געוויסער מדרגה פון דער ענטוויקלונג איז מעגליך יענער שפּרונג, וועלכער רופט אַרויס מיט איין קלאַפּ זייערע נייע פונקציאָנען, די טהעטיגקייט פון די אברים. קומט פאָר דיזער שפּרונג איידער די אברים האָבען דערגרייכט די נויטיגע מדרגה פון דער ענטוויקלונג, דאַן איז דער רעזולטאַט דערפון ניט דער אָנהויב פון די נייע פונקציאָנען פון די אברים נאָר דער אויפהערען פון אַלע פונקציאָנען, דער טוידט פון דעם נייעם בעשעפעניס. פון דער אַנדער זייט, ווי פיעל די אברים זאָלען זיך ניט ענטוויקלען אין דעם מוטערס בויך, קענען זיי דאָך ניט אָנהויבען זייער טהעטיגקייט אָהן דעם רעוואָלוציאָנערען

אַקט פון געבורט. אויף אַ געוויסער מדרגה פון דער ענטוויקלונג פון די אברים קען מען איהם ניט אויסמיידען.

די אייגענע זאך געפינען מיר אויך אין דער געזעלשאפט. אויך דאָ זיינען די רעוואָלוציאָנען דער רעזולטאט פון לאנגזאמע, ביסלעכווייז ענטוויקלונגען (עוואָלוציאָנען). אויך דאָ ענטוויקלען זיך לאנגזאם די געזעלשאפטליכע אברים, וואָס מען קען אומען-דערען פלוצלונג, מיט איין קלאפּ, רעוואָלוציאָנער - איז דאָס נאָר זייערע פונקציאָנען. די אייזענבאהנען זיינען ניט מיט אַ מאָל גע-וואָרען, זיי האָבען זיך לאנגזאם ענטוויקעלט. דערפאר אָבער קען מען אַ'ן אייזענבאהן מיט איין קלאפּ איבערמאכען פון אַ קאפּי-טאליסטישע אונטערנעהמונג, וועלכע דיענט דערצו נאָר רייך צו מאכען אַ קליינע צאָהל קאפּיטאליסטען,—אין אַ סאָציאליסטישע אונטערנעהמונג, וועלכע זאָל דיענען צום נוטצען פון אַלעמען. און אַזוי ווי ביי דער געבורט ווערען די פונקציאָנען פון דעם קינד אַלע מיט אַ מאָל רעוואָלוציאָנירט—די בלוטבעוועגונג, דער אָטהעם, פערדייאונג — אַזוי מוזען די פונקציאָנען פון אייזענ-באהנען אויך אַלע מיט איין מאָל, דורך איין קלאפּ, רעוואָלוצי-אָנירט ווערען, ווייל זיי זיינען אַלע פעסט פערבונדען איינע מיט די אַנדערע, מען קען ניט דיזע פונקציאָנען טהיילווייז, איינע נאָך די אַנדערע, איבערגעבען דער מלוכה, ווי למשל היינט איבער-געבען די פונקציאָנען פון די לאָקאָמאָטיו-פיהרערס און הייצערס, אין עטליכע יאָהר אַרום די פונקציאָנען פון באהנוועכטערס, וויעדער אין עטליכע יאָהר אַרום די פונקציאָנען פון די קאסי-רערס און בוכהאלטערס און ז. וו. ביי אַ'ן אייזענבאהן זעהט דאָס יעדערער קלאָר מיט די אויגען, אָבער ניט ווענינער נאריש, ווי די ביסלעכווייזע סאָציאליזירונג פון די פערשידענע פונקציאָנען פון אַ אייזענבאהן, איז די סאָציאליזירונג פון אַ מיניסטעריום אין אַ צענטראליזירטער מלוכה. אַזאַ מיניסטעריום אין אויך אַ גאנ-צער קערפּער, ביי וועלכען די אברים מוזען ווירקען איז איינעם; די פונקציאָנען פון איין אבר לאָזען זיך ניט ענדערען וואו אַלע אַנדערע זאָלען זיך ניט אומענדרען. די אידעע, אַז די סאָציאל-

דעמאָקראַטיִשע זאָל בּיִסלעכוויַיז, איינציגוויַיז אַריַינגענעהמען אין איהרע הענד די בּעזונדערע אָבּטהייִלונג פון אַ מיניִסטעריום, איז ניִט יוענגיגער מאָדנע, ווי ווען מען וואָלט פּרוּבּירען צוטהייִלען די געבּורט פון אַ קינד אויף עטליכע מאָל, וועלכע זאָלען אָבּשטעהען איינער פון דעם אַנדערען למשל אויף אַ חדש ציַיט; בּיַי יעדען מאָל זאָל געבּאָרען ווערען נאָר איין בּעזונדערער אבר מיט זיַין זעלבּסטשטענדיגער פונקציאָן, און דערבּיַי זאָל מען לאָזען דעם קינד אויף דעם מוטערס נאָפּעל, בּיז ער ועט זיך אויסלערנען געהען און רעדען.

אָבּער אויבּ אַ׳ן אַייזענבּאַהן אָדער אַ מיניִסטעריום קען ניִט בּיִסלעכוויַיז, טריט בּיַי טריט, אַריבּערגעפיהרט ווערען פון אַ קאַפּיטאַליסטישע איינריכטונג אין אַ סאָציאַליסטישע, אויבּ זיי קענען ניט אויף אַזאַ אופן איבּערגעמאַכט ווערען פון אַ געציג פון קאַפּיטאַל אין אַ געציַיג פון אַרבּיַיטערקלאַס; נאָר דאָס קען אַנדערס ניט געשעהען סיידען ווי מיט אַ קלאַפּ, פאַר אַ מאָל פון אַלע זייערע זיַיטען,—איז דאָס אָבּער מעגליך נאָר אויף אַ געוויסע מדריגה פון דער ענטוויקלונג פון אַלע געזעלשאַפט-ליכע אברים, האָטש אין דער געזעלשאַפט קען מען ניט אַזוי פּינקטליך וויסענשאַפטליך ווי אין דעם מוטערליכען קערפּער בּעשטימען דעם מאָמענט, ווען אַלע אברים האָבּען שוין אויף אַזוי פּיעל דערגרייכט דעם נייטיגען גראַד פון ציַיטיגקייט, אַז זיי זיַינען שוין גרייט צו דיזער איבּערקעהרעניִס, צו דיזען שפּרונג.

פון דער אַנדער זיַיט בּעדייַטעט אָבּער דער פאַקט פון גע-בּורט ניט דעם סוף פון דער ענטוויקלונג פון די מענשליכע אברים, נאָר דעם אָנהויבּ פון אַ נייער עפּאָכע פון דער ענטוויק-לונג. דאָס קינד קומט איצט אַריַין אין נייע בּעדינגונגען אין וועלכע עס ענטוויקלען זיך נייע אברים, אין די אברים, וועלכע עס זיַינען שוין פאַראַן ענטוויקלען זיך וויַיטער אין אַ בּעשטימטער ריכטונג און ווערען אַלץ פאָלקאָמענער. אין מויל וואַקסען די ציין, די אויגען לערנען זיך אויס זעהען, די הענד לערנען זיך נעהמען און האַלטען, די פיס לערנען זיך געהען, דער מויל רעדען

און ז. וו. פונקט אזוי בעדיינגט אויך די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן
ניט דעם סוף פון דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג, נאָר דעם
אָנהויב פון אַ נייער ענטוויקלונג. אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָן
קען מיט איין קלאַפּ אַריבערפירען אַ פאַבריק פון קאַפּיטאַליס-
טישען אייגענטום אין געזעלשאַפטליכען אייגענטום. אָבער נאָר
ביסלעכווייז, טריט ביי טריט, אין דעם פערלויף פון אַ לאַנג-
זאַמער ענטוויקלונג וואָלט מען געקענט מאַכען פון אַ פאַבריק
אַ'ן אָרט פון מאַרודנע, איינס-און-די זעלבע, פאַר'מיאוס'טען
צוואַנגסאַרבייט — אַ ליעבליכען, אָנגענעהמען אָרט, וואו דער
צופרידען-לעבענדער מענש וועט מיט פרייד טאָהן זיין
אַרבייט. אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָן וואָלט אויך געקענט מיט
איין קלאַפּ איבערמאַכען די איצטיגע גרויסע לאַנדווירטשאַפטליכע
בעטריעבען, די גרויסע מאַיאָנטקעס, אין געזעלשאַפטליכען איי-
גענטום, אָבער וואו עס הערשט נאָר די קליינפּראָדוקציאָן אין
דער לאַנדווירטשאַפט, דאָרטען מוזען די אברים פון אַ געזעל-
שאַפטליכער סאָציאַליסטישער פּראָדוקציאָן אין דער לאַנדווירטשאַפט
ערסט נאָך בעשאַפען ווערען און דאָס קען זיין דער רעזולטאַט
נאָר פון אַ לאַנגזאַמער ענטוויקלונג,

מיר זעהען, די עהנליכקייט צווישען געבורט און רעוואָ-
לוציאָן געהט גאַנץ ווייט. אָבער דאָס בעווייזט, נאַטירליך, נאָר
אַז עס איז פאַלש צו ברייננגען ראיות פון דער נאַטורוויסענשאַפט,
כדי צו בעווייזען, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן איז לחלוטין עפּעס
אַ נאַרישע און ניט-נאַטירליכע זאַך. מיר האָבען אָבער, ווי
געזאָגט, קיין שום רעכט ניט דירעקט צו דרינגען פון די פּראָ-
צעסען, וועלכע געשעהען אין דער נאַטור, אויף די פּראָצעסען
וואָס געשעהען אין געזעלשאַפטליכען לעבען. מיר האָבען דעריבער
קיין שום רעכט ניט ווייטער צו געהען און פון דיזער עהנליכקייט
צווישען געבורט און רעוואָלוציאָן צו דרינגען: אַזוי ווי יעדע
לעבעדיגע בעשעפעניס מוז נויטווענדיג דורכמאַכען אַ קאַטאַס-
טראָפע, אַ'ן איבערשפּרונג, כדי צו קומען צו אַ העכערע מדרגה
פון ענטוויקלונג (די געבורט, למשל, ביי מענשען אָדער דער

דורכבּרעכען פון איי. למשל, בּיי א פויגעל), דערנאָך קען אויך אַ געזעלשאַפט קומען צו אַ העכערע מדרגה פון עטוויקלונג נאָר דורך אַ קאַטאַסטראָפע, דורך א רעוואָלוציאָן.

---

3. די רעוואָלוציאָן אין אַלטערטום [1] און מיטעלאַלטער.

קומען צו אַ שלום וועגען דעם, צו איז די רעוואָלוציאָן אַ נויטווענדיגקייט, צו ניט, קענען מיר נאָר ערלערנענדיג די פאַקטען פון געזעלשאַפטליכען ענטוויקלונגסגאַנג, אָבער ניט דורך פערגלייכונגען און ענליכקייטען פון דער נאַטורוויסענשאַפט. עס איז גענוג אָבער איין בליק צו וואַרפען אויף דיזען ענטוויקלונגסגאַנג, כדי צו זעהען, אַז ניט יעדע סאָציאַלע ענטוויקלונג מוז זיך נויטווענדיג ענדיגען מיט אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָן אין דעם ענגערען זינען, ווי מיר האָבען דאָ אָנגענומען. נאָך איידער עס האָבען זיך בּעוויזען די קלאַסען־היפוכים און די פּאָליטישע מאַכט, האָט שוין עקסיסטירט אַ געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג, און גראָד אַ גאַנץ הויכע ענטוויקלונג; אין דיזען משך איז אָבער, פערשטעהט זיך, ניט געווען מעגליך קיין שום איינגעהמונג פון דער פאָליטישער מאַכט דורך אַ'ן אונטערדריקטען קלאַס, ד. ה. קיין שום סאָציאַלע רעוואָלוציאָן.

אָבער אויך בּשעת עס האָבען זיך שוין בּעוויזען די קלאַסען־היפוכים און די מלוכה־מאַכט, געפינען מיר נאָך אויך ניט אין דעם משך פון אַ לאַנגע צייט דאָס, וואָס מען זאָל קענען פאָלקאָם אָנרופען סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, ניט אין דעם אַלטערטום, ניט אין מיטעל־אַלטער. מיר געפינען אַפילו אין דיזער צייט פיעל בּיטערע קלאַסען־קאַמפּפן, בּירגער־מלחמות, פּאָליטישע קאַטאַסטראָפען, אָבער מיר געפינען ניט, אַז וועלכע עס איז פון דיזע

---

[1] די געשיכטע צוטהיילט זיך אין דריי חלקים; די אלטע צייט אדער דער אַלטערטום, די מיטעלע צייט אדער דער מיטעלאלטער, און די נייע צייט.

דער איבערזעטצער.

קאַטאַסטראָפען זאָל אַרײַנפירען אַ געװיסע נײַעס אין די פּערעלטניסען פון אײגענטום, װעלכע זאָל טיעף אַרײַנדרינגען אין לעבען און דױערען אַ לאַנגע צײַט, און דערמיט זאָל בעשאַפען װערען אַ נײַע פאָרמע פון געזעלשאַפטליכען לעבען.

די אורזאַכען דערפון געפינען זיך אין דעם: אין אַלטערטום און אין מיטעלאַלטער איז דער מיטעלפונקט פון עקאָנאָמישען און פּאָליטישען לעבען געלעגען אין דער קהילה (געמײנדע). יעדע קהילה האָט פון זיך געבילדעט אַ געזעלשאַפט, װעלכע האָט אַלײן פאַר זיך בעפרידיגט אַלע איהרע נױטיגע בעדערפניסען און איז געװען גאָר שװאַך פערבונדען מיט דער גאַנצער איבעריגער װעלט, די גרױסע מלוכות זײַנען געװען מעהר ניט, װי אַ געמיש, אַ צוזאַמענקנעטונג פון אָבגעזונדערטע קהילות, װעלכע זײַנען געװען צוזאַמענגעבונדען אָדער דורך אַ קײזערליכע הױז, אָדער דורך אַ קהילה. װאָס האָט בעהערשט און עקספּלואַטירט אַלע אַנדערע. יעדע קהילה האָט געהאַט איהר בעזונדערע עקאָנאָמישע ענטװיקלונג, װעלכע איז געװען צוגעפּאַסט צו די ספּעציעלע אָרטיגע בעדינגונגען, און צוליעב דעם האָט זי אױך געהאַט איהרע בעזונדערע קלאַסען-קאַמפּפען, דעריבער זײַנען די דאַמאָלסדיגע פּאָליטישע רעװאָלוציאָנען געװען מעהר ניט װי געמײנדע-רעװאָלוציאָנען, עס איז פון פאָרױס געװען אונמעגליך צו מאַכען דורך אַ פּאָליטישע רעװאָלוציאָן אַ איבערקעהרעניס אין דעם גאַנצען געזעלשאַפטליכען לעבען פון אַ ברײטערער געגענד.

װאָס קלענער עס איז די צאָהל פון מענשען אין אַ געזעלשאַפטליכער בעװעגונג, װאָס װעניגער זי איז מאַסענבעװעגונג, אַלץ װעניגער זעהט מען אין איהר אַרױס דאָס אַלגעמײנע, געזעצמעסיגע אין אַלץ מעהר װעגט אין איהר איבער דאָס צופעליגע און פערזענליכע. דאָס האָט נאָך געמוזט פערגרעסערען די פערשידענקײט פון די קלאַסענקאַמפּפען װעלכע עס זײַנען פאָרגעקומען אין די פערשידענע קהילות. װײַל אָבער קײן מאַסענערשײַנונגען זײַנען אין קלאַסענקאַמפּף ניט אַרױסגעטרעטען,

ווייל צוליעב דאס צופעליגע און פערזענליכע האט זיך ניט ארויסגעזעהען דאס געזעטצמעסיגע און אלגעמיינע, דעריבער איז אונמעגליך געוועזען טיעפער צו ערלערנען די געזעלשאפטליכע אורזאכען און ציעלען פון די קלאססענבעוועגונגען. פיעל האט אויפגעטהאן די גריכישע פילאזאפיע, אבער דער בעגריף פון דער וויססענשאפטליכער פאליטישער עקאנאמיע איז פאר איהר געבליבען א בוך אונטער זיבען שלעסער. ביי אריסטאטעל[1] געפינען מיר מעהר ניט ווי א'ן ערסטע פראבע פון אזא פא- ליטישער עקאנאמיע; דאס, וואס די גריכען און רוימער האבען יע אויפגעטהאן אין דער עקאנאמישער וויססענשאפט, איז מעהר ניט געוועזען ווי געוויססע עצות, ווי מען זאל פראקטיש פיהרען די בעל-הבית'ישקייט, ספעציעל די לאנדווירטשאפט, און אין דעריבען זיינען בעשטאנען די עקאנאמישע ווערק פון קסענאפאנט און ווארראן.

אבער ווי באלד אז עס זיינען געבליבען אונבעקאנט די טיעפערע געזעלשאפטליכע אורזאכען פון דער לאגע פון די איינצעלנע קלאססען און ווי באלד אז דיזע אורזאכען זיינען גע- וועזען פערשלייערט דורך די טהעטיגקייט פון איינצעלנע פערזא- נען און דורך ארטיגע צופעליגקייטען, איז געוויס קיין וואונדער ניט געוועזען, וואס אויך די אונטערדריקטע קלאססען פלעגען, ווי נאר זיי פלעגט זיך ווען עס איז איינגעבען אריינצוקריגען די פאליטישע מאכט, קודם כל בענוטצען דיזע מאכט נאר צו דעם, זיך אבצורעכענען מיט איינצעלנע פערזאנען און מבטל צו זיין איינצעלנע ארטיגע איינריכטונגען, אבער זיי האבען זיך קיינמאל מיט איהר ניט בענוצט צו בעגרינדען א נייע געזעל- שאפטליכע ארדנונג.

אבער די וויכטיגסטע אורזאכע, וועלכע איז געשטאנען

---

[1]) אריסטאטעל — איז געוועזען דער גרעסטער גריכישער פילאזאף.
דער איבערזעטצער.

אִין מִיטֶען דֶעם וועג פון אַזאַ סאָרט רעוואָלוציאָנערע שטרעבונ-
גען, אִיז געוועזען דיִ לאַנגזאַמקייט פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג.
דיזע ענטוויקלונג אִיז געגאַנגען נאָר אונבעמערקליך; דיִ בויערן
און בעלי-מלאכות האָבען געאַרבייט מִיט דעם זעלבען גאַנג און מִיט
דיִ זעלבע מיטלען אַזוי ווי זייערע זיידעס און עלטער-זיידעס; גוט
און פאָלקאָם האָט זיך גערעכענט נאָר דאָס, וואָס אִיז געווען
אַלט און שוין לאַנג אויסגעפּרובירט, אפילו דאָרט, וואו מען
האָט שוין געשטרעבט צו עפּעס נייעס, האָט מען זיך אויך שטענ-
דיג בעמיהט איינצושמועסען זיך און אַנדערע, אַז דאָס אִיז חס
ושלום נִיט קיין נייעס, נאָר פערקעהרט, אַז דערמִיט קעהרט
מען זיך אום צוריק צו דעם אמת'ן אַלטען, אָן וועלכען מען האָט
זיך שוין פערגעסען. דיִ אויסבעסערונגען און דער טעכניק האָבען
נִיט אַרויסגערופען קיין בעדערפניס אין נייע פאָרמען פון אייגענ-
טום, ווייל דיזע אויסבעסערונגען זיינען נאָר בעשטאַנען אִין אַלץ
אַ וויַיטערע געזעלשאַפטליכע אַרבייטסטהיילונג, אִין דער צוטהיי-
לונג פון איין מלאכה אויף עטליכע; אָבער אִין יעדערער פון
דיִ נייע מלאכות האָט אַלץ געהערשט דיִ האַנדאַרבייט פונקט ווי
אִין דיִ אַלטע, דיִ פּראָדוקציאָנסמיטלען (געצייג) האָבען קיין
גרויסע וויכטיגקייט נִיט געהאַט, און אַ בעדייטונג האָט נאָר
געהאַט דיִ פלינקקייט און געניטקייט פון דער האַנד. מיר גע-
פינען אפילו ביי דיִ בויערן און בעלי-מלכות אויך גרויסע בע-
טריעבען—און אִין דיִ לעצטע צייטען פון אַלטערטום אפילו אינ-
דוסטריעלע בעטריעבען,—אָבער זיי האָבען געאַרבייט גאָר מִיט
שקלאַפען, וועלכע עס האָבען זיך גערעכענט פאַר פרעמדע און
האָבען נִיט געקענט זיין קיין מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט.
דיִ דאַמאָלדיגע פּראָדוקציאָן אִיז נאָר געוועזען אַ לוקסוס-פּראָדוק-
ציאָן, וועלכע האָט פון זיך נִיט געקענט ענטוויקלען אַ בעזונ-
דערע ווירטשאַפטליכע קראַפט—סיידען אויף אַ קליינע אַריבער-
געהענדע צייט, אִין דיִ צייטען פון גרויסע מלחמות, וועלכע
עס פלעגען אָבשוואַכען דיִ בויערן און מאַכען ביליג דיִ שקלאַ-

פֿעֶן, פֿון דעֶר ווירטשאַפֿט, ווײַלכע איז געֶבויט אויף שקלאַפֿעֶרײַ, קעֶן איבערהױפּט ניט אַרויסקומעֶן קײַן העֶכערעֶ ווירטשאַפֿטס־פֿאָרם און קײַן נײַעֶר סאָציאַלעֶר אידעֶאַל.

די אײנציגעֶ פֿאָרמעֶן פֿון קאַפּיטאַל, וועלכעֶ עֶס האָבעֶן זיך אין אַלטערטום און מיטעלאַלטעֶר געֶקענט עֶנטוויקלעֶן, זײַנעֶן געֶוועֶן דעֶר האַנדעלס־און־וואוכעֶר־קאַפּיטאַל. בײדעֶ קענעֶן צײַטעֶנ־ווײַז ברענגעֶן צו גיכעֶ ווירטשאַפֿטליכעֶ אומעֶנדעֶרונגעֶן. אָבעֶר דעֶר האַנדעלס - קאַפּיטאַל האָט נאָר געֶקענט בעֶהילפֿיג זײַן צו דעֶר ווײַטעֶרעֶר צוטהײלונג פֿון די אַלטעֶ מלאכות אויף אַ סך נײַעֶ און צו דעֶר עֶנטוויקלונג פֿון דעֶר גרויסעֶר פּראָדוקציאָן מיט שקלאַפֿעֶן־אַרבײַט; דעֶר וואוכעֶר־קאַפּיטאַל האָט געֶהאַט מעֶהר ניט ווי אַ פֿעֶרדאָרבעֶנעֶ ווירקונג אויף די עֶקסיסטירעֶנדעֶ פּראָדוקציאָנספֿאָרמעֶן. אָבעֶר עֶר האָט ניט בעֶשאַפֿעֶן קײַן נײַעֶ. דעֶר קאַמפּף געֶגעֶן דעֶם וואוכעֶר־קאַפּיטאַל און געֶגעֶן די גרויסעֶ לאַנדווירטשאַפֿטליכעֶ פּראָדוקציאָן, וואָס האָט געֶאַרבײַט מיט שקלאַפֿעֶן, פֿלעֶגט פֿון צײַט צו צײַט אַרויסרופֿעֶן גרויסעֶ פּאָליטישעֶ קאַמפּפֿעֶן, וואָס זײַנעֶן געֶוועֶן זעֶהר עֶהנליך צו די סאָציאַלעֶ רעֶוואָלוציאָנעֶן פֿון אונזעֶר צײַט. אָבעֶר זייעֶר ציעל איז שטענדיג געֶוועֶן מעֶהר ניט, ווי אויף דאָס נײַ אײַנפֿירעֶן פֿריהעֶרעֶ, שוין געֶוועֶזעֶנעֶ אָרדנונגעֶן, ניט קײַן געֶזעֶלשאַפֿטליכעֶ בעֶנײַאונג. אַזאַ עֶרשײַנונג זעֶהעֶן מיר בײַ די רעֶפֿאָרמעֶן פֿון ס אָ ל אָ ן [1]), וועלכעֶר האָט מבטל געֶמאַכט די חובות פֿון די

[1]) די לאגע פֿון דער בעפֿעלקערונג פֿון דער אַ ט ה ע נ' ישער רעפּובליק (אין ג ר י כ ע נ ל א נ ד) איז סוף 7־טען יאָהרהונדערט (פֿאַר אונזער צייטרעכנונג) געווען א זעהר טרויערדיגע. די גאנצע מאכט האבען אײַנגעכאפּט אין זייערע הענד די רייכע אריסטאָקראַטישע פֿאמיליעס, און די ארעמע קלאסען זיינען געווען איבערין האלז אין חובות און האבען אין דער רעגירונג קיין שום דעה ניט געהאט. די שווערע לאגע פֿון פֿאלק האט ארויסגערופֿען שטענדיגע אונרוהען אין דער רעפּובליק. דער פֿאלק האט געוועלט האבען א דעה אין דער רעגירונג און א פֿערגרינגערונג פֿון זיינע חובות. סוף כל סוף האט די אריסטאקראטיע געמוזט נאכגעבען און אין 594 יאהר (פֿאַר אונזער

אַטטִישֶׁע [1]) בּויעֶרן, אָדעֶר בּײַ דיִ בּעֶוועֶגוּנגעֶן פוּן דיִ רוֹימִישֶׁע בּויעֶרן און פּראָלעֶטאַריעֶר, וועֶלכעֶ האָבּעֶן בּעֶקוּמעֶן זײַיעֶר נאָמעֶן נאָך דיִ נעֶמעֶן פוּן אָנפִיהרעֶר, דיִ צווײַ בּריִדעֶר גראַקכעֶן [2]).

צוּ אַלעֶ דיִזעֶ אוּרזאַכעֶן—דיִ לאַנגזאַמקײַט פוּן דעֶר עֶקאָ-נאָמִישעֶר עֶנטוִויקלוּנג, דיִ אוּנמעֶגליִכקײַט טיִעפעֶר צוּ עֶרלעֶר-נעֶן דיִ געֶזעֶלשאַפטליִכעֶ פעֶרהעֶלטנִיסעֶ, דיִ צוּבּרעֶקעֶלטקײַט פוּן פּאָליִטִישעֶן לעֶבּעֶן אִין אַ סך פעֶרשִיעֶדעֶנעֶ, אָבּגעֶזוּנדעֶרטעֶ קהילות—אִיז נאָך צוּגעֶקוּמעֶן אִין אַלטעֶרטוּם און אָפטמאָל אויך אִין מִיטעֶלאַלטעֶר דעֶר אוּמשטאַנד, וואָס דיִ העֶרשעֶנדעֶ קלאַסעֶן האָבּעֶן נִיט געֶהאַט קײַן גרויסעֶ מאַכט, מִיט וועֶלכעֶ זײַ זאָלעֶן קעֶנעֶן האַלטעֶן אִין צוּים דיִ קלאַסעֶן, וועֶלכעֶ האָבּעֶן געֶשטרעֶבּט זיִך אויפצוּהויבּעֶן און צוּ בּעֶקוּמעֶן אַ דעה אִין דעֶר מלוכה. קײַן בּוּראָקראַטיעֶ אִיז נאָך נִיט געֶווען, אָדעֶר לכל הפחות נִיט דאָר-טעֶן, וואוּ עֶס האָט נאָך געֶהעֶרשט אַ ריִהרעֶוודִיגעֶר פּאָליִטִישעֶר לעֶבּעֶן און וואוּ עֶס זײַנעֶן פאָרגעֶקוּמעֶן דיִ היִציִגסטעֶ קלאַסעֶנ-קאַמפּפעֶן, אִין דעֶר רוּימִישעֶר מלוכה, צוּם בּײַשפּיִעל, האָט זיִך דיִ בּיוּראָקראַטיעֶ עֶנטוִויקעֶלט עֶרסט אִין דעֶר קײזעֶר-צײַט. דיִ אִינעֶווײַניִגסטעֶ פעֶרהעֶלטנִיסעֶן פוּן יעֶדעֶר בּעֶזוּנדעֶרעֶר קהִילה,

---

ציטרײַכענונג) האט דער נײַ אויסגעקליבענער סאָלאָן דורכגעפיהרט עטליכע רעפארמ׳ס, כדי צו פערגרינגערען די לאגע פון די פאלקסמאסען, און די ערסטע זאך האט ער מבטל געמאבט זייערע חובות.

דער איבערזעטצער.

[1]) אַטטישע בויערן — פון דעם געגענד אַטטיקאַ (אין גריכענ-לאַנד). דער איבערזעטצער.

[2]) די צוויי ברידער (טִיבעֶרי און קאַי) גראַקכען האבען גע-שטרעבט צו דער אויפהייבונג אויף דאס נײַ פון די פֿעראַרעמטע בויערן, זייערע רעפאָרמען, וועלכע זיי האבען דורכגעפיהרט, זיינען בעשטאנען אין דעם, וואס זיי האבען צוגענומען ביי די גבירים די אנגעראבעוועטע ערד און האבען דאס צוטהיילט צווישען די ארעמע בירגער, וועלכע האבען דערמיט בעקומען די מעגליכקייט ווייטער זיך צוריקצוקעהרען צו דער ערדארבייט. דאס איז פארגעקומען אין דעם משך 122-133 יאהר פאר אונזער צייט-רעכנונג. דער איבערזעטצער.

ווי אויך דער פערקעהר צווישען די קהילות זיינען געווען זעהר פראָסט, מען האָט זיי לייכט געקענט אַרומגעהמען מיט'ן בליק, און זיי האָבען ניט געפאָדערט קיין שום ספּעציעלע קענטניסען, די הערשענדע קלאַסען האָבען לייכט געקענט אויסקלייבען פון זיך מענשען, וואָס זאָלען טויגען צו פיהרען די מלוכה דאָס איז זיי נאָך לייכט געווען דערפאַר, ווייל הערשאַפט פלעגט מיט זיך דאַמאָלסט ברייננגען אויך לייזיגע און רוהיגע צייטען, וועלכע זיי פלעגען פערנעהמען מיט קונסט, פילאָזאָפיע, פּאָליטיק. די הערשענדע קלאַסען פלעגען ניט נור הערשען, נאָר אויך רעגירען .

פון דער אַנדער זייט איז די פּאָלקסמאַסע אויך ניט געשטאַנען אָהן א שום בעשיטצונג, גראַדע אין די בעסטע צייטען פון אַלטערטום האָט געהערשט דער סיסטעם פון מיליציע (פאָלקסבעוואַפנונג), און יעדער בירגער פון דער מלוכה האָט זיך געקענט בעשיטצען מיט געוועהר אין דער האַנד. ביי אַזעלכע בעדינגונגען איז אָפט גענוג געווען די קלענסטע אומצופרידענהייט אין די מאַכט-פערהעלטניסען פון די קלאַסען, כדי צו ברייננגען א נייעם קלאַס צו דער הערשאַפט; דער געגענזאַטץ צווישען די קלאַסען האָט זיך ניט געקענט אויף אַזוי פיעל פערשאַרפען, אַז עס זאָל זיך קענען אַיינוואָרצלען אין די אונטערדריקטע קלאַסען דער געדאַנק וועגען אַ פאָלקאָמענער איבערקעהרעניס פון דער אַנצער עקסיסטירענדער אָרדנונג און אַז די אונטערדריקענדע קלאַסען זאָלען זיך שטענדיג פעסט און איינגעשפּאַרט האַלטען אָן זייערע זכיות און פּריווילעגיען, אויך דאָס האָט מיטגעבראַכט מיט זיך, אַז די פּאָליטישע רעוואָלוציאָנען האָבען, ווי מיר האָבען שוין בעמערקט, דאָס רוב געפיהרט נאָר צו דער אָבשאַפונג פון איינצעלנע שלעכטע אָרדנונגען און צו דער אַראָבוואַרפונג פון איינצעלנע פערזאָנען; דאָס האָט אָבער נאָך אויך געבראַכט דערצו, אַז ניט זעלטען פלעגט מען אַזעלכע רעוואָלוציאָנען פערהיטען דורך קאָמפּראָמיסען (פשרות) .

צווישען די גרויסע מלוכות פון היינטיגער צייט איז

ענגלאַנד אַזאַ מלוכה, וועלכע עס שטעהט זעהר נאָהענט צום מיטעלאַלטער, ניט עקאָנאָמיש, נאָר אין איהרע פּאָליטישע פאָרמען; אין ענגלאַנד האָט זיך וועניגער ווי אומעטום ענטוויקעלט בּיוראָקראַטיע און דער מיליטאַריזמוס, דאָרט איז נאָך פאַראַן אַ אַריסטאָקראַטיע, וועלכע איז ניט נאָר אַ הערשענדע, נאָר אויך אַ רעגירענדע אַריסטאָקראַטיע. און טאַקי דערפאַר איז ענגלאַנד אויך אַזאַ מלוכה, וואו די שטרעבּונגען פון די אונטערדריקטע קלאַסען בּענוגענען זיך דאָס רוב מיט דער אָבּשאַפונג פון איינצעלנע שלעכטע אָרדנונגען, אָנשטאָט זיך צו שטעלען געגען דער גאַנצער עקסיסטירענדער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג; אַזאַ מלוכה, וואו עס ווערן פּראַקטיקירט מעהר ווי אומעטום קאָמפּראָמיסען, כּדי צו פערהיטען די לאַנד פון רעוואָלוציאָנען.

אויב די אַלגעמיינע בּעוואַפנונג פון פאָלק האָט געדיענט פאַר אַ שטערענים פאַר גרויסע סאָציאַלע רעוואָלוציאָנען, האָט זי דערפאַר געמאַכט זעהר גרינג, אַז די קלאַססען זאָלען בּיי יעדער מינדעסטער געלעגענהייט אַרויסטרעטען איינע געגען די אַנדערע מיט געוועהר אין די הענד, און מיר זעהען טאַקי אי אין אַלטערטום אי אין מיטעלאַלטער פיעל בּלוטיגע אויפשטאַנדען און בּירגער מלחמות. דיזע אויפשטאַנדען פלעגען אָפט פאָרקומען מיט די גרעסטע אכזריות און ווילדקייטען און פלעגען גאַנץ אָפט פיהרען צו דער פערטרייבּונג, עקספּראָפּריאירונג און אַפילו צו דער פערניכטונג פון די בּייגעקומענע. יוער עס זעהט אין די געוואַלט טהאַטען דעם עיקר-סמן פון אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, דער יועט געפינען אַ סך אַזעלכע סאָציאַלע רעוואָלוציאָנען אין דער אַמאָליגער צייט. ווער אָבער עס רעכענט פאַר אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָן נאָר אַזאַ, וואו אַ געוויסער קלאַס, וואָס איז בּיז איצט געווען פּאָליטיש אונטערדריקט, האָט אַריינגענומען די פּאָליטישע מאַכט אין זיינע הענד און האָט דורך דעם געמאַכט אַ גאַנצע איבּערקעהרענים פון דער רעכטליכער און פּאָליטישער געבּיידע פון דער געזעלשאַפט, ספּעציעל אַ איבּערקעהרענים אין די פערהעלטניסען פון אייגענטום, — דער וועט דאָרט

קיין סאָציאַלע רעוואָלוציאָן ניט געפינען. די סאָציאַלע ענטוויקלונג איז דאָרט געגאַנגען שטיקלעכווייז און בּיסלעכווייז, זי האָט זיך ניט צוזאַמענגעפּאַסט אין איינצעלנע גרויסע קאַטאַסטראָפען, נאָר זי איז געווען צובּרעקעלט אין אַ מאַססע קליינע, האָט אויסגעווי־ זען גאָר ניט צוזאַמענגעבּונדען, האָט זיך אָפטמאָל איבּערגעריסען, אָבּער האָט שטענדיג ווידער אויפגעלעבּט און איז דער עיקר פאָרגעקומען אונבּעוואוסט. די גרעסטע געזעלשאַפטליכע איבּער־ קעהרענים פון יענער צייט, וועלכע מיר האָבּען דאָ בּעטראַכט— די פערשוויגדונג פון דער שקלאַפעריי אין איי ראָפּאַ, איז פאָרגעקומען אַזוי אונבּעמערקליך, אַז די מענשען פון יענער צייט האָבּען אונז ניט געלאָזען קיין שום ידיעות וועגען דיזען פּראָצעס, און אין היינטיגער צייט, ווען מען וויל בּעשרייבּען די געשיכטע פון דיזער איבּערקעהרענים, איז מען געצוואונגען איהר צו בּויען נאָר אויף סברות.

---

4. די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן פון דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע.

די זאַכען בּעקומען אָבּער אַ גאַנץ אַנדערע געשטאַלט, ווי נאָר עס ענטוויקעלט זיך דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־ אופן. עס וואָלט אונז צו וויים געפיהרט און עס וואָלט אויסגע־ קומען גלאַט איבּער׳חזר׳ען דאָס, וואָס איז אַלעמען בּעקאַנט, ווען איך זאָל דאָ וועלען פאַר אייך אַרומרעדען זיין גאַנצען מעכאַ־ ניזמוס און אַלץ, וואָס ער בּרינגט מיט זיך מיט. גענוג ; דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנסאופן האָט בּעשאַפען היינטיגע מלוכה, וועלכע האָט געמאַכט אַ סוף צו די פּאָליטישע זעלבּסט־ שטענדיגקייט פון די קהילות און פּראָווינצען (געגענדען), בּעת אין דער זעלבּער צייט איז אויך בּטל געוואָרען זייער עקאָנאָמישע זעלבּסטשטענדיגקייט. יעדע פון זיי איז געוואָרען נאָר אַ טהייל פון דער גאַנצער מלוכה, זי האָט פערלאָרען איהרע בּעזונדערע

געזעטצען און איהר ספּעציעלען כאַראַקטער; אַלע ווערען אויסגעגלייכט צווישען זיך און געשטעלט אונטער איין גלייכע געזעטצגעבונג, אונטער גלייכע שטייערן, גלייכע געריכטען, גלייכע רעגירונגס-איינריכטונגען. דעריבער מוז די היינטיגע מלוכה אויך שטרעבען צו ווערען אַ נאַציאָנאַלע מלוכה און צוצולעגען צו אַלע אַנדערע גלייכהייטען אויך די גלייכהייט פון דער שפּראַך.

די ווירקונג פון דער מלוכה-מאַכט אויף דעם געזעלשאַפטליכען לעבען ווערט איצט גאָר אַ'ן אַנדערע, ווי אין אַלטערטום אָדער אין מיטעלאַלטער. יעדע וויכטיגע פּאָליטישע ענדערונג פון אַ היינטיגע גרויסע מלוכה האָט די מינוט די טיעפסטע ווירקונג אויף אַ ריזיגען געזעלשאַפטליכען געביעט, אומעטום אויף דעם גלייכען אופן און מיט איין קלאַפּ. ווען אַ געוויסער קלאַס' וואָס איז ביז איצט געווען אונטערדריקט, זאָל אַריינכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט אין זיינע הענד, מוז דעריבער שוין דאָס אַליין אין היינטיגער צייט אַרויסרופען גאָר אַנדערע סאָציאַלע ווירקונגען ווי אַמאָל.

צו דעם קומט נאָך צו, וואָס די מאַכט-מיטלען פון די היינטיגע מלוכות האָבען מורא'דיג געוואַקסען. די טעכנישע רעוואָלוציאָן פון קאַפּיטאַליזמוס האָט זיך אויך פערברייטערט אויף דער טעכניק פון כלי-זיין (וואַפען). זינד די רעפאָרמאַציאָן איז פאָרגעקומען, ווערען די כלי-זיין אַלץ פאָלקאָמענער, אָבער אויך אַלץ טהייערער; זיי ווערען אַ פּריוויל עגיע פון דער רעגירונג. שוין דעריבער אַליין ווערט די אַרמעע אָבגעטהיילט פון פאָלק' אפילו אין די לענדער, וואו עס הערשט דער אַלגעמיינער מיליטער-דיענסט, אויב עס עקסיסטירט דאָרטען ניט קיין אמת'ע פאָלקס בעוואַפנונג, אָבער אַ פאָלקס בעוואַפנונג עקסיסטירט אין ערגעץ ניט אין די גרויסע מלוכות. און אומעטום זיינען די פיהרער פון דער אַרמעע פּראָפעסיאָנאַלע סאָלדאַטען, וועלכע זיינען אָבגעריסען פון פאָלק און שטעהען געגען איהם, ווי אַ פּריוויל עגירטע קאַסטע (אָבגעזונדערטע, פערשלאָסענע גרופּפּע).

אָבער אויך די עקאָנאָמישע מאַכט-מיטלען פון דער היינ-

טיגער צענטראַליזירטער מלוכה זיינען אין פערגלייך מיט דער עקאָנאָמישער מאַכט פון די פריהערדיגע מלוכות. אונגעהייער גרויס, זי נעהמט אַרום די גאַנצע רייכקייט פון אַ ריזיגען גע-ביעט, וועלכער האָט אַזוי ווייט ענטוויקעלט זיינע טעכנישע מיט-לען, אַז זיי שטעהען הימעל-ווייט איבער די העכסטע קולטורען פון אַלטערטום.

און דערביי האָט די היינטיגע מלוכה אַזאַ צענטראַליזירטע ביוראָקראַטיע, ווי דאָס האָט נאָך קיין איין מלוכה פריהער ניט געהאַט. די אויפגאַבען פון די היינטיגע רעגירונגען זיינען אַזוי געוואַקסען, אַז עס איז אונמעגליך זיי אויסצופיהרען אָהן אַ ווייט ענטוויקעלטע אַרבייטס-טהיילונג און אַ שטאַרקע ספּעציעלע ביל-דונג. אָבער דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס-אופן נעהמט צו ביי די הערשענדע קלאַסען די לייזיגע צייט, וועלכע זיי האָבען פריהער געהאַט. ווייל חאָטש זיי אַליין פּראָדוצירען ניט, נאָר זיי לעבען פון דער עקספּלואַטאַציאָן פון די פּראָדוצירענדע קלאַסען, זיינען זיי פונדעסטוועגען ניט קיין לייזיג-געהענדע עקס-פּלואַטאַטאָרען. צוליעב דער קאָנקורענציע, דיזער ספּרונזשינע, וואָס בעוועגט דעם היינטיגען ווירטשאַפטליכען לעבען, זיינען די עקספּלואַטאַטאָרען געצוואונגען צו פיהרען אָהן אַ'ן אויפהער אַ מורא'דיגען קאַמפּף צווישען זיך, אַ קאַמפּף, וועלכער לאָזט זיך גאַנץ אָפּט אויס מיט דער פאָלקאָמענער פערניכטונג פון דעם בייגעקומענעם.

דעריבער האָבען די קאַפּיטאַליסטען ניט קיין צייט, ניט קיין רוה, ניט קיין נויטיגע בילדונג זיך צו בעשעפטיגען מיט קונסט און וויסענשאַפט; עס פעהלען זיי אפילו די נויטיגע בע-דינגונגען, אַז זיי זאָלען קענען רעגולער נעהמען אַ'ן אַנטהייל אין דער פיהרונג פון דער מלוכה. אַקוראַט ווי זיי האָבען אויפגעהערט זיך צו בעשעפטיגען מיט קונסט און וויסענשאַפט, הערען אויך אויף די הערשענדע קלאַסען זיך צו בעשעפטיגען מיט דער פיה-רונג פון דער מלוכה. דאָס אַלץ לאָזען זיי איבער פאַר לוין-אַרבייטער, ביוראָקראַטען. דער קאַפּיטאַליסטען-קלאַס הערשט.

אָבּער ער רעגירט ניט, ער בּענוגענט זיך נאָר דערמיט צו הער־
שען איבּער דער רעגירונג. פּונקט אַזוי האָט זיך שוין פריהער
פאַר איהם דערמיט בּענוגענט דער אַדעל, בּשעת ער האָט אָנ-
געהויבּען אונטערגעהן, ווען ער האָט אָנגענומען די געשטאַלט
פון הויף-אַדעל, אָבּער דאָס, וואָס בּיים אַדעל איז געווען נאָר
אַ פּראָדוקט פון זיין אונטערגאַנג, פון דעם, וואָס ער האָט זיך
אָבּגעזאָגט פון זיינע געזעלשאַפטליכע פונקציאָנען, קומט אַרויס
בּיים קאַפּיטאַליסטען-קלאַס גראַדע פון זיינע סאָציאַלע אויפגאַבּען
און געהערט בּיי איהם צום עיקר פון זיין נאַטור.

מיט דער הילף פון אַזאַ מורא'דיגער מלוכה-מאַכט קען זיך
אַ געוויסער קלאַס נאָך לאַנג האַלטען, ווען אפילו זיין קיום איז
שוין ניט נויטיג, ווען אפילו ער איז געוואָרען שעדליך. און
וואָס שטאַרקער עס ווערט די מלוכה-מאַכט, אַלץ גרעסער וואַקסט
די גדלות און גאוה פון הערשענדען קלאַס, אַלץ איינגעשפּאַרטער
האַלט ער זיך אָן זיינע פּריווילעגיען, אַלץ וועניגער איז ער גע־
נייגט נאָכצוגעבּען די פערלאַנגען פון די אונטערדריקטע קלאַסען.
וואָס לענגער אָבּער ער האַלט אויף זיין הערשאַפט אויף דיזען
אופן, אַלץ שאַרפער מוזען ווערען די קלאַסען-היפּוכים, אַלץ
בּלוטיגער מוז דאַן פאָרקומען די פּאָליטישע קאַטאַסטראָפע, ווען
זי קומט שוין סוף כל סוף אָן, אַלץ טיעפער מוזען ווירקען די
סאָציאַלע איבּערקעהרעניסען, וועלכע קומען דערפון אַרויס, אַלץ
גיכער מוז פון דער איינגעהמונג פון דער פּאָליטישער מאַכט
דורך אַ'ן אונטערדריקטען קלאַס ווערען אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָן.

אָבּער אין דער איינער צייט פערשטעהען די קעמפּפענדע
קלאַסען אַלץ בּעסער די ווירקונגען, וועלכע עס קענען אַרויס-
קומען פון זייערע פּאָליטישע קאַמפּפען. אין דעם קאַפּיטאַליסטי־
שען פּראָדוקציאָנס-אופן געהט די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג אוי־
סערסט גיך. די עקאָנאָמישע איבּערקעהרעניס, וועלכע עס האָט
זיך אָנגעהויבּען דורך די עפּאָכע פון די ענטדעקונגען [1], האָט

[1]) דאס איז א בעשטימטע עפּאכע אין דער געשיכטע, לערך דער

געמאַכט ווייטערע פאָרטשריטען דורך די איינפיהרונג פון מאַשי= נען אין דער אינדוסטריע. פון יענער צייט אָן זיינען אונזערע עקאָנאָמישע בעדינגונגען אונטערגעוואָרפען אונטער שטענדיגע פערענדערונגען, וועלכע בעשטעהען ניט נאָר אין דער גיכער פערניכטונג פון אַלטען, נאָר אויך אין גיכע אויסשפּראָצונג פון נייעם. מען הערט שוין אויף צו מיינען, אַז אַלץ וואָס איז אַלט איז אויסגעפּרובירט, פערהייליגט און מען טאָר דאָס ניט אָנ= ריהרען. פערקעהרט, דער בעגריף פון דעם אַלטען האָט היינט די איינענע בעדייטונג, ווי דאָס, וואָס איז ניט פאָלקאָמען, ניט גענוגענד און פערעלטערט. פון דעם עקאָנאָמישען לעבען געהט איבער דיזע מיינונג אויך אין די קונסט, וויסענשאַפט און פּאָלי= טיק. אנשטאָט וואָס פריהער פלעגט מען זיך אָן חקירות פער= לאָזען אויף אַלץ וואָס איז אַלט, טהוט מען היינט פערקעהרט: מען וואַרפט אַוועק פשוט אָהן חקירות דאָס אַלטע מעהר ניט ווייל דאָס איז אַלט, — און דער משך צייט, וועלכער עס דאַרף דוי= ערען, אַז אַ מאַשין, אַ'ן איינריכטונג, אַ טעאָריע, אַ געוויסע ריכטונג אין דער קונסט זאָלען פערעלטערט ווערען, ווערט אַלץ קירצער און קירצער. און אויב פריהער פלעגט מען טהאָן און שאַפען מיט דעם בעוואוסטזיין, אַז דאָס ווערט געשאַפען פאַר די אייביגקייט, און מען פלעגט זיך טאַקי אין דערינען אַריינטהאָן מיט דער גאַנצער איבערגעבענהייט, וועלכע עס רופט אַרויס אַזאַ בעוואוסטזיין, שאַפט מען איצט מיט דעם צוועק צו מאַכען חאָטש אויף אַ ווײַלע אַ וואָסערע עס איז ווירקונג. און מען שאַפט מיט דער גאַנצער לייכטזיניגקייט פון אַזאַ בעוואוסטזיין. און אָט אַזוי ווערט דאָס, וואָס מען שאַפט היינט, אָפט אין גיכען פער= עלטערט ניט נאָר פאַר דער מאָדע, גאָר עס הערט אויך אויף אין אַ קורצע צייט צו טויגען טאַקי אין דער אמת'ן.

15=טער און 16=טער יאהרהונדערט, די צייט ווען מען האט דערגאנגען די בוכדרוקעריי און פולווער און מען האט ענטדעקט א מ ע ר י ק א, פון דיזער צייט ענדיגט זיך דער מיטעלאלטער און עס הייבט זיך אן די „נייע צייט";

ד ע ר א י ב ע ר ז ע ט צ ע ר.

3*

אָבּער דאָס נײַע האָט אִין זִיךְ דִי מעלה, וואָס אִיהר נעהמט מען זיך גִיכער צו בּעטראַכטען און טִיעפער צו ערלערנען. דאָס געוועהנלִיכע און טאָג-טֶעגלִיכע האַלט מען פאַר זאַכען, וואָס פערשטעהען זִיךְ פון זִיךְ אַלֵיין. געוויִס האָבּען דִי מענשען פִיעל פרִיהער אָנגעהויבּען טראַכטען אִיבּער דִי אורזאַכען פון זון-פִינסטערנִיס אֵיידער אִיבּער דִי אורזאַכען פון טעגלִיכען אויפגאַנג און אונטערגאַנג פון דער זון. אַזוי האָט אויך פרִיהער דִי שטרעבּונג צו דערפאָרשען דִי געזעטצען פון דִי ערשײַנונגען אִין געזעלשאַפטלִיכען לעבּען געמוזט זײַן זעהר שוואַך. כל זמן דִיזע ערשײַנונגען האָבּען זִיךְ גערעכענט פאַר גאַנץ געוועהנלִיכע, זעלבּסטפערשטענדלִיכע, „נאַטִירלִיכע״. אָבּער דִיזע שטרעבּונג האָט געמוזט ווערען שטאַרקער ווִי נאָר עס האָבּען זִיךְ בּעווִיזען אִין געזעלשאַפטלִיכען לעבּען נײַע ערשײַנונגען, פון וועלכע מען האָט פרִיהער גאָר נִיט געהערט. נִיט דִי אַלטע אִיבּערגעלעבּטע פעאָדאַל-ווִירטשאַפט, נאָר דִי נײַנגעבּאָרענע קאַפִּיטאַל-ווִירטשאַפט האָט צוערסט אַרויסגערופען אִין 17-טען יאָהרהונדערט אַ ווִיסענשאַפטלִיכע פאָרשונג.

אויסער דעם אִיז געווען נאָךְ אַ אורזאַכע, וועלכע עס האָט נאָךְ שטאַרקער געהאָלפען דער ענטווִיקלונג פון דער עקאָנאָמִישער ווִיסענשאַפט: דִי קאַפִּיטאַלִיסטִישע פּראָדוקציאָן אִין אַ מאַסענפּראָדוקציאָן; דער מוסטער פון דִי הײַנטִיגע קאַפִּיטאַלִיסטִישע מלוכות אִיז דִי גרויסע מלוכה; דִי הײַנטִיגע עקאָנאָמִיע ווִי אויךְ דִי הײַנטִיגע פּאָלִיטִיק האָבּען צו טהאָן מִיט מאַסענערשײַנונגען. וואָס גרעסער אָבּער עס אִיז דִי צאָהל פון ערשײַנונגען פון דער גלײַכער אַרט, וועלכע מען בּעטראַכט, אַלץ שטאַרקער טרעט אִין זיי אַרויס — ווִי עס אִיז שוין געווען בּעמערקט — דער כּלל, ד. ה. דאָס אַלגעמײנע און געזעטצמעסִיגע, אַלץ מעהר טרעט אָבּ אָן אַ זײַט דאָס פּערזענלִיכע און צופעלִיגע, אַלץ לײַכטער ווערט מעגלִיךְ צו ענטדעקען דִי געזעטצען פון אִיהרע בּעווענונגען. דִי סטאַטִיסטִיק, וועלכע האָט צו טהאָן מִיט דִי מאַסענערשײַנונגען אִין דער געזעלשאַפט, און דִי ווִיסענשאַפט

װעגען דער געזעלשאַפט בכלל, װעלכע גרינדעט זיך אויף דער
פּאָליטישער עקאָנאָמיע און האָט בעקומען איהר ענטװיקעלטסטע
פאָרם אין דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטסלעהרע, זיינען גיגע-
װאָרען מעגליך ערסט אין דער צייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער
פּראָדוקציאָן. איצט ערסט האָבען די קלאַסען געקענט ריכטיג
פערשטעהען דעם געזעלשאַפטליכען אינטהאַלט פון זייער קאַמפף,
איצט ערסט האָבען זיי געקענט זיך שטעלען גרויסע געזעלשאַפט-
ליכע ציעלען, ניט אַלס אויסגעטראַכטע חלומות און פּרומיגע
פערלאַנגען, װעלכע פערשװינדען װי אַ רויך, װי נאָר זיי בגע-
ריהרען זיך מיט'ן ניכטערען לעבען, נאָר אַלס רעזולטאַטען פון
דער װיסענשאַפטליכער דערפאָרשונג פון דעם, װאָס איז עקאָ-
נאָמיש מעגליך און נויטװענדיג. עס קען אַפילו טרעפען, אַז
אויך אַזאַ װיסענשאַפטליכע דערפאָרשונג זאָל האָבען אַ טעות,
עס קען זיך אַרויסװייזען, אַז עטליכע פון איהרע אויספיהרונגען
זיינען מעהר ניט װי פאַנטאַזיעס, אָבער װי גרויס עס זאָלען
אָ'ן אַנדערם מאָל ניט זיין איהרע טעות'ען, זיי קענען ביי איהר
פאָרט ניט אַװעקנעהמען דעם הויפּט-סמן פון יעדער אמת'ער
װיסענשאַפט — די שטרעבונג צו בעטראַכטען אַלע פערשידענע
ערשיינונגען װי בעזונדערע גליעדער פון איין אַיינהייטליכען, גאַנציגען
קערפּער, װעלכער האָט אין זיך קיין שום װידערשפּרעכען ניט;
פאַר דער געזעלשאַפטסװיסענשאַפט בעדייטעט דאָס די שטרעבונג
צו פערשטעהען די גאַנצע געזעלשאַפט װי איין איינהייטליכען
אָרגאַניזם, אין װעלכען מען קען ניט אומענדערען נאָך'ן אייגענעם
װילען איינצעלנע, בעזונדערע טהיילען פאַר זיך. פון איצט אָן
געהט שוין שטענדיג די טעאָרעטישע קריטיק פון די געזעל-
שאַפטליך אונטערדריקטע קלאַסען ניט געגען איינצעלנע פּערזאָניגען
און איינריכטונגען, נאָר געגען דער גאַנצער עקסיסטירענ-
דער געזעלשאַפט, און פונקט אַזוי װערט יעדער אונטער-
דריקטער קלאַס, װעלכער האָט אַריינגענומען די פּאָליטישע
מאַכט אין זיינע הענד, געטריבען דורך דיזען בעװאוסטזיין,

אִיבֶּערצוּקֶעהְרֶען דֶעם גַאנצֶען פוּנדַאמֶענט, אוֹיף יוֶעלְכֶען דִי גֶעזֶעלשַאפְט אִיז גֶעבּוֹיט.

דִי קַאפִּיטַאלִיסטִישֶׁע גֶעזֶעלשַאפְט, ווֶעלְכֶע הָאט אַרוֹיסגֶעשְׁפּרָאצְט פוּן דֶער רֶעווָאלוּציָאן פוּן 1789 אוּן פוּן דִי צווַייגֶען, ווָאס זִי הָאט נָאךְ זִיךְ גֶעלָאזֶען, אִיז שׁוֹין גֶעוִיעֶן אִין אִיהרֶע הוֹיפּטשְׁטרִיכֶען אוֹיסגֶעמָאלְט אִין דִי קֶעפּ פוּן דִי פִיזִיָאקרַאטֶען [1] אוּן דִי עֶנגלִישֶׁע גֶעלֶעהרטֶע, ווֶעלכֶע עֶס זַיינֶען גֶעקוּמֶען נָאךְ זֵיי.

אִין דִיזֶען חילוק צווִישֶׁען דֶער הַיינטִיגֶער מלוכה מִיט דֶער הַיינטִיגֶער גֶעזֶעלשַאפְט פוּן אֵיין זַייט אוּן דִי אָרגַאנִיזַאציָאנֶען פוּן אַלטֶערטוּם אוּן מִיטֶעלַאלטֶער פוּן דֶער אַנדֶערֶער זַייט — לִיעגט דֶער אוּנטֶערשִׁיעד צווִישֶׁען דִי פָארמֶען פוּן זֵייעֶר עֶנטווִיקְלוּנג: אִין אַלטֶערטוּם אוּן מִיטֶעלַאלטֶער זֶעהֶען מִיר אַ עֶנטווִיקְלוּנג, ווֶעלכֶע קוּמְט פָאר צוּם גְרֶעסטֶען טהֵייל אוּנבֶּעווּאוּסְט, זִיךְ צוּ־

[1]) די פִיזִיאָקְרַאטֶען זיינען געוועזן די אנהענגער פון דער פראנצויזישער פאליטיש־עקאנאמישער שולע, וועלכע איז געגרינדעט געווארען אין דער צווייטער העלפט פון 18־טען יאהרהונדערט דורך קֶענֶע און וועלכע האט געלערנט, אז נאר די נאטור אליין שאפט נייע פראדוקטען, איז דער קוואל פון רייכקייט, און אז נאר לאנדווירטשאפט ברייננט איין דעריבער ריינעם ריוח. די פאבריקאציאן און דער האנדעל בעשאפען ניט קיין נייע פראדוקטען, זיי בעארבייטען נאר די פראדוקטען, וועלכע די לאנדווירטשאפט בעקומט פון דער נאטור, און שטעלען דאס צו דעם קונה, זיי זיינען ביז צו א געוויסען גראַד נאר פערמיטלער. דעריבער דארפען אלע שטייערן און אבגאבען פאלען אויף די, וועלכע בעקומען דעם ריינעם ריוח, ד. ה. אויף די ערדבעזיטצער. די פאבריקאציאן און האנדעל דארפען בעפרייט זיין פון אלע אבגאבען און פון אלע בעגרענצונגען, וועלכע עס שטערען נאר זייער פרייער ענטוויקלונג, מען דארף זיי לאזען געהען מיט זייער „נאטירליכען גאנג", דאן וועט די פרייע קאנקורענץ בריינגען דערצו, אז די אויסגעארבייטע פראדוקטען וועלען דערגרייכען דעם מעגליכסטען גראַד פון וואלוועלקייט. דיזע גאנצע לעהרע איז אייגענטליך געוועזן מעהר ניט ווי דער אויסדרוק פון דער שטרעבונג פון אויפקומענדען קאפיטאליזמוס אראבצעווארפען פון זיך די קייטען, וועלכע עס האט אויף איהם אנגעטהאן נאך די האלב־פעאָדאַלע מלוכה.

ד ע ר א י ב ע ר ז ע ט צ ע ר.

ברעקלענדיג אין שטענדיגע אָרטיגע און פערזענליכע מחלוקת, אין קאַמפּפען און בונטען פון אַ מאַסע קליינינקע קהילות, וועלכע עס זיינען געשטאַנען אויף פערשיעדענע מדרגות פון דער ענט-וויקלונג; אין דער היינטיגער מלוכה און אין דער היינטיגער געזעלשאַפט זעהען מיר אַ ענטוויקלונג, וועלכע ווערט אַלץ מעהר בעוואוסט, שטרעבט צו אַ גרויסען נעזעלשאַפטליכען ציעל, וועלכען מען האָט דערגאַנגען און וועלכען מען פּראָפּאַ-גאַנדירט דורך וויסענשאַפטליכע קריטישע אַרבייט. די פּאָליטישע רעוואָלוציאָנען ווערען זעלטענער, אָבער ווען זיי קומען שוין יע פאַר, דאַן פערהאַפען זיי אַ סך בריטערע געביעטען, און זייערע ווירקונגען זיינען פיעל גרעסער.

דעם איבערגאַנג פון די פּאַרציטיגע און מיטעלאַלטערליכע בירגער-מלחמות צו דער היינטיגער רעוואָלוציאָן, דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן אין דעם זינען ווי עס איז דאָ אין דעם ערסטען קאַפּיטעל ערקלערט געוואָרען, שטעלט פאַר די רעפאָרמאַציאָן, וועלכע איז נאָך געוועזען האַלב מיטעלאַלטערליך, האַלב אָבער שוין היינטוועלטיג. העכער שטעהט שוין די ענגלישע רעוואָ-לוציאָן, וואָס איז פאָרגעקומען אין מיטען 17-טען יאָהרהונדערט, ביז ענדליך די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן האָט געגעבען דעם מוסטער פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציאָן, אַנטקעגען וועלכער די רעוואָלוציאָנען פון 1830 און 1848 יאָהרען זיינען געוועזען אַ שוואַכער ווידערקלאַנג.

די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן אין דעם זינען, ווי עס ווערט דאָ געבראַכט, איז אַ נויטווענדיגע מדרגה אין דער ענטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און פון דער קאַפּיטאַ-ליסטישער מלוכה, וועלכע עס כאַראַקטעריזירט זיי צום אונ-טערשיעד פון אַלע פריהערע געזעלשאַפטען און מלוכות. אַזעלכע רעוואָלוציאָנען האָבען זיך ניט געטראָפען איידער דער קאַפּיטאַ-ליזמוס האָט עקסיסטירט, ווייל פאַר איהם זיינען די פּאָליטישע ראַהמען נאָך געוועזען צו ענג און דאָס פערשטעהען פון די געזעל-שאַפטליכע בעדינגונגען איז נאָך געוועזען צו ווענינ ענטוויקעלט.

אַזעלכע רעוואָלוציאָנען וועלען אויך פערשווינדען צוזאַמען מיט'ן קאַפּיטאַליזמוס, ווייל דער קאַפּיטאַליזמוס קען נור בייגעקומען ווערען דורך דעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער, זייענדיג דער אונטערסטער קלאַס אין דער געזעלשאַפט, מוז זיין הערשאַפט דערצו בענוטצען, צו פערניכטען יעדע קלאַסענהערשאַפט און אַלע קלאַסען איבערהויפּט, אָבער דערמיט וועט ער אויך פערניכטען די בעדינגונגען, וועלכע קענען אַרויסרופען אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָן.

דאָ אָבער הייבט זיך אויף ביי אונז אַ גרויסע פראַגע, אַ פראַגע, וועלכע רופט אַרויס צווישען אונז די טיעפסטע און ברענענדיגסטע ויכּוחים, ווייל זי האָט זעהר אַ גרויסע ווירקונג אויף אונזער פּראַקטישער טהעטיגקייט אין דער איצטיגער צייט; צו איז שוין די צייט פון סאָציאַלע רעוואָלוציאָנען אין גאַנצען פאָראיבער אָדער ניט? צו עקסיסטירען שוין היינט אַזעלכע פּאָליטישע בעדינגונגען, וועלכע מאַכען מעגליך דעם איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזמוס צום סאָציאַליזמוס אָהן פּאָליטישע רעוואָלוציאָן, אָהן דער איינגעהמונג פון דער פּאָליטישער מאַכט דורך דעם פּראָלעטאַריאַט, אָדער צו האָבען מיר נאָך צו ערוואַרטען אַ עפּאָכע פון לעטצטע קאַמפּפען פאַר דיזער מאַכט. ד. ה. אַ עפּאָכע פון אַ רעוואָלוציאָן? צו געהערט די אידעע פון אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָן צו יענע פערעלטערטע אידעען, אָן וועלכע עס האַלטען זיך נאָר תמ'עוואַטע מענשען, וואָס ווייסען מעהר ניט ווי נאָכצוזאָגען דאָס, וואָס דער אַנדערער לעגט זיי אַריין אין מויל, אָדער דעמאַגאָגישע שאַבער-מאַכערס, וועלכע זוכען נאָר, אַז די אוניוויסענדע מאַסע זאָל זיי פּאַטשען בראַוואָ, אָבער וועלכע (די אידעען) יעדער עהרליכער, היינטועלטיגער מענש, וואָס בעטראַכט אונפּאַרטייאיש די ערשיינונגען פון דער היינטיגער געזעלשאַפט, מוז אָבלייקענען?

דאָס איז די פראַגע, געוויס זעהר אַ וויכטיגע פראַגע, וועלכע מען קען ניט אָב'פּטר'ען מיט עטליכע ווערטער.

מיר האָבען געזעהען, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן איז

א פּראָדוקט פון בעזונדערע היסטאָרישע בעדינגונגען, וועלכע עס גרייטען איהר צו, כדי די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן זאָל פאָרקומען, איז ניט נאָר נויטיג אַ שטאַרק פערשאַרפטער קלאַסענגעגענזאַטץ, נאָר אויך אַ נאַציאָנאַלע גרויסע מלוכה, וועלכע פערניכטעט אַלע בעזונדערע רעכטע פון די פּראָווינצען און קליינע שטעדטלעך, און וועלכע ווערט געבויט אויף אַזאַ פּראָדוקציאָנס אופן, וואָס גלייכט אויס אַלע אָבגעזונדערטקייטען; ווייטער איז נויטיג אַ רעגירונגסמאַכט, וואָס זאָל האָבען אַ גוט-אָרגאַניזירטע ביוראָקראַטיע און מיליטער; אַ וויסענשאַפט פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע און אַ גיכער גאַנג פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג.

קיין איין איינציגע פון דיזע בעדינגונגען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן איז אין די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען ניט אָבגעשוואַכט געוואָרען, יעדע איז, פערקעהרט, נאָך פערשטאַרקט געוואָרען. קיינמאָל איז דער גאַנג פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג נאָך ניט געווען אַזוי גיך ווי אין דער היינטיגער צייט, און אויב די וויסענשאַפטליכע עקאָנאָמיע מאַכט איצט ניט קיין פאָרטשריטען אין דער טיעף, מאַכט זי אַ דאַנק דער פּרעסע וועניגסטענס גרויסע פאָרטשריטען אין דער ברייט. קיינמאָל איז דאָס פערשטעהען פון די עקאָנאָמישע בעדינגונגען ניט געווען אַזוי ווייט פערשפּרייט ווי אין היינטיגע צייט, און קיין מאָל האָבען די הערשענדע קלאַסען ווי אויך די פאָלקסמאַסען נאָך ניט געהאַט אַזוי ווי איצט די מעגליכקייט צו פערשטעהען די ווירקונגען, וואָס עס וועלען שפּעטער אַרויסקומען פון זייער איצטיגען טהאָן און שטרעבען. דאָס אַליין בעווייזט אונז שוין, אַז מיר קענען ניט מאַכען אונבעמערקטערהייט דעם מורא'דיג גרויסען איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזמוס צום סאָציאַליזמוס, אַז מיר קענען ניט לאַנגזאַם און ביסלעכווייז אויסעגבערען די הערשאַפט פון די עקספּלואַטירענדע קלאַסען. — אַזוי אַז זיי זאָלען גאָר דערפון ניט וויסען, זיי זאָלען זיך ניט ווערען געגען דעם און זאָלען ניט אָנווענדען די גאַנצע מאַכט,

וועלכֶע זייִ בּעֶזיִצעֶן, כּדי נִיט צוּ דעֶרלאָזעֶן זיִךְ אוֹיפצוּהיִיבּעֶן דעֶם פּראָלעֶטאַריאַט, בּייַ וועֶלכעֶן עֶס וואַקסט פוּן טאָג צוּ טאָג סייַ זייַן קראַפט, סייַ זייַן וויִרקוּנג.

ווען אָבּעֶר דאָס פּעֶרשטעהעֶן פוּן דעֶם צוזאַמעֶנהאַנג צוויִשעֶן דיִ געֶזעֶלשאַפטליִכעֶ פּעֶרהעֶלטניִסעֶן איִז נאָךְ קייִן מאָל ניִט געֶוועֶן אַזוֹי פּעֶרשפּרייִט וויִ איִן הייַנטיִגעֶר צייַט, — איִז אָבּעֶר אוֹיךְ דיִ מלוּכה-מאַכט נאָךְ קייִן מאָל ניִט געֶוועֶן אַזוֹי געֶוואַלטיִג עֶנטוויִקעֶלט. דעֶרפוּן איִז געֶדרוּנגעֶן, אַז דעֶר פּראָלעֶטאַריאַט, ווען עֶר וועט אַרייַננעֶהמעֶן דיִ מלוּכה—מאַכט איִן זייַנעֶ העֶנד, וועט דעֶרמיִט בּעֶקוּמעֶן דיִ מאַכט גלייַךְ אוֹיף דעֶר שטעֶל דוּרכ־צוּפיִהרעֶן זעהר טיִעפעֶ סאָציאַלעֶ פּעֶרעֶנדעֶרוּנגעֶן; אָבּעֶר דעֶרפוּן איִז אוֹיךְ געֶדרוּנגעֶן, אַז דיִ קלאַסעֶן, וועֶלכעֶ עֶס געֶוועֶלטיִגעֶן הייַנט, קעֶנעֶן מיִט דעֶר היִלף פוּן דיִזעֶר מאַכט נאָךְ אַ לאַנגעֶ צייַט אוֹיפהאַלטעֶן זייִעֶר קיוּם און בּעֶראַבּעֶוועֶן דיִ אַרבּייַטעֶנדעֶ פאָלקסמאַסעֶן, חאָטש אַפילוּ דיִ עֶקאָנאָמיִשעֶ נוֹיטוועֶנדיִגקייַט פוּן זייִעֶר עֶקסיִסטעֶנץ האָט שוֹין לאַנג אוֹיפגעֶהעֶרט. וואָס מעֶהר אָבּעֶר דיִ העֶרשעֶנדעֶ קלאַסעֶן וועֶלעֶן זיִךְ שטיִצעֶן אוֹיף דעֶר מלוּכה-מאַשיִנעֶריִי און וועֶלעֶן איִהר אוֹיסנוּטצעֶן מיִט דעֶם איֵין צוועֶק נאָר צוּ עֶקספּלוֹאַטיִרעֶן און צוּ אוּנטעֶרדריִקעֶן, אַלץ שטאַרקעֶר וועט זיִךְ מוּזעֶן אָנציִנדעֶן געֶגעֶן זייִ דעֶר כּעס פוּן פּראָלעֶטאַריאַט, אַלץ מעֶהר וועט מוּזעֶן וואַקסעֶן זייַן קלאַסעֶנ־פייַנדשאַפט און זייַן שטרעֶבּוּנג אַרייַנצוּנעֶהמעֶן דיִ מלוּכה מאַ־שיִנעֶרייַ איִן זייַנעֶ העֶנד.

מעֶן האָט אוֹיף דעֶרוֹיף געֶעֶנטפעֶרט מיִט דעֶר טענה, אַז דיִזעֶ מייִנוּנג שטיִמט ניִט מיִט דיִ נייַעֶסטעֶ סאָציאַלעֶ עֶרשייַנוּנ־געֶן, וועֶלכעֶ האָבּעֶן דייַטליִךְ בּעֶוויִזעֶן, אַז דיִ עֶנטוויִקלוּנג קוּמט פאָר איִן אַ׳ן אַנדעֶר ריִכטוּנג. דעֶר געֶגעֶנזאַטץ צוויִשעֶן פּראָ־לעֶטאַריאַט און בּוּרזשוּאַזיִעֶ וועֶרט ניִט גרעֶסעֶר, נאָר, פּעֶר־קעֶהרט, עֶר וועֶרט אַלץ מעֶהר אָבּגעֶשוואַכט, און איִן יעֶדעֶר הייַנטיִגעֶר מלוּכה איִז פאַראַן געֶנוּג דעֶמאָקראַטיִשעֶ אייַנריִכטוּנגעֶן, וועֶלכעֶ מאַכעֶן מעֶגליִךְ פאַר דעֶם פּראָלעֶטאַריאַט צוּ בּעֶקוּמעֶן

ווען ניט די גאַנצע מאַכט, איז דאָך ווענינגסטענס אַ געוויסען חלק מאַכט, וועלכע וועט זיך בּיסלעכווייז און שטיקלעכווייז פערמעהרען, אַזוי, אַז יעדע נויטווענדיגקייט פון אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָן וועט אויפהערען. לאָמיר זעהען אויף ווי פיעל אַזעלכע טענות האָבּען טאַקי אַ זינען.

5. די אָבּשוואַכונג פון די קלאַסען־היפוכים.

לאָמיר קודם־כל בּעטראַכטען די ערשטע טענה: אַז דער סאָציאַלער געגענזאַטץ צווישען דער בּורזשואַזיע און דעם פּראָלע־טאַריאַט ווערט אַלץ מעהר אָבּגעשוואַכט. איך וויל דאָ אָבּלעגען אָן אַ זייט די פראַגע וועגען די אינדוסטריעלע קריזיסען, וועגען וועלכע מען האָט מיט עטליכע יאָהר צוריק געזאָגט, אַז זיי זיינען און ווערען אַלץ מעהר אָבּגעשוואַכט. אַלעמען בּעקאַנטע פאַקטען, וואָס זיינען פאָרגעקומען פון יענער צייט אָן, האָבּען אויף אַזוי פיעל בּעוויזען די פאַלשקייט פון דיזער מיינונג, אַז עס איז מיר גאַנץ איבּעריג זיך אויף איהר דאָ נאָך אַ מאָל אָבּצושטעלען, און אויסער דעם וואָלט דאָס אונז נאָך צו ווייט אַוועקגעפיהרט אָן אַ זייט. איך וויל אויך מעהר ניט אַריינגעהען אין די ויכוחים וועגען דער, ווי מען רופט איהר, פערעלענדונגס־טעאָריע [1]), וועלכע עס האָבּען שוין אַלעמען גענוג דערעסען, איבּער וועלכע מען קען זיך שפּאַרען, אויבּ מען האָט נאָר פעהיגקייט און חשק דער־צו, בּיז משיח וועט קומען, און בּיי וועלכע די גאַנצע מחלוקות דרעהען זיך אַ סך מעהר אַרום דעם, ווי מען דאַרף פערשטעהען דעם וואָרט „עלענד", איידער אַרום דער בּעטראַכטונג פון וויר־

---

[1]) דיזע טעאריע בעשטעהט אין דעם, אז וואס מעהר עס ענטוויקעלט זיך דער קאפיטאליזמוס, וואס רייכער עס ווערט די בורזשואזיע, וואקסט אלץ מעהר די עקספּלואטאציאן פון פּראלעטאריאט, אלץ ערגער ווערט זיין לאגע אין פערגלייך צו דער לאגע פון דער בורזשואזיע.

ד ע ר א י ב ע ר ז ע ט צ ע ר

ליכע פאַקטען. מיר, סאָציאַליסטען, זַיינען אַלע אַיינשטימונג דערינען, אַז דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס-אופן פיהרט דאָרט, וואו ער בעגעגענט ניט קיין שום שטערונג אויף זַיין וועג, דערצו, אַז דער מאַטעריעלער עלענד ווערט אַלץ פערגרעסערט; אָבער מיר זַיינען אויך אַיינשטימיג דערינען, אַז די אָרגאַני־זאַציאָנען פון דעם אַרבַייטערקלאַס און די אַרַיינמישונג פון דער מלוכה אין דעם קאַמפּף צווישען די אַרבַייטער און קאַפּיטאַלי־סטען זַיינען שוין בַיי הַיינטיגע צַייט אום שטאַנד צו פערקלענע־רען דיזען עלענד; ענדליך זַיינען מיר אַיינשטימיג אויך דערינען, אַז מיר קענען ערוואַרטען די בעפרַייאונג פון פּראָלע־טאַריאַט ניט פון דער וואַקסענדער פערשלעכטערונג פון זַיין לאַגע, נאָר, פערקעהרט, פון זַיין וואַקסענדער קראַפט.

אַ'ן אַנדער פראַגע איז אָבער, צו וואַקסט אַלץ מעהר דער געגענזאַטץ צווישען בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט. זי איז קודם כל די פראַגע, צו עס וואַקסט אַלץ מעהר די עקספּלו־אַטאַציאָן.

אַז די עקספּלואַטאַציאָן וואַקסט אַלץ מעהר און מעהר האָט שוין מאַרקס נאָך מיט אַ האַלבען יאָהר הונדערט צוריק בע־וויזען, און וויפיעל איך וויים, האָט נאָך קיינער ניט אויפגעוויזען, אַז זַיין בעווַייז איז פאַלש. ווער עס לייקענט אָב דעם פאַקט, אַז עס וואַקסט אַלץ מעהר די עקספּלואַטאַציאָן פון פּראָלעטאַריאַט, דער מוז קודם כל בעווַייזען, אַז מאַרקס'ס „קאַפּיטאַל" איז פאַלש.

אויף דערויף וועט מען מיר געוויס ענטפערען, אַז דאָס איז אַלץ מעהר ניט ווי הוילע טעאָריע; מיר האַלטען אָבער פאַר אמת און בעוויזען נאָר דאָס, וואָס מיר קענען ריכטיג אָנטאַפּען מיט די הענד. זאָל מען אונז געבען ניט עקאָנאָמישע געזעטצען, נאָר סטאַטיסטישע ציפערן. אָבער אַזעלכע ציפערען איז ניט אַזוי לַייכט צו קריגען, ווַייל קיינעם איז נאָך ניט אַיינגעפאַלען סטאַטיסטיש צו בערעכענען ניט נאָר די סומען פון די שכירות, נאָר אויך די סומען פון ריוח, שוין צוליעב דעם אַליין ניט, ווַייל

זײַן אײזערנע קאַסע איז פאַר יעדען בורזשואַ אַ מין פעסטונג, וועלכע אַפילו דער ווײַכהערציגסטער און שרעקענדיגסטער פון זײ בעשיטצט ווי אַ לײב און דערלאָזט ניט קײַן בעאַמטען פון דער רעגירונג צו טרעטען צו איהר און אַ קוק טהאָן וואָס דאָר-טען טהוט זיך.

ניט קוקענדיג אויף דעם, זײַנען פון דעסטיוועגען פאַראַן געוויסע בערעכענונגען וועגען דעם, ווי עס וואַקסען די שכירות און די איבעריגע הכנסות. איך ברײנג דאָ אײניגע פון זײ, די נײַעסטע, וועלכע מיר קענען. דיזע בערעכענונג איז צוזאַמענגע-שטעלט פון בוילי, וועלכער האָט אין מערץ 1895 יאָהר איבער דיזע פראַגע געהאַלטען אַ פאָרטראַג אין דער סטאַטיסטי-שער געזעלשאַפט אין לאָנדאָן (אָבגעדרוקט אין דעם „זשורנאַל" פון דער געזעלשאַפט, יוני 1895, ז. 224—285). מיר נעהמען פון דאָרטען די פאָלגענדע טאַבליצע:

די יאהרען	די גאנצע סומע פון דער יאהרליכער הכנסה, וועלכע עס ווערט בעקומען אלס שכירות. די סומען אין מיליאנען פונט סטערלינג (א פונט סטערלינג איז 10 ר').	דער פראצענט וואס די סומע מאכט געגען דער גאנצער הכנסה פון פאלק.	די הכנסות, וועלכע שטאמען ניט פון שכירות. די הכנסות, פון וועלכע עס ווערען גענומען שטייערן. די סומ. אין מיל. פונ. סט.	דער % וואס דיזע סומען מאכען געגען דער גאנצער הכנסה פון פ.	די הכנסות, פון וועלכע מען נעהמט ניט קיין שטייערן. די סומ. אין מיל. פונ. סט.	דער % וואס דיזע סומען מאכען געגען דער גאנצער הכנסה פון פאלק.
1860	392	47	376	$45^1/_3$	64	$7^2/_2$
1866	464	45	485	47	81	8
1870	486	$44^1/_2$	521	48	85	$7^1/_2$
1874	609	$45^1/_4$	635	$47^1/_4$	100	$7^1/_2$
1877	591	43	652	$47^1/_2$	130	$9^1/_2$
1880	567	42	652	$48^1/_2$	126	$9^1/_2$
1882	609	$42^2/_3$	696	49	122	$8^1/_3$
1886	605	42	715	$49^1/_2$	125	$8^1/_2$
1991	699	$43^1/_2$	782	$48^1/_2$	130	8

וועגען דיזער בערעכנונג וואָלט מען געקענט אַ סך רעדען, זי ווייזט זיך מיר אויס צו אָפּטימיסטיש, ווייל נאָך איהר נאָך וואַקסט די סומע פון די שכירות פיעל גיכער, איידער דאָס איז פאָרגעקומען אין אמת'ן.

ביי דער בערעכענונג פון דער סומע פון די שכירות האָט דער פּערפאַסער געלאָזען אָן אַ זייט די אַרבייטסלאָזיגקייט, אָבער אויסערדעם האָט ער אויך דאָרטען, וואו ער האָט ניט געקענט גענוי בעשטימען די ענדערונגען, אָנגענומען, אַז אַ גאַנצע ריזיהע פון וויכטיגע בעדינגונגען אין דעם אַרבייטערקלאַס גופא, זיינען די גאַנצע צייט געבליבען די אייגענע. אַלס סטאַטיסטיקער האָט ער, פערשטעהט זיך, פּאָלקאָם ריכטיג געהאַט דאָס צו טאָהן, אָבער דאָס זיינען גראַדע אַזעלכע בעדינגונגען, וועלכע ווערען אַלץ שלעכטער פאַר'ן אַרבייטערקלאַס: אָט למשל, די פער־העלטניס צווישען פּראָווינצאַרבייט און מענערארבייט, צווישען גע־לערנטע און ניט-געלערנטע, פּראָסטע אַרבייט.

ערגער ווי אַלץ איז אָבער, וואָס די בערעכענונג האָט זיך בעגרענעצט נאָר מיט וועניגע צווייגען פון דער אַרבייט, וועלכע עס זיינען, אויסער די לאַנדאַרבייטער, זעהר גוט געווערקשאַפט-ליך אָרגאַניזירט, און וואָס דער אַווטאָר האָט אָנגענומען אָהן ווייטערע חקירות, אַז די לאַגע פון גאַנצען אַרבייטערקלאַס האָט זיך אין דורכשניט אויך אַזוי אויפגעהויבען ווי די לאַגע פון די געווערקשאַפטליך אָרגאַניזירטע אַרבייטער, וועלכע עס מאַכען אויס אפילו אין ענגלאַנד מעהר ניט ווי אַ פינפט-חלק פון אַלע אַרבייטער. עס איז זעהר אינטערעסאַנט צו בעטראַכטען די ענדערונגען פון די שכירות פון דיזע סאָרטען אַרבייטער. די הויך פון די שכירות האָט אין פערגלייך מיט די שכירות פון 1860 יאָהר (ווען מיר זאָלען בעצייכענען די שכירות פון 1860 יאָהר מיט דער צאָהל 100), געוואַקסען אויף דעם פאָלגענדען אופן:

	1860	1866	1870	1874	1877	1880	1883	1886	1891
לאנד-ארבייטער	100	105	107	130	132	122	117	111	118
בוי-ארבייטער	100	116	116	126	128	125	125	126	128
באוועל-אינדוסטריע	100	125	125	148	148	134	146	155	176
וואָל-אינדוסטריע	100	106	112	121	130	126	120	115	115
אייזען-פּראָדוקציאָן	100	127	127	143	112	112	110	100	124
מאשין-בוי	100	108	110	124	123	120	127	126	126
גאז-ארבייטער	100	115	120	125	128	128	130	130	149
מאטראָזען	100	113	103	129	123	102	118	110	143
גרובען ארבייטער 1)	100	?	100	150	115	100	115	100	150
דורכשניטליך	100	113	113	138	132	124	130	125	140

מיר זעהען דאָ, אַז דער וואוקס פון די שכירות אויף 40 פּראָצענט פון 1860 ביז 1891, וועלכע בוילי האָט בערעכענט פאַר דעם גאַנצען אַרבייטערקלאַס פון ענגלאַנד, איז אַפילו ניט ריכטיג פאַר דער גאַנצער אַרבייטער-אַריסטאָקראַטיע. אויסער די אַרבייטער פון דער באוועל-אינדוסטריע, וועלכע זיינען אין ענגלאַנד גיט אומזיסט קאָנסערוואַטיוו און דינען פאַר אַ מוסטער פאַר אַלע, וואָס חלום'ען פון „סאָציאַלען שלום", האָבען אַריבערגעשטייגען דעם דורכשניט פון 1391 יאָהר נאָר די גאַז-אַרבייטער, די מאַטראָזען און די גרובענאַרבייטער. די גאַז-אַרבייטער האָבען צו פערדאַנקען די העכערונג פון זייערע שכירות טהייל-ווייז יענער פּאָליטיק, וועלכע האָט אין די גרויסע שטעדט אַ ביסעל פערבעסערט די לאַגע פון די אַרבייטער וואָס זיינען פערנומען אין די שטאָדטישע אונטערנעהמונגען. ביי די גאַז-אַרבייטער דאַרף מען זיך וויעניגער פאַר אַלץ רעכענען מיט דער קאָנקורענץ און דער עקספּלואַטאַציאָן פון פּריוואַטען קאַפּיטאַל. טהייל-ווייז זיינען די שכירות אַזוי מיט אַמאָל געוויאַקסען אין 1891 יאָהר צוליעב דער ווירקונג פון דער נייער ריכטונג, וועלכע עס האָט זיך בעוויזען אין דער ענגלישער אַרבייטער בעוועגונג, צוליעב

1) גרובענארבייטער — ארבייטער וואס ארבייטען אין די קויהלען-און מעטאל-גרובען. ד ע ר א י ב ע ר ז ע ט צ ע ר.

דעם „נײַעם יוניאָניזמוס“, וועלכער האָט אויף אַ מינוט אַרויסגע־רופען אַזוינע גרויסע האָפנונגען, וואָס האָבען זיך באַלד צוטראָגען ווי אַ רויך. נאָך מעהר ווי בײַ די גאַז־אַרבײַטער ווײַזט זיך אַרויס דער וואוקס פון די שכירות אין 1891 יאָהר בײַ די מאַטראָזען און גרובענאַרבײַטער אַלס גאָר אַ פלוטצליכער, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען מיט איין קלאַפּ, כמעט צופעליגערהײַט. בײַ די גרובענאַרבײַטער זײַנען די שכירוה אין 1886 געשטאַנען אויף דער אייגענער הויך ווי אין 1860 יאָהר, און מיט אַ מאָל אין 1891 יאָהר האָבען זיי זיך אויפגעהויבען אויף 50 פּראָצענט! מען קען דאָס ניט האַלטען פאַר קיין געזיכערטען פאָרטשריט, אָבער בײַ די וואָלאַרבײַטער, די בויאַרבייטער און אַרבײַטער אין דער אַייזען־אינדוסטריע בלײַבט דער וואוקס פון די שכירות זײַט דעם יאָהר 1860 ווײַט אונטער דעם דורכשניט. בוילי פער־לאַנגט פון אונז אַלזאָ, אַז מיר זאָלען אָננעהמען, אַז די שכירות פון אַלע ניט־אָרגאַניזירטע אַרבײַטער פון ענגלאַנד האָבען זיך פערגרעסערט אויף 40 פּראָצענט, אין דעם זעלבען משך. אין וועלכען די שכירות פון די אַרבײַטער פון דער אַייזענדוסטריע, וועלכע זײַנען אָרגאַניזירט אויף דעם בעסטען אופן, האָבען זיך פערגרעסערט נאָר אויף 25 פּראָצענט!

נאָר לאָמיר נעהמען די טאַבעליצע אַזוי ווי זי איז, וואָס בעווײַזט זי אונז? אפילו נאָך דיזע טאַבליצע, וועלכע איז צוזאַ־מענגעשטעלט צו אָפּטימיסטיש, קומט אַרויס, אַז די אַרבײַטס־שכירות ווערען אַלץ אַ קלענערער טהייל פון דער גאַנצער פאָלקס־הכנסה. פון 1860 ביז 1874 מאַכען זיי אויס דורכשניטליך 45 פּראָצענט פון דיזער הכנסה, פון 1877 ביז 1891 נאָר $42^2/_3$. אויב מיר וועלען, ניט האָבענדיג קיין ריכטיגערע ציפערען, אָננעהמען, אַז די סומע פון יענע הכנסות, פון וועלכע מען דאַרף צאָהלען שטייערן, און וועלכע עס שטאַמען ניט פון אַרבײַטס־שכירות, איז גלײַך צו דער מאַסע מעהרווערטה, דאַן איז דיזע מאַסע מעהרווערטה אין 1860 יאָהר געוועזען נאָך אויף 150 מיל־ליאָן רובל קלענער ווי די סומע פון די שכירות. פערקעהרט

אין 1891 יאָהר האָט די מאַסע מעהרוועֶרטה שוין פיעל מעהר אריבערגעשטיגען די סומע פון די שכירות, ניט ווענינער ווי אויף 752 מיללִיאָנען רובל,

דאָס ווייזט דאָך אָן אויף אַ גאַנץ בעדייטענדע פערגרעסע־רונג פון דער עקספּלואַטאַציאָן. די ראַטע [1]) פון מעהרוועֶרטה, דאָס הייסט דער גראַד אויף ווי פיעל מען עקספּלואַטירט דעם ארבייטער, וואָלט אויף אַזאַ אופן אויסגעוואַקסען אין דעם אויבענ־דערמאָנטען משך צייט פון 96 פּראָצענט ביז 112 פּראָצענט. אין דער אמת׳ן איז נאָך בּוּילי׳ס ציפערען אויף אַזוי פיעל אויסגעוואַקסען די עקספּלואַטאַציאָן פון די אַרבייטער, וועלכע זיינען געוועֶרקשאַפטליך אָרגאַניזירט. אָבער די עקספּלואַטאַציאָן פון דער מאַסע ניט אָרגאַניזירטע ארבייטער האָט געמוזט נאָך דערגרייכען ביז אַ סך אַ העכערען גראַד.

מיר גיבען דאָ ניט דיזע ציפערען קיין צו גרויסע בעדייטונג. אָבער אויף וויפיעל דיזע ציפערען בעווייזען עפּעס, רעדען זיי נאָר פאַר, אָבער ניט געגען דער מיינונג, אַז די עקספּלואַטאַציאָן פון דער אַרבייטסקראַפט וואַקסט, וועלכע מארקס האָט בעוויזען אויף אַ׳ן אַנדער וועג, דורך די ערפאָרשונג פון די געזעצען, וואָס הערשען אין דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן, און קיינער האָט נאָך ניט דערוויזען אַז זיין מיינונג איז פאַלש. אויף דערויף וועט מען געוויס זאָגען: גוט, די עקספּלואַ־טאַציאָן וואַקסט טאַקי; אָבער די שכירות וואַקסען דאָך אויך אין יעדען פאַל, האָטש אַפילו ניט אין דעם גראַד ווי דער מעהר־ווערטה. פון וואַנען־זשע זאָל דער אַרבייטער פיהלען די וואַקסענ־דע עקספּלואַטאַציאָן, ווען זי ליעגט ניט אָפען פאַר זיינע אויגען, נאָר מען מוז איהם דאָס פאַרנאַנדערקלערען דורך לאַנג דויערענ־

---

[1]) די ראטע פון מעהרווערטה — איז דער מעהרווערטה אין פערגלייך מיט דעם קאפּיטאל, וואס געהט אויף שכירות. די ראטע פון מעהרווערטה ווייזט דעריבער שטענדיג ווי גרויס עס איז די עקספּלואטאציאן פון ארבייטער.
דער איבערזעטצער.

דֶע אונטערזוכונגען ? דִי אַרבּײטער-מאַסען — ניִט זיִי זײנען סטאַטיִסטיִקער, ניִט זיִי קלערען וועגען דִי טעאָריען פון ווערטה און מעהרווערטה.

זאָל זײן אַזוי, אָבּער פונדעסטוועגען איִז דאָך פאַראַן אַ ווּעג, אויף וועלכען דִי אַרבּיִיטער דערפיִהלען גאַנץ גוט, וויִ עס וואַקסט זײער עקספּלואַטאַציאָן, פּונקט אויף אַזוי פיִעל, אויף וויִ פיִעל עס וואַקסט דִי מאַסע ריוח, וואַקסט אויך דִי בּריִיטקײט, מיִט וועלכער עס לעבּט דִי בּורזשואַזיע. אָבּער דִי קלאַסען זײנען ניִט אָבּגעשײדט איינער פון דעם אַנדערען דורך אַ שטײנערנע וואַנד, דִי וואַקסענדע בּריִיטקײט פון לעבּען בּײ דִי אויבּערסטע קלאַסען טריִפט דורך בּיִסלעכווײז צו דִי אונטערסטע, וועקט אויך בּײ זיִי אויף נײע בּעדערפניִסען און פאָדערונגען, וועלכע קענען ניִט בּענוגענט ווערען צוליִעב דעם לאַנגזאַמען וואוקס פון דִי שׂכירות. דִי בּורזשואַזיע שרײט גוואַלט אויף דעם, וואָס דִי אונטערסטע קלאַסען האָבּען אָנגעוואָרען זײער פריִהערדיִגע צופריִעדענקײט מיִט אַבּיִ וואָס, און וואָס בּײ זיִי וואַקסט אַלץ מעהר דער פערלאַנג צו פוּטצען זיִך און פיִהרען אַ בּריִיטען לעבּען, אָבּער זיִ פערגעסט, אַז דִי וואַקסענדע בּעדערפניִסען און פערלאַנגען פון אונטען זײנען מעהר ניִט וויִ אַ'ן אָבּשפּיִגעלונג פון דעם וואַקסענדען בּריִיטען לעבּען פון אויבּען; זיִ פערגעסט, אַז דאָס איִז נאָר איהר בּײשפּיִעל, וועלכער וועקט אויף בּײ דִי אונטערסטע קלאַסען דעם חשק זיִך צו פּוטצען און פיִהרען אַ בּריִיטען לעבּען.

אַז דִי לעבּענספּיִהרונג פון דער בּורזשואַזיע וואַקסט פיִעל גיִכער איידער דִי לעבּענספּיִהרונג פון דִי פּראָלעטאַריער — דאָס זעהען מיִר אויף יעדען טריִט. דִי אַרבּײטער-וואָהנונגען האָבּען זיִך איִן דעם משך פון 50 יאָהר ניִט פיִעל פערבּעסערט, פערקעהרט, דִי וואָהנונג פון אַ בּורזשואַ איִז הײנט אַ פּראַכט איִן פערגלײך מיט אַ דורכשניִטליִכער בּיִרגעליִכער וואָהנונג פון אַ יאָהר 50 צוריִק. אַ וואַגאָן פון 3-טען קלאַס הײנט, און דער זעלבּיִגער וואַגאָן פון אַ יאָהר 50 צוריִק אונטערשײדען זיִך כּמעט ניִט איינער פון דעם אַנדערען איִן זײער איִנעווייניִגסטער

אויסבויאונג. זאָל מען אָבער פערגלײַכען אַ וואַגאָן פון 1-טען קלאַס פון מיטען 19-טען יאָהרהונדערט מיט אַ וואַגאָן פון אַ לוקסוס-צוג פון הײַנטיגער צײַט! איך רעכען ניט, אַז די מאַטראָזען פון אַ ים-שיף זאָלען זיך געפינען אין אַ בעסערע לאַגע ווי מיט 50 יאָהר צוריק, אָבער דער לוקסוס, מיט וועלכען עס איז אויסגעבויט אַ סאַליע פון אַ הײַנטיגען פּאַסאַזשירען-דאַמפּף-שיף, וואָלט מיט אַ יאָהר 50 צוריק געווען אַ אונגע-הערטע זאַך אפילו אין אַ פירסטליכען לוסט-שיף.

גענוג. מיר האָבען געזעהען ווי עס וואַקסט די עקס-פּלואַטאַציאָן פון פּראָלעטאַריאַט. ווערט אָבער דיזע עקאָ-נאָמישע ערשײַנונג ניט אויסגעגלײַכט דורך דעם, וואָס די קלאַסען דערנעהנטערען זיך פּאָליטיש אַלץ מעהר אײנער צום אַנדערען? ווערט דען ניט דער אַרבײַטער פון דער בורזשואַזיע אַלץ מעהר און מעהר געהאַלטען סײַ פּאָליטיש, סײַ געזעל-שאַפטליך פיר איהר גלײַכען?

עס איז ניטאָ קײן ספק, די אַכטונג צום פּראָלעטאַריאַט וואַקסט זעהר גיך סײַ פּאָליטיש, סײַ געזעלשאַפטליך.

אויב עקאָנאָמיש וואַקסט ער ווײַט ניט אַזוי גיך ווי די בורזשואַזיע, און אויב דערפון מוזען זיך ענטוויקלען אַלץ וואַק-סענדע בעגעהרען און וואַקסענדע אונצופרידענקײַט, איז דערפאַר אפשר די מערקווירדיגסטע ערשײַנונג פאַר די לעצטע 50 יאָהר, וואָס מאָראַליש און גײַסטיג שטײַגט ער אַלץ גיכער און אָהן אַ'ן אויפהער.

נאָך מיט עטליכע צעהנדליג יאָהרען צוריק איז דער פּראָ-לעטאַריאַט געשטאַנען אַזוי נידעריג, אַז עס האָבען זיך געפונען אפילו סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען פון דעם נצחון פון פּראָ-לעטאַריאַט דערוואַרט דעם גרעסטען שאָדען פאַר דער קולטור. נאָך דעם 1850 יאָהר האָט ראָדבערטוס [1]) געשריבען: „עס

[1]) ראָדבערטוס — איז געווען אַ בעוואוסטער דײַטשער עקאָנאָמיסט, דער איבערזעטצער.

עֶקסִיסטִירט דִי מוֹרא׳דִיגסטעֶ סכּנה, אַז אַ נַייעֶר שטורם פוּן בּ אַ ר בּ אַ ר עֶ ן, וועֶלכעֶר וועֶט זִיךְ דעֶם מאָל אויפהֵייבּעֶן פוּן אִינעֶווֵייִנִיגסטעֶן פוּן דעֶר געֶזעֶלשאַפט גוּפא, וועֶט פעֶרווִיסטעֶן אַלעֶ מִיטעֶלפוּנקטעֶן פוּן צִיווִילִיזאַציאָן און רַייכקַייט".

אִין דעֶר זעֶלבּעֶר צַייט האָט הֵיינ ר י ךְ הֵיינ עֶ [1]) עֶרקלעֶרט, אַז דִי צוּקוּנפט געֶהעֶרט צוּ דִי קאָמוּנִיסטעֶן. „מַיין מודה-זַיין, אַז דִי צוּקוּנפט געֶהעֶרט צוּ דִי קאָמוּנִיסטעֶן — אִיךְ האָבּ דאָס אַרויס-געֶזאָגט מִיט אַ טאָן פוּן בּעֶאוּנרוּהִיגוּנג און גרעֶסטעֶן פחד, און אַךְ! דאָס אִיז אִין קֵיין פאַל פוּן מִיר נִיט געֶוועֶן קֵיין מאַסקעֶ, קֵיין פעֶרשטעֶלאַכטס. אִין דעֶר אֶמת׳ן, נאָר מִיט שרעֶק און שוידעֶרעֶן קלעֶר אִיךְ יועֶגעֶן יעֶנעֶר עֶפּאָכעֶ, ווען דִיזעֶ פִינסטעֶרעֶ בִּילדעֶרשטִירמעֶר [2]) וועֶלעֶן קוּמעֶן צוּ דעֶר העֶרשאַפט. מִיט זֵייעֶרעֶ מאָזאָלִיסטעֶ העֶנד וועֶלעֶן זֵיי צוּבּרעֶכעֶן אַלעֶ מאַרמאָר-סטאַטוּעֶן פוּן דעֶר שעֶהנקַייט" און ז. וו.

אָבּעֶר ווִי עֶס אִיז בּעֶקאַנט, האָט זִיךְ דִי מעֶשה אויס-געֶלאָזעֶן גאָר אַנדעֶרס. נִיט דעֶר פּראָלעֶטאַריאַט אִיז אִיצט אַ סכּנה פאַר דעֶר הַיינטִיגעֶר צִיווִילִיזאַציאָן. גראַדעֶ דִי קאָמוּנִיס-טעֶן בִּילדעֶן הַיינט דעֶם זִיכעֶרסטעֶן שוּטץ פאַר קוּנסט און

---

[1]) ה י י נ ע — איינער פון די גרעסטע דייטשע פּאָעטען.

ד ע ר א י ב ע ר ז ע ט צ ע ר.

[2]) אין דער צייט, ווען ק א נ ס ט א נ ט י נ א פ א ל איז נאך געווען די הויפטשטאדט פון דער גריכישער מלוכה — ב י ז א נ ץ (אדער ו ו י ז א נ ט י ע), האט זיך לערך מיט טויזענד יאהר צוריק כמעט גאנץ ג ר י כ ע נ ל א נ ד צוטהיילט אויף צוויי פארטייען: איינע — די „בילדערשטירמער" — האט גע-פאדערט אז מען זאל ארויסווארפען אלע בילדער פון די קירכען, ווייל דאס איז עבודה-זרה; די אנדערע פארטיי האט, פערקעהרט, געשיטצט די בילדער. צווישען די פארטייען פלעגען אפט פארקומען די בלוטיגסטע שטרייטען און דער קאמפף האט געדויערט לערך 100 יאהר. ה י י נ ע מיינט אונטער דעם נאמען „בילדערשטירמער" די פּראלעטאריער, וועלכע ווילען, נאך זיין מיינונג, פערניכטען אלץ וואס די קונסט האט בעשאפען, פונקט אזוי ווי יענע פאנא-טיקער, וועלכע פלעגען צורייסען און צוטרעטען מיט די פיס די בילדער אין די קירכען.

ד ע ר א י ב ע ר ז ע ט צ ע ר.

וויסענשאַפט , פאַר וועלכע זיי האָבען זיך אָנגענומען אויף דעם ענטשלאָסענסטען אופן שוין ניט אֵ ן מאָל .

און אַזוי האָט טאַקי גיך אָנגעהויבען פערשווינדען די מורא, וועלכע האָט נאָך אפילו נאָך דער פאַריזער קאָמונע געהערשט אין דער גאַנצער בירגערליכער וועלט , די מורא , אַז דער פּראָלעטאַריאַט וועט נאָך זיין נצחון צושטערען אונזער קולטור אַזוי ווי די וואַנדאַלען אין דער צייט פון דער פעלקערוואַנדערונג [1]) און וועט אויף די חורבות פון אונזער ציוויליזאַציאָן בויען אַ מלוכה פון אַ באַרבאַרישען אַסקעטיזמוס [2]) .

דער פערשווינדונג פון דיזער מורא האָט מען צום טהייל דאָס צו פערדאַנקען , וואָס עס וואַקסען בעמערקליך אַלץ מעהר און מעהר די סימפּאַטיען צום פּראָלעטאַריאַט און צום סאָציאַליזמוס אין דער בורזשואַזנער אינטעליגענץ .

די אינטעליגענץ אַלס אַ קלאַס איז , אַקוראַט ווי דער פּראָלעטאַריאַט , אַ'ן ערשיינונג , וואָס געהערט צום קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס-אופן . איך האָב שוין אויבען דערויף אָנגעוויזען , אַז דיזער פּראָדוקציאָנס-אופן פאָדערט אויף אַזוי

---

[1]) וואַנדאַלען זיינען געוועזען אַ גערמאַנישער שבט . די גרויסע פעלקער-וואַנדערונג איז בעשטאַנען אין דעם , וואָס פערשידענע גערמאַנישע שבטים , ווי וואַנדאַלען , טעווטאָנען , גאָטען א. ז. וו. און פיעלע אַזיאַטישע פעלקער , ווי די הונ נען , פלעגען זיך אויפהייבען פון זייערע ערטער און פלעגען דורכוואַנדערען דורך גאַנץ א י ר א פ א , אַנפאַלענדיג איינע אויף די אַנדערע , זיך בעזעטצענדיג דאַ דאַ , דאַ דאָרט , ביז זיי פלעגען דערגרייכען צו די גרענעצען פון דער רוימישער מלוכה און פלעגען אויף איהר אַנפאַלען . די רוימער האָבען געגען דיזע באַרבאַרען געפיהרט אַ שטענדיגע מלחמה , אָבער סוף כל סוף איז די רוימישע מלוכה אין גאַנצען געפאַלען (אין 476 יאָהר פון אונזער צייטרעכנונג) אונטער דעם שטורם פון די באַרבאַרען , וועלכע האָבען זיך אין איהר בעזעצט און האָבען צושטערט די מיטעלפּונקטען פון קולטור און ציוויליזאַציאָן . ד ע ר א י ב ע ר ז ע ט צ ע ר .

[2]) אַסקעטיזמוס — איז די שטרעבונג צו בעגרענעצען די בעדערפניסען אויף דאָס מינדעסטע , זיך אָבצוזאָגען ניט נאָר פון לוקסוס , נאָר פון אַלצדינג , וואָס מאַכט בעקוועם און אַנגענעהם אונזער לעבען .

ד ע ר א י ב ע ר ז ע ט צ ע ר ,

פּוּעל דיִ גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון דיִ הערשענדע קלאַסען, אַז זייִ בלייבט ניִט קיין אינטערעס, ניִט קיין צייט זיך צו פער־נעהמען מיִט מלוכה-ענינים אָדער זיך אָבצוגעבען מיִט דער קונסט און דער וויִסענשאַפט, וויִ דאָס האָט געטהאָן דיִ אַריִס־טאָקראַטיע פון גריִכענלאַנד אָדער וויִ דיִ גייסטליִכע אין דיִ בעסטע צייטען פון דער קאַטוילישער קיִרכע. דיִ גאַנצע העכערע גייסטיִגע טהעטיִגקייט, וועלכע איז אין דיִ פריִהערדיִגע צייטען געווען אַ פּריִוויִלעגיום פון דיִ הערשענדע קלאַסען, לאָזען זייִ הײנט אין גאַנצען איבער פאַר בעצאָהלטע אַרבייטער, און דיִ צאָהל פון דיִזע פּראָפעסיאָנעלע געלעהרטע, קיִנסטלער, אינזשענערען, בעאַמטע וואַקסט אַלץ מעהר און מעהר.

אָט זייִ אַלע צוזאַמען בילדען דעם קלאַס פון דער, ויִ מען רופט איהר, „איִנטעליִגענץ", דעם „נייעם מיִטעלשטאַנד", אָבער זייִ אונטערשיידען זיך פון דעם אַלטען מיִטעלשטאַנד קודם כל דורך דעם, וואָס זייִ פעהלט אַ בעזונדערער קלאַסען-בע־וואוסטזיין. אייניִגע שיִכטען פון דיִזער איִנטעליִגענץ האָבען אַ בעזונדערען בעוואוסטזיין פון זייער שטאַנד, זעהר אָפט נאָך אַ בעזונדערע גדלות מיִט זייער שטאַנד, אָבער דיִ איִנטערעסען פון יעדער שיִכט זיינען צו פערשיִעדען, אַז זייִ זאָלען קענען ענטוויִקלען איִן זייִ איין געמיינזאַמען קלאַסען-בעוואוסטזיין. דיִ מיִטגליִעדער פון דער איִנטעליִגענץ שטעהען צו צו דיִ פער־שיִעדענסטע קלאַסען און פּאַרטייען; דיִ איִנטעליִגענץ גיִט גייסטיִגע קעמפפער פאַר יעדען פון דיִזע קלאַסען און פּאַרטייען. איין טהייל בעשיִצט דיִ איִנטערעסען פון דיִ הערשענדע קלאַסען, ביי וועלכע פּוּעלע פון דער איִנטעליִגענץ מוזען דיִנען לויט זייער פּראָפעסיאָן, אַנדערע האָבען געמאַכט דיִ זאַך פון פּראָ־לעטאַריאַט פאַר זייער זאַך. אָבער דער גרעסטער טהייל פון דער איִנטעליִגענץ איז ביִזהער געבליִבען שטעקען איִן דער קליינ־בורזשואַזנער געדאַנקענוועלט. ניִט נאָר וואָס זייִ האָבען גע־שטאַמט דאָס רוב פון דער קליינער בורזשואַזיע, נאָר אפילו זייער סאָציאַלע לאַגע אַלס „מיִטעלשטאַנד" איז אויך געווען

עֶהנלִיךְ צו דער מִיטֶעלֶער לאַגֶע פון דעֶר קלֵיינבורזשואַזִיעֶ, ווֶעלכֶע זִיִי פֶערנֶעהמט צווִישֶען דֶעם פּראָלֶעטאַריאַט און דִיִי הֶערשֶענדֶע קלאַסֶען.

אָט דִיזֶע שִיכטֶען פון דעֶר אִינטֶעלִיגֶענץ ווִייזֶען אַרוים, ווִיִי אִיךְ האָבּ שוין אויבּעֶן בּעֶמעֶרקט, אַלץ מעֶהר סִימפּאַטיעֶן צום פּראָלֶעטאַריאַט און סאָציאַלִיזמוס. אַזוי ווִיִי זֵייִ האָבֶּען נִיט קַיין בּעֶשטִימטֶע קלאַסֶען-אִינטֶערֶעסֶען און אַזוי ווִיִי זֵייִ זַיינֶען צו-לִיעבּ זֵייעֶר פּראָפֶעסיאָנעֶלעֶר בּעֶשֶעפטִיגונג פִּיעל פֶעהִיגעֶר צו פֶערשטעֶהעֶן ווִיסֶענשאַפטלִיכֶע ראיות, דעֶריבּעֶר קעֶן מעֶן זֵייִ דורךְ ווִיסֶענשאַפטלִיכֶע עֶרקלעֶרונגעֶן גִיכעֶר ווִיִי אַלֶע צוצִיהעֶן צו בּעֶשטִימטֶע פּאַרטַייעֶן. דעֶר טהעֶאָרעֶטִישעֶר בּאַנקראָט פון דעֶר בּורזשואַזנעֶר עֶקאָנאָמִיעֶ און דִיִי טהעֶאָרעֶטִישֶע מאַכט פון סאָציאַלִיזמוס האָט זֵייִ גֶעמוזט קלאָר ווֶערֶען. דעֶרבַּיי האָבֶּען זֵייִ אַלץ מעֶהר גֶעפִיהלט, אַז דִיִי אַנדעֶרֶע קלאַסֶען שטרעֶבֶּען אַלץ נִידעֶרִיגעֶר אַראָבּצודרִיקֶען דִיִי קונסט און דִיִי ווִיסֶענשאַפט. אויף אַנדעֶרֶע פון זֵייִ מאַכט עֶנדלִיךְ אַ שטאַרקֶען אַיינדרוק דעֶר עֶרפאָלג פון דעֶר סאָציאַל-דעֶמאָקראַטיעֶ, אִיהר נִיט אויפהעֶרעֶנדעֶר גאַנג אַלץ פאָרווֶערטס, אִיבּעֶרהויפּט נאָךְ ווֶען זֵייִ פֶערגלַייכֶען דאָס מִיט דֶעם נִיט אויפהעֶרעֶנדֶען אונטעֶרגאַנג און אָבּשטאַרבּונג פון לִיבּעֶראַלִיזמוס. אָט אַזוי ווֶערט צווִישֶען דִיִי גֶעבִּילדֶעטֶע פּאָפּולעֶר דִיִי אַרבַּייטעֶרפרַיינדלִיכקַייט און דעֶר סאָציאַלִיזמוס. מעֶן קעֶן נאָךְ קוים גֶעפִינֶען אַיין סאַליעֶ, וואו מעֶן זאָל זִיךְ גִיט פּאַר-טשעֶפּעֶן אָן אֵיינֶעם אָדעֶר עֶטלִיכֶע „סאָציאַלִיסטעֶן".

ווֶען אָט דִיזֶע קרַייזֶען פון דִיִי גֶעבִּילדֶעטֶע וואָלטֶען גֶעווֶען אֵיינס און דאָס זֶעלבֶּע וואָס דִיִי גאַנצֶע בּורזשואַזִיעֶ, דאַן וואָלט גֶעווִיס אונזעֶר שפִּיעל גֶעווֶעזֶען גֶעוואונֶען, און יעֶדֶע סאָציאַלֶע רעֶוואָלוציאָן וואָלט גֶעווֶען גאַנץ אִיבּעֶרִיג. מִיט דִיזֶע שִיכטֶען וואָלט מעֶן זִיךְ גאַנץ פרִיעדלִיךְ גֶעקעֶנט קומֶען צו אַ פּשרה, פון זֵייִ האָט דִיִי לאַנגזאַמֶע, שטִילֶע עֶנטווִיקלונג נִיט צו עֶר-וואַרטֶען אַז זֵייִ זאָלֶען זִיךְ שטעֶלֶען גֶעגֶען אִיהר מִיט גֶעוואַלט.

לֵיידעֶר אָבּעֶר בִּילדֶען זֵייִ מעֶהר נִיט ווִיִי אַ טהֵייל פון דעֶר

בורזשואַזיע, און חאָטש דאָס איז יענער טהייל, וועלכער שרייבט און רעדט אין דעם נאָמען פון דער בורזשואַזיע, אָבער דאָס איז ניט דער טהייל, וועלכער בּעשטימט איהר טהואַכטס, מענשען אָבער, ווי אויך אַ גאַנצער קלאַס, ווערען דערקענט ניט נאָך זייערע ווערטער, נאָר נאָך זייערע מעשים נאָך.

אַ חוץ דעם בילדעט דער טהייל פון דער בורזשואַזיע, וועלכער ווייזט אַרויס סימפּאַטיען צום פּראָלעטאַריאַט, יענעם טהייל פון איהר, וועלכער איז וועניגער פון אַלע פעהיג צום קאַמפף און וועניגער פון אַלע גענייגט צום קאַמפף.

יע, אין די אַמאָליגע צייטען, ווען דער סאָציאַליזמוס האָט זיך אפילו אין דער מאַסע פון די געבילדעטע גערעכענט פאַר אַ פערברעכען אָדער פאַר אַ מין משוגעת, האָבען בורזשואַזנע עלעמענטען נאָר דאַן געקענט אַריבערגעהען צום סאָציאַליזמוס, ווען זיי האָבען צוריסען מיט דער גאַנצער בורזשואַזנער וועלט. ווער עס פלעגט זיך דאַמאָלסט דורכשלאָגען פון די בורזשואַזע קרייזען צום סאָציאַליזמוס, דער האָט דערצו געמוזט האָבען אַ סך גרעסערע ענערגיע, רעוואָלוציאָנערע לײדענשאַפט און איבערצייגונגס-קראַפט איידער אַ פּראָלעטאַריער. אין דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג זיינען גראַדע דיזע עלעמענטען געעוועהנליך געווען די ראַדיקאַלסטע און די רעוואָלוציאָנערסטע מיטגליעדער.

גאַנץ אַנדערס איז היינט, ווען דער סאָציאַליזמוס איז געוואָרען כשר אפילו פאַר סאַליעם. היינט, ווען מען וויל טראָגען דעם נאָמען פון אַ סאָציאַליסט, בעדאַרף מען שוין גאָר ניט האָבען קיין בעזונדערע ענערגיע, קיין אָבזאָגונג פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אַלץ מעהר פון דיזע נייע סאָציאַליסטען בלייבען שטעקען אין דער געפיהלען-און-געדאַנקען-וועלט פון זייער קלאַס.

די קאַמפף-מעטאָדען פון די אינטעליגענטען זיינען אָבער גאַנץ אַנדערע, ווי די קאַמפף-מעטאָדען פון פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָלעטאַריאַט קען אַנידערשטעלען געגען דעם רייכטום

און דער מאַכט פון וואַפען זײַן מורא'דיִג גרויסע צאָהל און די
געשלאָסענקײַט פון זײַנע קלאַסען-אָרגאַניזאַציאָנען. די אינטע-
ליגענטען אָבער זײַנען זעהר קלײַן אין דער צאָהל און אָהן אַ שום
קלאַסען-אָרגאַניזאַציאָן. זייער אײנציגער כּלי-זין איז די איבער-
רעדונג דורך וואָרט און שריפט, דער קאַמפּף מיט'ן „גײַסטיגען
כּלי-זין", די „מאָראַלישע איבערגעוויכט", און מיט די זען כּלי-זין
וואָלטען די סאַליע-סאָציאַליסטען וועלען אויספיהרען אויך דעם
פּראָלעטאַרישען קלאַסענקאַמפּף. זיי ערקלערען, אַז זיי זײַנען
גרייט אונטערצוטראָגען דעם פּראָלעטאַריאַט זייער מאָראַלישע
הילף, נאָר מיט דעם תּנאי, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך
אָבזאָגען פון אָנצוואַרעוענדען געוואַלט ניט נאָר דאַן, ווען עס איז
ניטאָ קײַן האָפנונג אויף אַ נצחון — פון דעם זאָגען זיך די
פּראָלעטאַריער אויך אָב — נאָר אויך דאָרט, וואו מען קען אפילו
ערוואַרטען אַ נצחון. דעריבער זוכען זיי צו פערמיאוס'ען די
אידעע פון דער רעוואָלוציאָן און זי אויסצומאָלען ווי אַ מיטעל
וואָס טויג אויף כּפּרות, זיי בעמיהען זיך אָבצורייסען פון רעוואָ-
לוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט אַ סאָציאַל-רעפאָרמערישען פליגעל,
זיי שטרעבען אויף אַזאַ אופן איהם צו צושפּאַלטען און אָב-
צושוואַכען.

דאָס איז פּראַקטיש דערוויילע געווען די אײנציגע ווירקונג
פון דעם, וואָס די אינטעליגענץ האָט זיך אָנגעהויבען קעהרען
צום סאָציאַליזמוס.

נעבען דעם „נייעם מיטעלשטאַנד" זשאַפּעט נאָך אַלץ דער
אַלטער, די קלײנבורזשואַזיע. דיזער מין מיטעלשטאַנד
האָט אין די פריהערדיגע צײַטען שטענדיג געבילדעט דעם רוקען
געביין פון יעדער רעוואָלוציאָן. האָבענדיג דאַמאָלסט חשק און
פעהיגקײַט צום קאַמפּף, פלעגט זיך דער מיטעלשטאַנד שטענ-
דיט אויפהויבען, וואו נאָר די פערהעלטניסען האָבען איהם גע-
לאָזען, געגען יעדע פערקנעכטונג און עקספּלואַטאַציאָן פון די
אויבערסטע קלאַסען, געגען דער הערשאַפט פון דער ביוראָקראַ-
טיע און פון מיליטאַריזמוס, געגען די פּריווילעגיען פון

דיִ פעֶאָדאַלעֶן און פון דיִ גלחים, דעֶר מיִטעֶלשטאַנד האָט דאַן געֶביִלדעֶט דיִ בעֶסטעֶ אַרמיִי פון דעֶר דעֶמאָקראַטיעֶ. אַקוראַט וויִ איִצט אַ געֶוויִסעֶר טהיִיל פון נײַעֶם מיִטעֶלשטאַנד, אַזוי האָט אויך דיִזעֶר אַלטעֶר מיִטעֶלשטאַנד צײַטעֶנוויַיז געֶפיִהלט גרויסעֶ סיִמפּאַטיעֶן צום פּראָלעֶטאַריאַט, פלעֶגט מיִט איִהם געֶהעֶן האַנד איִן האַנד, פלעֶגט איִהם געֶבעֶן און פלעֶגט בײַ איִהם נעֶהמעֶן גײַסטיִגעֶ אויפמונטעֶרונג און מאַטעֶריעֶלעֶ קראַפט. אָבעֶר אַקוראַט וויִ דעֶר נײַעֶר איִז אויך דעֶר אַלטעֶר מיִטעֶלשטאַנד קײַן מאָל ניִט געֶוועֶזעֶן קײַן זיִכעֶרעֶר חבר, אויף וועֶלכעֶן מעֶן זאָל זיִך קעֶ-נעֶן פאָלקאָם פעֶרלאָזעֶן, און דאָס גראַדעֶ דעֶרפאַר, וואָס עֶר שטעֶהט איִן מיִטעֶן צוויִשעֶן דיִ עֶקספּלואַטיִרעֶנדעֶ און עֶקספּלוּ-אַטיִרטעֶ קלאַסעֶן. דעֶר קלײנבורזשואַ איִז — וויִ מאַרקס האָט שוין בעֶמעֶרקט — ניִט קײַן גאַנצעֶר פּראָלעֶטאַריעֶר, ניִט קײַן גאַנ-צעֶר בורזשואַ און פיִהלט זיִך, וועֶדליִג וויִ זײַן לאַגעֶ איִז, דאָ אַלס פּראָלעֶטאַריעֶר, דאָ אַלס בורזשואַ.

צוליִעב דיִזעֶר צווייעֶנדיִגעֶר שטעֶלונג צושפּאַלט זיִך אָבעֶר דיִ קלײנבורזשואַזיעֶ אויף צווייעֶן: אײן טהײל האַלט זיִך פאַר אײנס מיִט דעֶם פּראָלעֶטאַריאַט, דעֶר אַנדעֶרעֶר — מיִט זײַנעֶ געֶגנעֶר.

דיִ קלײנפּראָדוקציאָן איִז פעֶר'משפּט צום אונטעֶרגאַנג, און איִהר אונטעֶרגאַנג קומט אַלץ נעֶהעֶנטעֶר, מעֶן קעֶן איִהם ניִט אָבהאַלטעֶן. אָבעֶר דיִזעֶר אונטעֶרגאַנג ווײַזט זיִך נאָר לאַנגזאַם אַרויס איִן דעֶר פעֶרקלעֶנעֶרונג פון דעֶר צאָהל פון דעֶר לאַגעֶ פון דיִזעֶ בעֶטריִעבעֶן. אײן טהײל פון דיִ בעלי-הבתים פון דיִזעֶ קלײנבעֶטריִעבעֶן פאַלעֶן איִן גאַנצעֶן אַרײַן איִן דיִ העֶנד פון קאַ-פּיִטאַל און וועֶרעֶן פון איִהם פאָלקאָם אָבהעֶנגיִג, זײ זײַנעֶן מעֶהר ניִט וויִ הײם-אַרבײַטעֶר, לוין-אַרבײַטעֶר, וועֶלכעֶ זיִטצעֶן איִן דעֶר הײם און אַרבײַטעֶן פאַר אַ'ן אונטעֶרנעֶהמעֶר אָנשטאָט צו געֶהעֶן אויף אַ פאַבריִק. אַנדעֶרעֶ, און דאָס זײַנעֶן דיִ קלײנעֶ העֶנדלעֶר און שײנקעֶרס, געֶפיִנעֶן זײעֶרעֶ קונדעֶן, וועֶלכעֶ גיִבעֶן זײ צו ליִזעֶן, נאָר צוויִשעֶן דיִ אַרבײַטעֶר, זײעֶר עֶקסיִסטעֶנץ וועֶנדט

זיך אויף אַזאַ אופן נאָר אָן דער לאַגע פון אַרבייטערקלאַס. דיזע שיכטען שטעהען צו אַלץ מעהר און מעהר צום קעמפּפענדען פּראָלעטאַריאַט.

גאַנץ אַנדערס האַלטען זיך, פערקעהרט, יענע שיכטען פון דער קליינבורזשואַזיע, וועלכע זיינען נאָך ניט אין גאַנצען אַריינגעפאַלען אין אָבהענגיגקייט פון קאַפּיטאַל, אָבער געהענטער צו דער פאָלקאָמענער אָבהענגיגקייט, אָדער גאָר צו זייער נאַנצער חורבן, ווי אויך יענע שיכטען, וועלכע זוכען זייערע קונדען ניט צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט. נאָר אין אַנדערע קלאַסען. דיזע אַלע שיכטען האָפען שוין ניט זיך ווידער אויפצוהויבען מיט דער הילף פון זייער אייגענער מאַכט, זייער ישועה ערוואַרטען זיי פון אויבען פון די אויבערסטע קלאַסען און פון דער רעגירונג, און יעדער פאָרטשריט איז פאַר זיי אַ סכנה דערויבער שטעהען זיי שטענדיג פיינדליך געגען יעדען פאָרשריט וואו ער זאָל נאָר ניט פאָרקומען. זייער לאַקייאישער גייסט און זייער בעדערפניס אין רעאַקציאָן מאַכען פון זיי פאָלגעדיגע בעהעלפער, נאָך מעהר, העכסט פאַנאַטישע בעשיצער פון דער מאָנאַרכיע, פון דער קירכע און פון אַדעל. זיי בלייבען אָבער דערביי דעמאָקראַטיש, וואָרום נאָר ביי אַ דעמאָקראַטישער אָרדנונג קענען זיי האָבען אַ פּאָליטישע ווירקונג און דורך דעם דערגרייכען אַז די רעגירונג זאָל זייקומען צו הילף.

אָט פון דיזער צושפּאַלטונג פון דער קליינבורזשואַזיע שטאַמט צום גרעסטען טהייל דער פאַקט, וואָס די בורזשואַזנע דעמאָקראַטיע פּאַלט אַלץ נידעריגער אַ טהייל פון איהרע שיכטען שטעהט צו צו דער פּראָלעטאַרישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, דער אַנדערער — צו דער רעאַקציאָנערער דעמאָקראַטיע, וועלכע בלישטשעט מיט די פערשיעדענסטע קאָלירען, ווי אַנטיסעמיטיזמוס, נאַציאָנאַליזמוס, קריסטליכע דעמאָקראַטיע, טהיילען פון דער קאָנסערוואַטיווער און צענטרום-פּאַרטיי [1]) ווייזט אָבער

[1]) צענטרום-פּאַרטיי הייסט די דייטשע קאַטוילישע פּאַרטיי, וועלכע

שטעֶנדיִג אַרוֹיס, ניִט קוּקעֶנדיִג אוֹיף דיִזעֶ פעֶרשיִעדעֶנעֶ קאָליִ-רעֶן, אֵיינעֶם אוּן דעֶם זעֶלבּעֶן סאָציאַלעֶן איִנהאַלט.

אֵייניִגעֶ פוּן איִהרעֶ אוֹיסדריִקעֶן אוּן ראיוֹת האָט דיִ רעֶאַק-ציאָנעֶרעֶ דעֶמאָקראַטיעֶ איִבּעֶרגעֶנוּמעֶן פוּן דעֶר סאָציאַלדעֶמאָ-קראַטיעֶ, אוּן איִמעֶציעֶן האָט זיִך פוּן אָנהוֹיבּ געֶקעֶנט דוּכטעֶן אַז דיִזעֶ קלייִנבּוּרזשוּאַזנעֶ דעֶמאָקראַטיעֶ בּיִלדעֶט נאָר אַ איִבּעֶר-גאַנגס פאָרם פוּן ליִבּעֶראַליִזמוּס צוּ דעֶר סאָציאַלדעֶמאָקראַטיעֶ, הײַנט איִז שוֹין פאַר אַלעֶמעֶן קלאָר אוֹיף ויִ פיִעל אַזאַ מיייִנוּנג איִז פאַלש. דיִ סאָציאַלדעֶמאָקראַטיעֶ האָט ניִט קײַן בּלוּטיִגעֶרעֶן שׂונא, ויִ דיִ רעֶאַקציאָנעֶרעֶ דעֶמאָקראַטיעֶ. אוֹיבּ דיִ סאָציאַלדעֶמאָקראָטיעֶ מוּז אוּנטעֶרשטיִצעֶן יעֶדעֶן קוּלטוּר-פאָרטשריִט, סײַ עֶר נוּצט דיִרעֶקט דיִ קלאַסעֶן-איִנטעֶרעֶסעֶן פוּן פראָלעֶטאַריאַט סײַ ניִט, איִז, פעֶר-קעֶהרט, דיִ רעֶאַקציאָנעֶרעֶ דעֶמאָקראַטיעֶ געֶנוֹיטיִגט דוּרך דעֶם עֶצם פוּן איִהר נאַטוּר זיִך אַיינצוּשפאַרעֶן מיִט העֶנד אוּן פיִס געֶגעֶן יעֶדעֶן קוּלטוּר-פאָרטשריִט, עֶר מעֶג אפילוּ דיִרעֶקט ניִט בּרייִנגעֶן קײַן שוּם סכּנה פאַר דעֶר קלייִנבּוּרזשוּאַזיעֶ. אוֹיבּ דיִ סאָציאַלדעֶמאָקראַטיעֶ איִז דיִ פאָרטשריִטליִכסטעֶ פאַרטייִ, איִז דיִ רעֶאַקציאָנעֶרעֶ דעֶמאָקראַטיעֶ דיִ רִיקשריִטליִכסטעֶ[1]) פאַרטייִ, ווײַל אוֹיסעֶר דעֶם, וואָס זיִ האָט פײַנד יעֶדעֶן פאָרטשריִט מיִט יעֶדעֶר פײַנדשאַפט פוּן יעֶדעֶר רעֶאַקציאָנעֶרעֶר פאַרטייִ, טרעֶט זיִ נאָך אַרוֹיס מיִט דעֶר שׂנאה פוּן דעֶר גראָבסטעֶר אוּנויִסעֶנהײַט

שטיטצט זיך הויפטזעכליך אויף די קליינע זעלבסטשטענדיגע בויערן, וועלכע זיינען איהר הויפט=מאכט אין לעגען ארויף זייער שטעמפעל אויף איהר גאנצע טהעטיגקייט. אחוץ דעם נעהמט זי נאך ארום פערש'עדענע, גראדע געגענ= זעטצליכע עלעמענטען, ווי די גרויסע ערד=בעזיטצער, פריצים, און די קא-טוילישע ארבייטערבונדען. אויסערליך פערבינדט אלע דיזע עלעמענטען די בעשיטצונג פון די אינטערעסען פון דער קאטוילישער רעליגיאן.

ד ע ר א י ב ע ר ז ע ט צ ע ר.

[1]) ריקשריט. אדער רעגרעס איז דער היפך פון פארטשריט, אדער פראגרעס. פארטשריט אדער פראגרעס בעדייטעט דעם גאנג פ א ר ו ו ע ר ט ס; ריקשריט, אדער רעגרעס בעדייטעט דעם גאנג צ ו ר י ק.

ד ע ר א י ב ע ר ז ע ט צ ע ר.

גענגען אַלץ וואָס שטעהט אַ ביסעל ווייטער פאַר איהר נאָז. דערצו קומט נאָך צו דאָס, וואָס די קלייִנבורזשואַזיע קענען אַלס עקספּלואַטאַטאָרען אויפהאַלטען זייער עקסיסטענץ נאָר דורך דעם, וואָס זיי זויגען אויס, ווי פּיאַיקעס, די לעצטע בלוט פון די שוואַכסטע אַרבייטסקרעפטען, וועלכע קענען זיך ווענינער פאַר אַלעמען וועהרען געגען זיי, — פון פרויען און קינדער. דערביי בעגעגענען זיי זיך נאַטירליך אויף זייער וועג פריהער ווי אַלץ מיט דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, וועלכע שטרעבט מיט דער הילף פון אָרגאַניזאַציאָן אין געזעטצגעבונג ניט צו דערלאָזען אַזאַ פערוויסטונג פון מענשליכע לעבענס.

אַזוי ווערט די קלייִנבורזשואַזיע, אויף ווי פיעל זי שטעהט ניט צו צו דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, פון אַ פריינד און אַ פערמיטלער צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט און די אויבערסטע קלאַסען דער ערגסטער שונא פון פּראָלעטאַריאַט. אָנשטאָט דער אָבשוואַכונג פון די קלאַסען-היפּוכים געפינען מיר דאָ די שטאַרקסטע פערשאַרפונג פון דיזע געגענזאַטצען, וועלכע מע קען זיך נאָר פאָרשטעלען, און דערצו נאָך אַ זעהר גיך וואַקסענדע פערשאַרפונג, ווארום זי האָט זיך דייטליך אַרויסגעוויזען ערסט נאָר מיט עטליכע יאָהר צוריק.

און אַזוי ווי מיט דער קלייִנבורזשואַזיע, אַזוי שטעהט דאָס אויך, מיט אַ קלייִנעם אונטערשיעד, מיט די בויערן. אויך די בויערנשאַפט צושפּאַלט זיך אויף צוויי לאַגערען: איין לאַגער פון די פּראָלעטאַרישע עלעמענטען (קאַרליקענע, פּיצעלדיגע בויערנשאַפט) און אַ צווייטער לאַגער פון די פערמעגענדע בויערן. אונזער אויפגאַבע איז צו פערגיכערען דעם גאַנג פון דיזער צושפּאַלטונג, מיט דעם, וואָס מ.ר וועלען דערקלערען די פּראָלעטאַרישע עלעמענטען, אַז זייערע אינטערעסען זיינען איינשטימיג מיט די אינטערעסען פון גאַנצען פּראָלעטאַריאַט, און מיר וועלען זיי צוציהען דערמיט צו דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. מיר וועלען אָבער שטערען דיזע צושפּאַלטונג, אויב מיר וועלען פון איהר ניט וועלען וויסען און וועלען זיך ווענדען צו דער

גאַנצער בויערנשאַפט, ניט קוקענדיג אויף דעם קלאַסען-אונטער־שיעד, וואָס עקסיסטירט אין איהר. די רעאַקציאָנערע דעמאָ־קראַטיע פון דאָרף איז אונז, נאָך איהר עצם נאָך, אַקוראַט אַזאַ שונא ווי די זעלביגע דעמאָקראַטיע אין שטאָדט, האָטש אפילו זי האָט ניט שטענדיג דעם קלאָרען בעוואוסט זיין פון דיזען גע־גענזאַטץ, יענע גענאָסען, וועלכע האָבען געדעכענט, אַז די שטרעבונג פון די בויערן צו גרינדען בונדען איז פאַר די בויערן מעהר ניט ווי אַ'ן איבערגאַנגס-מדרגה פון די אַלטע פאַרטייען, ספּעציעל פון דער צענטרום-פאַרטיי, צו דער סאָציאַלדעמאָ־קראַטיע, האָבען געהאַט דעם זעלביגען טעות ווי יענע, וועלכע האָבען דאָס זעלבע ערוואַרטעט פון דעם אַנטיסעמיטיזמוס אין די שטעדט. דער מיטעלער און רייכער בויער האָט שוין דערפאַר אַליין פיינד די סאָציאַלדעמאָקראַטיע, וואָס זי קעמפּפט פאַר די פערקלענערונג פון אַרבייטסטאָג און פאַר די פערהעכערונג פון שכירות פיר דעם אַרבייטער, און ווערט דורך דעם אַ וויכטיגע סבה דערפון, וואָס די לאַנדאַרבייטער ציהען אַלץ איבער אין די שטעדט און יוארפען איועק די בויערן.

אויך אין דאָרף ווערט אַלץ שאַרפער דער סאָציאַלער גע־גענזאַטץ צווישען די פערמעגענדע אין די פּראָלעטאַריער.

און נאָך שאַרפער ווי דער געגענזאַטץ צווישען בויער און שכירות-אַרבייטער איז דער געגענזאַטץ צווישען גרויסען ערדבעזיצער און שכירות-אַרבייטער.

אין דעם לאַנדווירטשאַפטליכען גרויסבעטריעב שפּיעלט דער שכירות-אַרבייטער אַ פיעל וויכטיגערע ראָללע איידער אין דער בויערליכער בעל-הבית'ישקייט. אָבער פאַר דעם לאַנדווירטשאַפט־ליכען גרויס-בעטריעב האָבען די הויכע מקחים פון די לעבענס־מיטלען אַ סך אַ גרעסערע בעדייטונג איידער פאַר די בויערן, וועלכע פערברויכען אַליין אַ גרויסען טהייל פון זייערע אייגענע פּראָדוקטען. אמת, דער געגענזאַטץ צווישען די, וועלכע פּראָ־דוצירען די לעבענסמיטלען און די, וועלכע געברויכען זיי, איז ניט דער געגענזאַטץ צווישען דעם אַרבייטער און זיין עקס־

פלואַטאַטאָר, נאָר דער נעגענזאַטץ צווישען שטאָדט און דאָרף. אָבער אין שטאָדט זיינען היינט די פּראָלעטאַריער דער קלאַס, וועלכער איז גרעסער פאַר אַלע אין צאָהל, איז פעהיגער און געניינטער פאַר אַלע צום קאַמפף, און אויף אַזאַ אופן בעגעגענט זיך דער פערקויפער פון לעבענסמיטלען אויך דאָ ווידער מיט דעם פּראָלעטאַריער ווי מיט זיין ענערגישסטען פיינד.

דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס דער גרויסער ערד־בעזיצער קלערט היינט אַנדערש וועגען די אינדוסטריע־אַרבייטער ווי אַמאָל. פריהער פלעגט דער ערדבעזיצער קוקען גלייכ־גילטיג אויף דעם קאַמפף צווישען די אינדוסטריעלע קאַפּיטאַ־ליסטען און זייערע אַרבייטער. ער פלעגט זיך אפילו אָפט פרעהען קוקענדיג אויף דיזען קאַמפף — אויף להכעיס די קאַפּיטאַ־ליסטען, און א'ן אַנדערס מאָל טאַקי מיט אַ געוויסער סימפּאַטיע צו די פּראָלעטאַריער. דער פּראָלעטאַריער איז איהם דאַמאָלסט ניט געשטאַנען אין וועג, דערפאַר אָבער א'ז איהם געשטאַנען אין וועג דער קאַפּיטאַליסט, וועלכער האָט דאָרט געפאָדערט שוטץ־אָבצאָהלונגען [1]), וואו ער, דער ערדבעזיצער, האָט בעדאַרפט דעם פריען האַנדעל, און פערקעהרט, און וועלכער האָט געקוקט אויף דער רענטע, וואָס דער ערדבעזיצער האָט בעקומען פון דער ערד, ווי אויף אַ היזק פאַר זיין פּראָפּיט, און האָט נאָך דערצו געשטרעבט אַרויסצורייסען פון זיינע הענד דעם מאָנאָפּאָל אויף העכערע שטעלען אין דער אַרמיי און ביוראָקראַטיע.

היינט איז דאָס אָבער געוואָרען אַנדערש. די צייטען ווען די טאָריעס און יונקערס [2]) זיינען געווען פריינד פון די אַרבייטער, די צייטען פון ד י ז ר אַ ע ל י, ר אָ ד ב ע ר ט ו ס, פ אָ ג ע ל ז אַ נ ג, זיינען שוין לאַנג אַריבער. די גרויסע ערדבעזיצער ווערען אַלץ

---

[1]) שוטץ-אבצאהלונגען — הייסען די אבצאהלונגען אויף אויסלענדישע סחורות, וואס ווערען איינגעפיהרט, כדי צו „בעשיטצען" די „היימישע" פּראָ־דוקציאָן. ד ע ר א י ב ע ר ז ע צ ע ר.

[2]) טאָרעס—די קאנסערוואטיווע, פּריצישע פּאַרטיי אין ע נ ג ל א נ ד; יונקערס — הייסען די דייטשע פּריצים. ד ע ר א י ב ע ר ז ע ט צ ע ר.

מעֶהר פײַנדליִכעֶר צום אַרבײַטעֶר, פונקט אַזוי ווי די קלייִנבורזשואַזיעֶ און דעֶר קלאַס פון די מיִטעֶלעֶרעֶ און רײַכעֶ בויעֶרעֶן.

אָבעֶר דעֶר קאַפּיִטאַליִסטעֶנקלאַס? עֶר איִז דאָך דעֶר וויִכטיִגסטעֶר קלאַס פון היַינטיִגעֶר צײַט; אֶפשר ווערט לכל-הפחות דיִזעֶר קלאַס, אַקוראַט ווי די איִנטעֶליִגעֶנץ, אַלץ פרײַנדליִכעֶר צו די אַרבײַטעֶר?

איִך בעֶדויעֶר, וואָס איִך בעֶמעֶרק עֶפּעֶס דעֶרפון גאָר ניִט.

געֶוויִס, דעֶר קאַפּיִטאַליִסטעֶנקלאַס עֶנדעֶרט זיִך אויך, עֶר בלײַבט ניִט אַלץ דעֶר אײגעֶנעֶר. איִן וואָס בעֶשטעֶהעֶן אָבעֶר די עֶנדעֶרונגעֶן, וועֶלכעֶ עֶר האָט דורכגעֶלעֶבט איִן די לעֶטצטעֶ צעֶהנדליִגעֶר יאָהרעֶן?

פון אײן זײַט זעֶהעֶן מיִר די אָבשוואַכונג, אָפּטמאָל די פאָלקאָמעֶנעֶ פעֶרניִכטונג פון דעֶר קאָנקורעֶנץ, וועֶלכעֶ די קאַפּיִטאַליִסטעֶן פון אײנצעֶלנעֶ איִנדוסטריעֶ-צווײַגעֶן פון אַ לאַנד דעֶרגרײכעֶן מיִט היִלף פון אונטעֶרנעֶהמעֶר-חברות (סיִנדיִקאַטעֶן), קאַרטעֶלעֶן און טרעֶסטעֶן, און פון דעֶר אַנדעֶרעֶר זײַט זעֶהעֶן מיִר ווי עֶס ווערט שטאַרקעֶר די קאָנקורעֶנץ צוויִשעֶן פעֶרשיִעֶדעֶנעֶ לעֶנדעֶר דורך די אויסוואַקסונג פון נײַעֶ קאַפּיִטאַליִסטיִשעֶ גרויסעֶ מלוכות—ספּעֶציעֶל דײַטשלאַנד און די פעֶראײניִגטעֶ שטאַאַטעֶן פון אַמעֶריִקאַ.

די סיִנדיִקאַטעֶן פעֶרניִכטעֶן די קאָנקורעֶנץ צוויִשעֶן אײנצעֶלנעֶ אונטעֶרנעֶהמעֶר ניִט נאָר אַנטקעֶגעֶן די קויפעֶרס פון זײערעֶ פּראָדוקטעֶן, נאָר אויך אַנטקעֶגעֶן זײערעֶ אַרבײַטעֶר. אָנשטאָט פיִעֶלעֶ בעֶזונדעֶרעֶ אָבקויפעֶרס פון זײער אַרבײַטסקראַפט, האָבעֶן איִצט די אַרבײַטעֶר געֶגעֶן זיִך מעֶהר ניִט ווי אײן אײנציִגעֶן קונה. אויף ווי פיִעֶל דיִזעֶר קונה ווערט דורך דעֶם פעֶרשטאַרקט, אויף ווי פיִעֶל עֶס ווערט אָבעֶר דעֶרמיִט אויך פעֶרשאַרפט זײַן געֶגעֶנזאַטץ צו די אַרבײַטעֶר, — וועֶגעֶן דעֶם דאַרף מעֶן קײַן סך ניִט רעֶדעֶן.

נאָך דעֶר נײַעֶסטעֶר סטאַטיִסטיִק פון די פעֶראײניִגטעֶ שטאַאַטעֶן פון אַמעֶריִקאַ זײַנעֶן די שכירות פון די אַרבײַטעֶר

אין דער אַמעריקאַנישער אינדוסטריע פון 1890—1900 יאָהר אַבסאָלוט [1]) געפאַלען. אויב דאָס איז ריכטיג, דאַן וועט געוויס קיין טעות ניט זיין, אויב מיר וועלען זאָגען, אַז דאָס איז אַ דאַנק דער ווירקונג פון די קאַרטעלען און טרעסטען.

אָבער אין דער זעלבער ריכטונג האָט אויך געווירקט די פערשאַרפונג פון דער אויסלענדישער קאָנקורענץ. אויך דאָ זיינען דאָס נעבען די קאָנסומענטען [2]) — די אַרבייטער, וועלכע ליידען זעהר פון דיזער קאָנקורענץ. נעבען דער פערטייערונג פון סחורות דורך די שוטץ-אָבצאָהלונגען, וועלכע העלפען מיט פון זייער זייט דער גרינדונג פון אונטערנעהמער-חברות (סינדיקאַטען), העלפען זיך די קאַפּיטאַליסטען מיט אַ פערשטאַרקטע עקספּלואַטאַציאָן פון אַרבייטער, דורך וועלכע זיי זוכען בייצושטעהן געגען דער קאָנקורענץ פון אויסלאַנד. דעריבער ווערט אַלץ שאַרפער זייער קאַמפּף געגען די פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע קאַמפּפס-אָרגאַניזאַציאָנען פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכע שטעהען זיי דערביי אין וועג.

אַלזאָ, אויך דאָ ניט די אָבשוואַכונג, נאָר די פערשטאַרקונג פון די קלאַסען-געגענזאַטצען.

דערצו קומט נאָך צו אַ דריטער מאָמענט—די אַלץ גיכערע צוזאַמענשמעלצונג פון אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל מיט דעם געלד-קאַפּיטאַל, מיט די גרויסע פינאַנצלייט. דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליסט איז אַ'ן אונטערנעהמער, וועלכער ענטוויקעלט זיין טהעטיגקייט אויף דעם פעלד פון דער פּראָדוקציאָן, נעהמענדיג דיזען וואָרט אין ברייטעסטען זינען (איינשליסענדיג אין דעם בעגריף פון פּראָדוקציאָן אויך דעם טראַנספּאָרט), ער פיהרט זיין בעטריעב, צו וועלכען ער דינגט אַרבייטער, און פון זייער עקס-

[1]) ד. ה. אין פערגלייך צו זייערע פריהערע שכירות.
ד ע ר א י ב ע ר ז ע ט צ ע ר.

[1]) קאָנסומענט — דער וואס פערברויכט (קאנסומירט) פּראָדוקטען,
ד ע ר א י ב ע ר ז ע ט צ ע ר.

5

פלואַטאַציאָן צוִהט ער זײַן ריווח. דער געלד-קאַפּיטאַליסט איז, פערקעהרט, די איבערגענוצעױעטע, הײַנט־יעלטיגע פאָרם פון פאַרצײַטיגען פּראָצענטניק. ער צוִהט זײַן פּרנסה פון זײַן געלד, וועלכע ער פערלײַט אויף פּראָצענט, ניט נאָר ווי אַ מאָל פער־אָרעמטע פּריוואַטע מענשען, נאָר אויך קאַפּיטאַליסטישע אונטער־נעהמער, געמיינדען, און מלוכות א, ז, וו.

צווישען דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליסט און דעם געלד-קאַפּיטאַליסט ליעגט אַ גרויסער געגענזאַטץ, וועלכער איז עהנליך צו דעם געגענזאַטץ צווישען דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליסט און דעם ערד בעזיטצער. אַקוראַט ווי די רענטע פאַר דער ערד (אַרענדע), אַזוי ווערט אויך דער פּראָצענט פאַר דעם געליהע־נעם קאַפּיטאַל אַראָבגענומען פון דעם אונטערנעהמערס ריווח. אין דיזען פּונקט שטעהען דעריבער די איטערעסען פון ביידע מינים קאַפּיטאַל און געגענזאַטץ איינע צו די אַנדערע, אָבער אויך פּאָ-ליטיש עקסיסטירט צווישען זיי אַ געגענזאַטץ. אַקוראַט ווי די גרויסע ערדבעזיטצער שטעהען הײַנט פאַר אַ שטאַרקע, גיבער ווי אַלץ, דוקא פאַר אַ מאָנאַרכישע מלוכה-מאַכט, ווײַל, זײַענדיג דער הויף-אַדעל, קענען זיי פערזענליך האָבען אַ ווירקונג אויף׳ן קיסר און דערמיט אויך אויף דער רעגירונגסמאַכט; אַקוראַט ווי זיי זײַנען שרעקליך פּיִנרליעבט אין דעם מיליטאַריזמוס, וועלכער דערעפענט פאַר זייערע קינדער שטעלען פון אָפּיצירען, צו וועלכע די קינדער פון בורזשואַ פּאַסטען ניט אַזוי; אַקוראַט ווי זיי פאָר-דערען דעריבער שטענדיג אַ געוואַלט-פּאָליטיק סײַ פון אינעווי־ניג, אין לאַנד גופא, סײַ פון אויסענווייניג,—אַזוי זײַנען אויך די גרויסע פינאַנצלײַט, די געלד־קאַפּיטאַליסטען, שטאַרק גענייגט צום מיליטאַריזמוס און צו אַ קרעפטיגער געוואַלט-פּאָליטיק פון דער רעגירונג, סײַ גופא אין לאַנד, סײַ געגען אַנדערע לענדער. די פּני (די הויפּט-פּערזאָנען) פון געלד־קאַפּיטאַל האָבען ניט וואָס מורא צו האָבען פאַר אַ שטאַרקע מלוכה-מאַכט, וועלכע איז אונ־אַבהענגיג פון פאָלק און פון פּאַרלאַמענט, זי איז דאָך זייער בעל-חוב, זיי קענען דאָך איבער איהר הערשען אַלס איהרע מלוים,

אָפּט אויך דורך זייער פּערזענליכע ווירקונג אויף'ן קיסר. זיי זײַנען אָבער אויך שטאַרק פּראָאינטערעסירט אין מיליטאַריזמוס, אין מלחמות און אין מלוכה-חובות אי אַלס מלוים פון דער מלוכה אי אַלס איהרע ליעפעראַנטען, וואָרום דאָס פערגרעסערט די גרענעצען פון זייער ווירקונג און פון זייער עקספּלואַטאַציאָן, זייער מאַכט און זייערע עשירות.

אַנדערס איז דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל. מיליטאַריזמוס, מלחמות, מלוכה-חובות — דאָס הייסט דאָך אַלץ פערהעכערטע שטייערן, פון וועלכע איהם ווערט אויסקומען צו בעצאָהלען אַ היבשען טהייל, אָדער וועלכע וועלען איהם פערגרעסערען די הוצאות פון דער פּראָדוקציאָן. אויסער דעם בעדייטעט נאָך יעדע מלחמה אַ געוויסע פערהאַלטונג פון דער סחורה-פּראָדוקציאָן און פון דעם סחורה-פערקויפען, שוועריגקייטען אין די געשעפטען און אָפּט נאָך דעם גאַנצען חורבן פון קאַפּיטאַליסט. אויב דער פינאַנצמאַן איז דרייסט, גע׳וואַלט-טהעטיג און אַ׳ן אויסברייזנגער, איז דער אינדוסטריעלער אונטערנעהמער אַ פערשפּאָרער, אַ געלאַסענער און האָט ליעב, עס זאָל זיין שלום ושלוה. אַ שטאַרקע מלוכה-מאַכט רופט ביי איהם אַרויס אַ מורא נאָך מעהר דערפאַר, ווייל ער קען דירעקט אויף איהר ניט האָבען קיין ווירקונג. ניט קיין שטאַרקע רעגירונג פּאַסט פאַר זיינע אינטערעסען, נאָר אַ שטאַרקער פּאַרלאַמענט. דעריבער נייגט ער זיך, אין היפּך צום גרויסען ערדבעזיטצער און געלד-קאַפּיטאַליסט. גיכער צום ליבעראַליזמוס. די האַלבקייט פון ליבעראַליזמוס איז אויך זיין אייגענע האַלבקייט. אויב די רענטע פאַר די ערד, די ציזנען, די שטייערן פערקלענערען פון איין זייט זיין ריוח, שוועבט פאַר איהם פון דער אַנדער זייט אַ סכנה, אַז דער אויפגעקומענדער פּראָלעטאַריאַט וועט פערניכטען די גאַנצע ריוח-ווירטשאַפט. אָבער אויך אַנטקעגען דעם פּראָלעטאַריאַט, דאָרט וואו ער ווייזט זיך איהם ניט אויס אַזוי געפעהרליך, זעהט ער בעסער צו פּיה-רען אַ פריעדליכע פּאָליטיק פון „צוטהייל און הערש!", אַ פּאָ-ליטיק פון אונטערקויפונג און פערשמידונג דורך פערשיעדענע

5*

צדקה-אײנריכטונגען א. ז. וו. אײדער די פּאָליטיק פון געוואַלט-
טהעטיגער אונטערדריקונג. וואו דער פּראָלעטאַריאַט פיהרט נאָך
נים קײן זעלבסטשטענדיגע פּאָליטיק, דאָרט בענוצט זיך דער
אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל מיט איהם ווי מיט האַרמאַטען פלײש,
ווי מיט שטים-בהמות [1]), כדי צו פערגרעסערען זײַן אײגענע
פּאָליטישע מאַכט. דעם קלײנבורזשואַזנעם סאָציאַליזמוס ווײַזט זיך
אױס דער געגענזאַטץ צווישען דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל און
דעם פּראָלעטאַריאַט פיעל קלענער, אײדער דער געגענזאַטץ צווי-
שען דעם ריוח פון אונטערנעהמער פון אײן זײַט און דער רענטע
פאַר דער ערד מיט די צינזען פון קאַפּיטאַל פון דער אַנדערער
זײַט. אויף דער אָבשאַפונג פון די צינזען און פון דער רענטע
פאַר ערד — קוקט ער ווי אויף די גאַנצער פערענטפערונג פון
דער סאָציאַלער פראַגע.

אָבער דער געגענזאַטץ צווישען דער פינאַנץ און אינדו-
סטריע ווערט אַלץ קלענער און קלענער, ווײַל דורך דעם, וואָס
דער קאַפּיטאַל קאָנצענטרירט זיך אַלץ מעהר אין אײנע הענד,
חאַפּט די פינאַנץ אַלץ מעהר אַרײַן די אינדוסטריע אין איהרע
הענד. אַלס וויכטיגער מיטעל דערצו דיענט די אַלץ ווײַטער
געהענדע אַרויסשטופונג פון די פּריוואַטע אונטערנעהמער דורך
אַקציען געזעלשאַפטען. גוטס-ווינשענדע אָפּטימיסטען
זעהען אין דיזען פאַקט אַ מיטעל צו „דעמאָקראַטיזירען” דעם
קאַפּיטאַל און איהם אויף אַזאַ אופן בּיסלעכווײַז און אונבעמערק-
ליך אַריבערפיהרען פון פּריוואַט-אײגענטום אין פאָלקס-אײגענטום.
אין דער אמת'ן אָבער איז דאָס נאָר אַ מיטעל צו מאַכען פון די
גאַנצע געלד, וואָס געפינט זיך בײַ די מיטעלערע און אונטער-
סטע קלאַסען און וואָס זײ בענוצען נים צום באַלדיגען פער-

[1]) שטים-בהמות — הייסען די אויסקלייבער, וועלכע שטימען פאר
אימעצען, ניט קלערענדיג וועגען דעם, צו דער, פיר וועמען זיי שטימען
דריקט אויס און בעשיטצט זייערע אינטערעסען, צו ניט.
דער איבערזעטצער.

בּרויך, געלד-קאַפּיטאַל און איבּערצוגעבּען איהם אין די הענד פון די גרויסע געלד-קאַפּיטאַליסטען, פאַר וועלכע ער דאַרף דינען אויף אויסצוקויפען די אינדוסטריעלע-אונטערנעהמונגען; דאָס איז נאָר אַ מיטעל צו פערגרעסערען די מעגליכקייט פון דער פינאַנץ גיכער צו קאָנצענטרירען די אינדוסטריע אין די הענד פון איינ-גע געלד-קאַפּיטאַליסטען. אָהן די אַקציען-געזעלשאַפטען וואָלטען די גרויסע פינאַנצלייט געקענט הערשען נאָר איבּער יענע בּע-טריבּען, וועלכע זיי וואָלטען געקויפט פאַר אייגענע געלד. אָבּער אַ דאַנק די אַקציען-געזעלשאַפטען קענען זיי מאַכען אָבּהענגיג פון זיך אַ סך בּעטריבּען און דורך דעם גיכער ווערען בּעלי-בּתים איבּער עשירות, אויף וועלכע זיי וואָלט ניט געקלעקט קיין איינ-גע געלד. די גאַנצע ריעזיגע מאַכט פון פּיערפּאָנט מאָרגאַן און קאָמפּ., וועלכע האָבּען אין פערלויף פון עטליכע יאָהר פּער-איינינגט אין איין האַנד פיעלע אייזענבּאַהנען, מעטאַל-און-קויהלען-גרובּען, דאָס רוב אייזען-זאַוואָדען פון די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ און האָבּען שוין איצט אויך מאָנאָפּאָליזירט די וויכטיגסטע ליניען פון די ים-דאַמפּפשיפען — אָט דיזע גאַנצע, פלוצליכע איינגעהמונג פון דער הערשאַפט אי-בּער דער אינדוסטריע און דעם פערקעהר פון די וויכטיגסטע קולטורעלע לענדער וואָלט געוועזען אונמעגליך, ווען עס וואָלט ניט געוועזען קיין אַקציען-געזעלשאַפטען.

נאָך דער אויסרעכענונג פון לאָנדענער זשורנאַל „עקאָנאָ-מיסט“, האָבּען פינף מענשען: ראָקפעלער, האַררימאַן מאָרגאַן, וואַנדערבּילט און גולד, צוזאַמען העכער ווי 410 מיליאָן רובּל. אָבּער צוזאַמען זיינען זיי בּעלי-בּתים אי-בּער אַ קאַפּיטאַל פון מעהר ווי 14,100 מיליאָן רובּל, אין דער צייט ווען דער גאַנצער קאַפּיטאַל פון די פעראייניגטע שטאַאַטען, וועלכער ליגט אין די בּאַנקען, אייזענבּאַהנען און אינדוסטריע-געזעלשאַפטען, בּעטרעפט 32,900 מיליאָנען רובּל. אַלזאָ, אַ דאַנק די אַקציען, הערשען די פינף פערזאָנען כמעט איבּער אַ העלפט פון דער קאַפּיטאַל, פון וועלכען עס הענגט

ווידער אָב דער גאַנצער עָקאָנאָמישער לעבען פון דער אַמעריקאַנישער רעפובליק.

און ווי אַלע מאָל, אַזוי ווערט אויך דעם מאָל דער קריזיס, וועלכער ווערט אַ מ ע ר י ק אַ גענייזט ניט אויסמיידען, עקספּראָפּריִרען [1]) די קליינע אַקציאָנערען און פערגרעסערען און פערשטאַרקען דעם פערמעגען פון די גרויסע אַקציאָנערען.

וואָס מעהר אָבער דער געלד־קאַפּיטאַל ווערט אַ בעל-הבית איבער דער אינדוסטריע, אַלץ מעהר נעהמט אָן אויך דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל די מעטאָדען פון געלד־קאַפּיטאַל. פאַר דעם פּריוואַטען אונטערנעהמער זיינען די אַרבייטער, נעבען וועלכע ער אַליין לעבט, דאָך מענשען, און אויב ער איז ניט אין גאַנצען פערדאָרבען, דאַן קען ער ניט בלייבען גלייכגילטיג צו זייערע פריידען און ליידען. אָבער פאַר דעם, וועלכער האָט פאַר זיין אייגענס נאָר אַקציען, עקסיסטירט מעהר ניט ווי די דיווידענדען [2]), די אַרבייטער זיינען פאַר איהם מעהר ניט ווי הוילע ציפערען פון אַ רעכענונג, אָבער פון אַ רעכענונג, ביי וועלכער די רעזולטאַטען האָבען פאַר איהם דעם גרעסטען אינטערעס, וועלכער קען איהם ברינגען אָדער פערמעהרטע רייכקייט, פערגרעסערטע מאַכט אָדער גאָר היזקות, דלות און סאָציאַלען חורבן. די בּיסעלע אויפמערזאַמקייט, וואָס דער פּריוואַטער אונטערנעהמער פלעגט נאָך קענען געבען די אַרבייטער, געהט דאָ שוין אין גאַנצען פערלאָרען.

דער געלד־קאַפּיטאַל איז דער מין קאַפּיטאַל, וועלכער נייגט זיך מעהר ווי אַלע צו גוואַלט-טהאַטען; דער מין קאַפּיטאַל, וועלכער פעראייניגט זיך גיכער ווי אַלע אין מאָנאָפּאָלען און קריגט דורך דעם אַ'ן אונבעגרענעצטע מאַכט איבער דעם

[1]) עקספּראָפּריִרען — אוועקנעהמען דעם אייגענס.
ד ע ר א י ב ע ר ז ע ט צ ע ר.

[2]) דיווידענד — ריוח פון די אקציען.
ד ע ר א י ב ע ר ז ע ט צ ע ר.

אַרבּײַטערקלאַס; דער מין קאַפּיטאַל, וועלכער שטעהט מעהר פון אַלע פרעמד צו די אַרבּײַטער; אָט דער מין קאַפּיטאַל איז דאָס, וועלכער שטויסט אַרויס די פּריוואַטע אינרוסטריעלע קאַפּיטאַלי־סטען און ווערט אַלץ מעהר און מעהר בּעל הבּית איבּער דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן.

די נאַטורנויטוועדיגע ווירקונג דערפון איז אויך דאָ — די פערשאַרפונג פון דעם סאָציאַלען געגענזאַטץ.

אָבּער ענגלאַנד! וועט מען טענה'ן אַנטקעגען מיר. געפינען מיר דען ניט אין ענגלאַנד די אַלץ ווײַטערגעהענדע אָבּשוואַכונג פון דעם קלאַסען-געגענזאַטץ? און צו האָט דען שוין מאַרקס אַליין ניט געזאָגט, אַז ענגלאַנד איז די מוסטער־לאַנד פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס-אופן און ווײַזט אונז אונזערע אייגענע צוקונפט? איז דעריבּער ניט דער איצטי־גער צושטאַנד פון ענגלאַנד דער זעלבּיגער צושטאַנד, צו וועלכען מיר געהען?

שטענדיג איז דאָס ענגלאַנד, אויף וועלכע עס ווײַזען אונז אָן די בּעלי-חלומות פון סאָציאַלען שלום, און מערקווירדי־גער ווי אַלץ איז דאָס. וואָס די אייגענע לײַט, וועלכע שרײַען אויף אונז איין קול, אַז מיר „אָרטאָדאָקסע“ [1]) מאַרקסיסטען האַל־טען זיך שטאַל און אײַזען אָן יעדען וואָרט, וואָס מאַרקס האָט אַרויסגעזאָגט, וואָס אָט די זעלבּיגע לײַט ווילען אונז מנצח זײַן מיט די איבּענדערמאָנטע מאַרקס'ישע מיינונג.

אין דער אמת'ן אָבּער האָט זיך פון דער צײַט אָן, זינט דער „קאַפּיטאַל“ איז געווען געשריבּען, די לאַגע זעהר געענדערט. ענגלאַנד האָט אויפגעהערט צו זײַן די מוסטערלאַנד פון קאַ־פּיטאַליזמוס. איהר ענטוויקלונג האַלט אַלץ מעהר און מעהר בּײַ'ם אָבּשטעלען, אַנדערע לענדער — דײַטשלאַנד און אַמעריִ־קאַ — האָבּען איהר איבּערגעיאָגט, איצטער הויבּט זיך אָן די לאַגע איבּערצודרעהען. ענגלאַנד הערט אויף אונז צו ווײַזען

---

[1]) אָרטאָדאָקס — א פרומאק, וואס שטעהט פאר יעדער אות פון דער תורה.

דער איבּערזעצער,

אונזער צוקונפט, פערקעהרט, אונזער איצטיגער צושטאַנד הייסט אָן צו ווייזען די צוקונפט פון ענגלאַנד איז דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס-אופן. אָט דאָס איז דאָס, וואָס די אונטערזוכונג פון די ווירקליכע בעדינגונגען בעוויזט יענע „אָרטאָדאָקסע" מאַרקסיסטען, וועלכע זאָגען ניט נאָך אָהן זינען יעדען מאַרקס'ישען וואָרט, נאָר וועלכע בענוטצען זיך מיט מאַרקס'ס מעטאָדע כּדי צו פערשטעהען די געגענוואַרט.

ענגלאַנד איז געוועזען דער מוסטער-גרונט פון קאַפּיטאַליזמוס, יענער גרונט, אויף וועלכען דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל איז פריהער ווי אַליץ געקומען צו דער הערשאַפט. ער איז געקומען צו דער הערשאַפט, זייענדיג עקאָנאָמיש אָהן אַ שיעור מעכטיג, ניט נאָר איבער אַלע אַנדערע קלאַסען פון זיין לאַנד, נאָר אויך איבער דעם גאַנצען אויסלאַנד. אויף אַזאַ אופן האָט ער געקענט זיינע מידות — די מידות, וועלכע איך האָב אויבען כאַראַקטעריזירט אַלס אַזוינע, וואָס געהערען ספּעציעל דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל — ענטוויקלען אויף דעם פריישטען אופן. ער האָט זיך אָבגעזאָגט פון צו האַלטען די אַרבייטערקלאַסען מיט געוואַלט אונטערן יאָך און האָט גלייכער געשטרעבט זיי „פריידליך" צו צושפּאַלטען דורך דעם, וואָס ער האָט די קרעפטיגערע, אָרגאַניזירטע שיכטען פון זיי געגעבען פּאָליטישע פּריווילעגיען און האָט געזוכט אונטערצוקויפען זייערע פיהרער דורך פריינדליכע גרייטקייט דורכצוקומען, און דאָס פלעגט איהם צו אָפּט זיך איינגעבען. ער האָט זיך אויך אָבגעהאַלטען פון יענע געוואַלטטהעטיגקייט פון אויסעניועניג, אין פרעמדע לענדער, שלום און פרייער האַנדעל איז געוועזען זיין שטענדיגער דעוויז; ער האָט אַפילו געלעבט אין שלום מיט די בורען און אַם ענדע האָט ער אַפילו געמאַכט אַ מינע, אַז ער וויל פערגלעטען דעם הונדערט-יאָהריגען אונרעכט נעגען אירלאַנד און געבען איהר די זעלבסט-פערוואַלטונג.

אָבער דערווייַלע איז די אויסלענדישע קאָנקורענץ געוואָרען מעכטיג, נאָך מעהר, ריעזיג מעכטיג; און זי צווינגט די קאַפּי-

טאַליסטען דערצו, אַז זיי זאָלען זעהען צו דערשטיקען אין לאַנד גופא יעדען ווידערשטאַנד געגען זייער עקספּלואַטאַציאָן, אַז זיי זאָלען אָבער אויך אין דער זעלבער צייט זיך זעהען פערזיכערען דורך געוואַלט-מיטלען מערק יואו צו פערקויפען זייערע פּראָדוק- טען. אין איין צייט מיט דעם ווערען די גרויסע פינאַנץ-לייט אַלץ מעהר בעלי-הבתים איבער דער פּראָדוקציאָן. פון יענער צייט אָן בעקומט ענגלאַנד גאָר אַ'ן אַנדער פּנים. „דער גייסט פון דער צייט" — האָבען געשריבען די וועבּ'ס [1]) אין דעם זשורנאַל „סאָציאַלע פּראַקטיק" (20 מערץ 1902) — „האָט זיך אין דעם פערלויף פון דעם לעצטען צעהנדליג יאָהרען געווענדעט געגען דער „אָרגאַניזירטער זעלבסטהילף", וועלכע עס האָט כאַ- ראַקטעריזירט די בעציהונגען צווישען די בעלי-הבתים און די אַרבייטער פון דעם פריהערדיגען דור, יע, נאָך מעהר, די עפּענט- ליכע מיינונג פון די פערמעגענדע קלאַסען, וועלכע בעשעפטי- גען זיך מיט דער פּראָדוקציאָן, שטעהט היינט אין דער ווירק- ליכקייט געגען די פּראָפעסיאָנעלע בונדען און סטרייקען פון די אַרבייטער אַ סך פיינדליכער, ווי דאָס איז געוועזען מיט אַ דור צוריק."

דיזע אומענדערונג איז געוואָרען די סבה דערפון, וואָס די געריכטען (סודען) דריקען אויף'ן שווערסטען אופן די טהעטיגקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע בונדען. אָנשטאָט דעם פריי-האַנדעל טרעט איצט אַרויס די פערטייערונג פון לעבענסמיטלען דורך די אָבצאָהלונגען אויף אויסלענדישע סחורה; עס הויבט זיך ווידער אָן די קאָלאָניאַלע רויבּפּאָליטיק [2]) און אין דער אייגענער צייט מיט דעם הויבט זיך ווידער אָן די געוואַלט-געזעטצגעבונג גע- גען אירלאַנד. עס פעהלט מעהר ניט ווי איבערצומאַכען די

[1]) די וועבּ'ס (מאַן און ווייב — סידניי און באָטריס) זיינען
2 בעוואוסטע ענגלישע עקאָנאָמיסטען. איבערזעטצ.

[2]) ד. ה. די פּאָליטיק, וועלכע שטרעבט דורך מלחמות אדער אנדערע געוואַלט טהאַטען אַריינצוכאַפּען נייע קאָלאָניעס. איבערזעטצ.

אַרמעע און דעם מיליטער-דינסט אויף'ן פּרייסישען שטייגער,— און ענגלאַנד וועט פאָלקאָם נאָכטאַנצען נאָך דער פּאָליטיק פון דייטשלאַנד, נאָך איהר פּאָליטיק געגען די פּוילען, נאָך איהר האַנדעלס-פּאָליטיק, נאָך איהר סאָציאַלער פּאָליטיק, נאָך איהר אויסלענדישע פּאָליטיק, נאָך איהר מיליטער-פּאָליטיק.

בעווייזט דאָס ניט בעשיינפּערליך, אַז מען קען היינט אין דייטשלאַנד (און אויך אין אַמעריקאַ) דערלערנען די צוקונפט פון ענגלאַנד, און אַז דער היינטיגער צושטאַנד פון ענגלאַנד האָט אויפגעהערט צו בעווייזען אונזער צוקונפט? די מדרגה פון דער „אָבשוואַכונג פון די קלאַסען-געגענזאַטצען" און פון דער אָנהויבונג פון „סאָציאַלען שלום" האָט זיך בעגרענעצט נאָר מיט ענגלאַנד, און אַפילו דאָרט בעדייטעט דאָס אויך שוין מעהר ניט ווי אַ זאַך פון דער פערגאַנגענהייט. גלאַדסטאָן איז געווען דער גרעסטער פאָרשטעהער פון דער פּאָליטיק פון נאָכגעבונגען, כדי „אָבצושוואַכען די היפּוכים", דער פּאָליטיק, וועלכע איז געווען צוגעפּאַסט צו דעם מין דענקען פון דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל פון ענגלאַנד, וועלכער איז עקאָנאָמיש געשטאַנען ריזענמעכטיג געגען אַלע אַנדערע קלאַסען און לענדער. דער גרעסטער פאָרשטעהער פון דער נייער מעטאָדע פון געלד-קאַפּיטאַל, וואָס שטרעבט דורך געוואַלט טהאַטען און מלחמות איינצופיהרען זיין הערשאַפט,—איז טשעמבערליין, עס געהערט צו די מערקווירדיגסטע וויצען פון דער געשיכטע, וואָס מען האַלט ביי אונז אין דייטשלאַנד אין איין לויבענעם די גלאַדסטאָנישע צייט אַלס אונזערע צוקונפט און אַלס אַ אייביגען פערמעגען פון ענגלאַנד גראַדע אין דער צייט, ווען די גלאַדסטאָנישע ירושה האָט זיך צוטראָגען ווי אַ רויך און טשעמבערליין איז געוואָרען דער העלד פון ענגלישען פאָלק.

איך וויל דאָ אָפען מודה זיין, אויך איך האָב אַ מאָל געהאַט גרויסע האָפנונגען אויף ענגלאַנד, און חאָטש איך האָב קיין מאָל ניט ערוואַרטעט, אַז די גלאַדסטאָנישע צייט וועט

װען עס איז אַריבערגעטראָגען װערען אין דײַטשלאַנד, האָב איך דאָך געהאָפּט, אַז אין ענגלאַנד, קען צוליעב איהרע ספּעציעלע בעדינגונגען פּאָרקומען דער אַריבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזמוס צום סאָציאַליזמוס ניט דורך אַ סאָציאַלע רעװאָלוציאָן, נאָר גאַנץ פריעדליך, דורך אַ רײַהע רעפאָרמען, װאָס די הערשענדע קלאַסען װעלען נאָך געבען דעם פּראָלעטאַריאַט. די ערפאַהרונג פון די לעצטע יאָהרען האָבען צושטערט מײַנע האָפנונגען אויך אויף ענגלאַנד, די ענגלישע אינעװײניגסטע פּאָליטיק הויבט זיך אָן פון הײַנט צו ענטװיקלען נאָך דעם מוסטער פון איהר דײַטשען קאָנקורענט. זאָל זי האָבען די זעלבע װירקונג אויף דעם ענגלישען פּראָלעטאַריאַט, װי די דײַטשע פּאָליטיק אויף דעם דײַטשען פּראָלעטאַריאַט!

מיר זעהען איצט אויף װי פיעל, עס האָט רעכט די מײנונג, אַז עס װאַקסט אַלץ די אָבשװאַכונג פון די קלאַסען-געגענזאַטצען און אַז די בורזשואַזיע װערט אַלץ נעהענטער צום פּראָלעטאַריאַט. און האָטש דיזע מײנונג איז ניט געבויט אין דער לופטען, נאָר זי איז געגרינדעט אויף געװיסע פאַקטען, אָבער איהר פעהלער בעשטעהט אין דעם, װאָס זי נעהמט אָן דיזע פאַקטען װעלכע קומען פאָר נאָר אין אַ קלײנעם קרײַז, פאַר אַלגעמײנע, פון פרט מאַכט זי אַ כלל. זי נעהמט אײניגע שיכטען פון דער אינטעליגענץ און ערקלערט, אַז דאָס איז די גאַנצע בורזשואַזיע און דאָס זעלבע נעהמט זי אָן אַ בעזונדערע סאָציאַלע טענדענץ (שטרעבונג) פון ענגלאַנד, אַ טענדענץ, װעלכע איז שוין אַריבער און געהערט צו דער פערגאַנגענהײַט, פאַר אַ'ן אַלגעמײנע טענדענץ פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס-אופן, װעלכע װערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

---

6. די דעמאָקראַטיע.

גיט אָבער ניט די דעמאָקראַטיע דעם יסוד פאַר אַ ביסלעכװײַזע, אונבעמערקליכע אומענדערונג פון קאַפּיטאַליזמוס אין

סאָציאַליזמוס, אָהן דעם, אַז מען זאָל דאַרפען מיט געוואַלט ברעַ־
כען מיט דער עקסיסטירענדער אָרדנונג, ווי דאָס וועט אַרויסקו־
מען ביי דער איינגעהמונג פון דער פּאָליטישער מאַכט דורך'ן
פּראָלעטאַריאַט ?

עס איז פאַראַן אַ סך פּאָליטיקער, וועלכע ערקלערען, אַז
נאָר די דעספּאָטישע הערשאַפט פון אַ קלאַס מאַכט נויטיג די
רעוואָלוציאָן, די דעמאָקראַטיע מאַכט איהר אין גאַנצען איבעריג.
און אַזוי פיעל דעמאָקראַטיע, ווי פיעל עס איז נויטיג, כדי עס
זאָל מעגליך ווערען די פריעדליכע, ניט רעוואָלוציאָנערע ענט־
ווינקלונג, האָבען מיר שוין אין אַלע קולטורעלע לענדער. אומע־
טום איז איצט מעגליך צו גרינדען קאָנסומפעראיינען. וועלכע
נעהמען זיך, ווען זיי פערברייטערען זיך, צו דער זעלבסטשטענ־
דיגער פּראָדוקציאָן און שטופען אויף אַזאַ אופן אַרויס לאַנגזאַם
אָבער אָהן אַ'ן אויפהער די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן פון
איין פּראָדוקציאָנס־צווייג נאָך'ן אַנדערען. אומעטום איז מעגליך צו
אָרגאַניזירען פּראָפעסיאָנעלע בונדען, וועלכע בעגרענעצען אַלץ
מעהר די מאַכט פון קאַפּיטאַליסט אין זיין בעטריעב, פיהרען
איין אין דער פאַבריק אַ קאָנסטיטוציאָנע פיהרונג אָנשטאָט דער
זעלבסטהערשענדער און גרייטען צו אויף אַזאַ אופן דעם לאַנג־
זאַמען איבערגאַנג צו דער רעפּובליקאַנישער פאַבריק. כמעט
אומעטום קען די סאָציאַלדעמאָקראַטיע אַריין אין די דומעס, קען
ווירקען אויף די קהל'שה אַרבייטען לויט די אינטערעסען פון די
אַרבייטער. קען אויסברייטען דעם קרייז פון די אויפגאַבען פון די
קהלות, קען דורך די שטענדיגע אויסברייטונג פון דעם פעלד
פון דער געמיינדע־פּראָדוקציאָן פערקלענערען די פּריוואַטע פּראָ־
דוקציאָן. ענדליך געהט אַריין די סאָציאַלדעמאָקראַטיע אין די
פּאַרלאַמענטען, דערגרייכט דאָרטען אַלץ אַ שטאַרקערע ווירקונג־
פיהרט דורך איין סאָציאַלע רעפאָרם נאָך דער אַנדערער, בעגרעַ־
נעצט די מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטען דורך אַרבייטערשוטץ־
געזעטצען און פערגרעסערט אין דער אייגענער צייט דעם קרייז
פון דער מלוכה'שער פּראָדוקציאָן דורך דעם, וואָס זי אַרבייט

דערפֿאַר, אַז די מלוכה זאָל אַרײַננעהמען צו זיך אין די הענד די גרויסע מאָנאָפּאָלען. דורך דער בענוטצונג פֿון די דעמאָקראַטישע רעכטען וואַקסט אָט אַזוי אַרײַן בּיסלעכווײַז און אָהן אַ שום אײַבערקעהרענים שוין אויף דעם הײַנט עקסיסטירענדען גרונט די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפֿט אין דער סאָציאַליסטישער, די רעוואָלוציאָנערע אײַננעהמונג פֿון דער פּאָליטישער מאַכט דורך'ן פּראָלעטאַריאַט ווערט אין גאַנצען איבעריג, די שטרעבונג דערצו ווערט גראַדע שעדליך, ווײַל דאָס קען נישט האָבען קײַן אַנדערע ווירקונג, ווי נאָר די שטערונג פֿון דיזער לאַנגזאַם, אָבער דערפֿאַר זיכער געהענדיגער עטוויקלונג.

אָט דאָס טענה'ן די געגנער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער ענטוויקלונג.

אַ פּשוט'ער גן-עדן, לויט ווי זיי מאָלען אונז אויס; און אויך דאָ קען מען נישט זאָגען, אַז דאָס איז געחאַפּט געוואָרען פֿון העלערהויט, גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. די פֿאַקטען, אויף וועלכע זיי שטיטצען זיך, עקסיסטירען טאַקי אין ד״ר אמת'ן, אָבער דער אמת, וועלכען זיי גיבען אונז, איז אויך דאָ מעהר נישט ווי דער האַלבער אמת, אַ בּיסעלע דיאַלעקטישער [1]) דענקען וואָלט זיי געבראַכט צום גאַנצען אמת.

---

[1]) דער דיאַלעקטישער מין דענקען בעשטעהט אין דעם, וואס מען בעטראכט די זאכען און פאסירונגען ניט ווי פערגליווערטע, אבגעזונדערטע, שארף בעגרענעצטע ערשיינונגען, נאר ווי א שטענדיג זיך בייטענדען שטראָם, ווי א קייט פון ערשיינונגען, וועלכע געהען איבער שטענדיג איינע אין די אנדערע. ווי א זיך פערנאנדערוויקלענדער פראצעס. אלץ פליסט, אלץ ענטשטעהט און געהט אונטער. אין יעדער ערשיינונג ענטוויקלען זיך געגענזעטצליכע קרעפטען, וועלכע בריינגען צו איהר פערניכטונג און רופען ארויס אויף איהר ארט א נייע ערשיינונג, וועלכע איז דער היפך פון דער ערסטער. דיזע ערשיינונג ענטוויקעלט פון זיך ווידער איהר אייגענעם היפך, עס ענטשטעהט א נייע ערשיינונג, וועלכע בילדעט א העכערע נייהייט, א סינטעזע פון די פריהערדיגע געגענזעטצליכע ערשיינונגען אין ז. וו. דער דיאלעקטיקער בלייבט דעריבער ביי זיינע בעטראכטונגען ניט שטעהען ביים הוילען בעגריף פון דער זאך, ער בעטראכט אין יעדען איינצעלנעם פאל די

דיזער גן-עדן וואָלט האָבען אַ טעם, אויב מען וואָלט אָננעהמען, אַז נאָר איין זייט אַליין פון דעם געגענזאַטץ, וועלכער הערשט אין דער געזעלשאַפט, אַז נאָר דער פּראָלעטאַריאַט אַליין וואַקסט און קריגט אַלץ נייע כּחות, בעת די אַנדערע זייט, די בורזשואַזיע, ווערט פון דיזען וואוקס אַ האָר ניט בע-ריהרט און בלייבט שטעהען אויף איהר אַלטען אָרט. דאַן וואָלט נאַטירליך דער פּראָלעטאַריאַט בּיסלעכווייז אויך אָהן אַ שום רעוואָלוציאָן געמוזט אַריבערוואַקסען איבער דער בורזשואַזיע און איהר אונבעמערקליך עקספּראָפּריאירען.

אָבער די גאַנצע מעשה קריגט גאָר אַן אַנדער פּנים, ווען מען נעהמט אַריין אין דער רעכנונג אויך די אַנדערע זייט און מען זעהט, אַז די בורזשואַזיע קריגט אויך אַלץ נייע כּחות

זאך אליין אין איהר ווירקליכער געשטאלט מיט אלע איהרע אינעווייניגסטע היפוכים אין אין איהר צוזאמענהאנג אין דער קייט פון די איבעריגע ערשיי-נונגען. דער ניט-דיאלעקטיקער, בשעת ער בעטראכט א זאך, האט ער נאר איין מעטאָדע: „אדער — אדער". אדער גוט, אדער שלעכט, אדער נוטצליך, אדער שעדליך א. ז. וו. דער דיאלעקטיקער קוקט אנדערש, פאר איהם איז ניטא קיין „אדער — אדער", ער ווייס; „אויף וויפיעל — אויף אזוי פיעל" אויף וויפיעל דאס און דאס האט די און די מעלות — אויף אזוי פיעל איז דאס גוט, אויף וויפיעל דאס האט די און די חסרונות — אויף אזוי פיעל איז דאס שלעכט. א ביישפיעל. א רעגען — איז דאס א גוטע אדער א שלעכטע זאך? דער ניט-דיאלעקטיקער וועט אייך ענטפערן איינס פון די ביידע: איינער וועט זאגען: יע, דער רעגען איז א גוטע זאך; דער אנדערער וועט זאגען: ניין, דער רעגען איז א שלעכטע זאך. דער דיאלעקטיקער וועט אייך גאר אנדערש ענטפערן. סתם א רעגען, וועט ער אייך זאגען, איז מעהר ניט ווי א הוילער בעגריעף, וועגען וועלכען מען קען ניט זאגען ניט גוטס, ניט שלעכטס. עס ווענדט זיך דעריבער, וואס פאר א רעגען איהר מיינט; אויף וויפיעל דער רעגען גיסט אין פריהלינג און איבערהויפט איידער די תבואה הייבט זיך אויף, אויף אזוי פיעל איז ער גוט: אויף וויפיעל אבער ער גיסט בשעת די תבואה איז שוין צייטיג און מען דארף איהר שוין שניידען, אויף אזוי פיעל איז ער שלעכט. אט אזוי בעטראכט דער דיאלעקטיקער יעדע ער-שיינונג. די דיאלעקטישע מעטאדע איז דעריבער די איינציג וויסענשאפטליכע מעטאדע פון דענקען, ווארום זי בעטראכט די וועלט אין איהר ענטוויקלונג און אין איהר ווירקליכקייט. דער איבערזעטצער.

און ווערט דורך יעדען פארטשריט פון פראלעטאריאט געטריבען צו ענטוויקלען נייע כחות, אויסצוטראכטען און אנצוואווענדען נייע מעטאדען פון ווידערשטאנד אונטערדריקונג. דאס, וואס עס דוכט זיך ביי א איינזייטיגער בעטראכטונג אלס א ביסלעכוויזע פריעדליכע אריינוואקסונג אין דעם סאציאליזמוס, ווייזט זיך דאן ארויס אלס די ארגאניזירונג פון אלץ גרעסערע מאסען פון קעמפפער, אלס די אויסארביטונג און אנווענדונג פון אלץ שטארקערע קאמפף-מיטלען, אלס דער ביסלעכוויז זיך פערגרעסענדער שלאכטפעלד, אלזא ניט אלס די ביסלעכוויזע אבראמונג פון קלאסענקאמפף דורך די ביסלעכווייזע פערשלינגונג פון קאפיטאליזמוס, נאר אלס די איבער׳חזר׳ונג אויף-דאס-ניי פון קאמפף אויף אלץ גרעסערע מדרגות און די פערטיפונג פון די ווירקונגען פון יעדען נצחון און פון יעדען פערשפיעלען.

יועניגער פאר אלץ זיינען געפעהרליך די געגנאסענשאפטען, פון וועלכע עס האבען היינט א פראקטישע בעדייטונג נאר די קאנסום-געגנאסענשאפטען. ביי אלע געגנער פון א רעוואלוציאנערע ענטוויקלונג שטעהען זיי זעהר הויך וועגען זייער פריעדליכען כאראקטער. עס איז ניטא קיין ספק, זיי קענען דעם ארבייטערקלאס ברייגען א גאנצע רייהע וויכטיגע ווינגאדעס, אבער עס איז מעהר ניט ווי מעשה-חוזק צו ערווארטען פון זיי, אז זיי זאלען חאטש צום טהייל עקספראפריארען דעם קאפיטאל, אויף ווי פיעל זיי עקספראפריארען יע א קלאס, איז דאס מעהר ניט ווי דעם קלאס פון די קליינע קרעמער און עטליכע שיכטען פון די בעלי-מלאכות, וועלכע האבען זיך נאך ביזהער געהאלטען, ווי צ. ב. די בעקער. אט דאס איז די מעשה, וואס די גרויסע קאפיטאליסטען קעמפפען אין ערגעץ ניט געגען די קאנסום-פעריינען, דורך וועלכע זיי האבען דאס כלומר׳שט געדארפט ארויסגעשטופט ווערען. נייין, די קליינבורזשואזיע איז דאס גאר, וועלכע פאלט אויף זיי ווילד-צורייצט ארויף. און פון איהר נאך יענע שיכטען, וועלכע האבען פאר זייערע קונדען די ארבייטערשאפט, אלזא גראדע די, וועלכע מען קען גיכער פאר אלעמען

צוציִהען צו אַ פּראָלעטאַריִשער פּאָליִטיִק. אויב די אַרבּײַטער קאָנסומפּעראייִנען בּריִנגען פאַר עטליִכע אַרבּײַטערשיִכטען מאַטעריעלע וויִגאָדעס און שטאַרקען זיי דורך דעם, שטויסען זיי אָבער אויך דערפאַר אָב פון דער אַרבּײַטערבּעוועגונג עטליִכע שיִכטען, וואָס שטעהען זעהר נאָהענט צום פּראָלעטאַריאַט, דער מיִטעל, וועלכער האָט בּעדאַרפט פיִהרען צו דער פריִעדליִכער בּיִסלעכווײַזער פערשליִנגונג פון קאַפּיִטאַליִזמוס און צו דער בּיִכלעכווײַזער פערניִכטונג פון קלאַסען-קאַמפּף, ווערט גאָר אַ זאַך, צוליִעב וועלכער עס ציִנדט זיִך אָן אַ נײַער-קאַמפּף איִן קלאַסענקאמפּף, ווערט גאָר אַ מיִטעל פאַרנאַנדערצוציִנדען אַ נײַע קלאַסען-שנאה, און דערבּײַ בּלײַבּט די מאַכט פון קאַפּיִטאַל אַ האָר ניִט בּעריִהרט. דער קאָנסומפּעראיין האָט בּיז איצט מנצח געוועזען נאָר איִן קאַמפּף מיִט דעם קליינעם קרעמער; דער קאַמפּף מיִט די גרויסע מאַגאַזיִנען שטעהט איִהם נאָך פאָר. ער וועט זיִך איִהם ניִט געבּען אַזוי לײַכט.

גאָר אָהן אַ שום זיִנען איִז די מײַנונג, אַז די דיִוויִדענדען (ריוח) פון די קאָנסומפּעראייִנען וואָלטען, אפילו ווען מען וואָלט זיי ניִט פאַרנאַנדער-טהײַלען, נאָר מען וואָלט זיי אָנקלײַבּען, געקענט גיִכער וואַקסען, איידער די אָנזאַמלונג פון קאַפּיִטאַל, אויף אַזוי ווײַט, אַז זיי זאָלען איִהר אַריִבּעריאָגען און בּיִסלעכווײַז בּעגרענעצען דעם טהעטיִגקײַטספעלד פון קאַפּיִטאַליִזמוס.

נאָר דאָרטען קענען די קאָנסומפּעראייִנען קריִגען אַ בּעדײַטונג פאַר דעם בּעפרײַאונגס-קאַמפּף פון פּראָלעטאַריאַט, וואו דער פּראָלעטאַריאַט פיִהרט אַ קרעפטיִגען קלאַסענקאַמפּף, וואו זיי זײַנען אַ מיִטעל צו צוגעבּן די קעמפּפענדע פּראָלעטאַריער נײַע כּחות און פערגרעסערטע מאַכט. אָבער דערבּײַ זײַנען זיי פאָלקאָם אָבּהענגיִג פון דער לאַגע פון דער געזעטצגעבּונג און פון דער אויפפיִהרונג פון דער מלוכה-מאַכט. כּל זמן דער פּראָלעטאַריאַט האָט ניִט אַרײַנגענומען די פּאָליִטיִשע מאַכט איִן זײַנע הענד, וועט דעריִבּער שטענדיִג די בּעדײַטונג פון די קאָנסומפּעראייִנען

פאַר דעם קלאַסענקאַמפּף פון פּראָלעטאַריאַט בלייבען פערשלאָסען אין ענגע גרענעצען.

אַ סך וויכטיגער ווי די קאָנסומפעריינען זיינען פאַר'ן פּראָלעטאַריאַט די פּראָפעסיאָנעלע בונדען. זיי זיינען אָבער פאַר איהם וויכטיג אַלס קאַמפּף-אָרגאַניזאַציאָנען, ניט אַלס אָרגאַניזאַציאָנען, וואָס זאָלען פיהרען צום סאָציאַלען שלום, אפילו דאָרטען, וואו זיי מאַכען קאָנטראַקטען מיט די אונטערנעהמער — סיי מיט איינצעלנע, סיי מיט אָרגאַניזירטע — קענען זיי דיזע קאָנטראַקטען דערגרייכען און דורכפיהרען נאָר אַ דאַנק זייער פעהיגקייט צום קאַמפּף.

אָבער ווי וויכטיג, נאָך מעהר, ווי נויטיג עס איז ניט דער פּראָפעסיאָנעלער בונד פאַר'ן קעמפּפענדען פּראָלעטאַריאַט. סוף כל סוף מוז ער זיך אומעטום רעכענען מיט דער געגען-אָרגאַניזאַציאָן, דעם אונטערנעהמער-בונד, וועלכען — ווען ער דערגרייכט נאָר די פאָרם פון דער ענגער געשעפט-שותפות'דיגקייט, וועלכע עס עקסיסטירט אין אַ קאַרטעל אָדער גאָר אין אַ טרעסט — עס קען ניט בייקומען קיין שום פּראָפעסיאָנעלער בונד.

אָבער ניט נאָר די אונטערנעהמער-בונדען זיינען אַ סכנה פאַר די פּראָפעסיאָנעלע בונדען, נאָר אויך די מלוכה-מאַכט. מיר, דייטשען, קענען דערפון אַ סך דערצעהלען. אָבער אַז די פּראָפעסיאָנעלע בונדען זיינען אפילו אויך אין דעמאָקראַטישען ענגלאַנד נאָך ניט אַריבער איבער אַלע געפאַהרען, האָבען אונז בעוויזען די בעקאַנטע לעצטע משפטים פון ענגלישען העכסטען בית-דין, וועלכע שטעלען אַלע פּראָפעסיאָנעלע בונדען אין געפאַהר.

דער אויבענדערמאָנטער אַרטיקעל פון די וועבּ'ס אין דער „סאָציאַלער פּראַקטיק", וועלכער וואַרפט איבערהויפּט אַ חידוש'דיגען שיין אויף דער צוקונפט פון די פּראָפעסיאָנעלע בונדען, ברייננגט אונז אויך דערפאַר אינטערעסאַנטע בעווייזען. ער וויייזט אָן אויף דעם, ווי פערשידען און ניט אין דעם גלייכען מאָס עס ענטוויקלען זיך די פּראָפעסיאָנעלע בונדען אין

ע נ ג ל אַ נ ד . „אַלגעמײַן גערעדט, זײַנען די שטאַרקע געװאָרען נאָך שטאַרקער, בעת די בונדען, װעלכע עס זײַנען שוין פריהער געװען שװאַך, זײַנען איצט נאָך שװאַכער װי װען עס איז פריהער". פערשטאַרקט האָבען זיך די פּראָפּעסיאָ־נעלע בונדען פון די קױהלען-גראָבער, באַיװעלאַרבײַטער, בױ-אַרבײַטער און פון די אַרבײַטער, װאָס זײַנען בעשעפטיגט אין דער אײַזענאינדוסטריע. זײ זײַנען שװאַכער געװאָרען בײַ די דאָרף-אַרבײַטער, מאַטראָזען, אין שנײַדערשען פאַך און בײַ די ניט-געלערנטע אַרבײַטער. אָבער איבער דער גאַנצער פּראָפּע־סיאָנעלער װעלט שװעבט װי אַ שװערע סכּנה די װאַקסענדע שנאה פון די פערמעגענדע קלאַסען. די ענגלישע געזעטצען פאַסטען אױסגעצײכענט צו דער אונטערדריקונג פון אָרגאַניזאַצ־יאָנען, װאָס זײַנען ניט בעקװעם פאַר די הערשענדע קלאַסען, און די סכּנה, אַז מען װעט איצט אָנװענדען דיזע געזעטצען געגען די פּראָפּעסיאָנעלע בונדען, „האָט זיך שטאַרק פער־גרעסערט. די אונרוהע שטײַגט, װײַל אומעטום, סײַ צװישען די ריכטער, סײַ צװישען די פּריסיאַזשנע (געשװאָרענע) סײַ צװישען דעם איבעריגען טהײל פון די העכערע און מיטעלערע קלאַסען, װײַזט זיך אַרױס אַ שנאה צו די פּראָפּעסיאָנעלע בונדען און שטרײַקען". די עקסיסטירענדע געזעטצען זײַנען אים שטאַנד „איבערצוגעבען די אַרבײַטער אין די הענד פון די אונטערנעהמער מיט געבונדענע הענד און פיס". און עס קומט אַזױ װײַט, אַז די װעבּ׳ס רעכענען זיך מיט אַזאַ לאַגע, בײַ װעלכער „דער קאָלעקטיװער קאָנטראַקט [1]) און די ערשײַנונגען, װאָס בעגלײטען איהם נויטװענדיג — דער שטרײַק און די פערבײַגעהענדע אָב־שטעלונג פון דער פּראָדוקציאָן — װעלען דורך די ריכטערליכע אױסטײַטשונג פון געזעטץ אונמעגליך, אָדער װעניגסטענס מורא׳־דיג טהײַער און שװער געמאַכט װערען".

---

[1]) דאַס הייסט אַ געמיינזאַמער קאָנטראַקט מיט אַ גרופּע אַרבייטער (ניט מיט יעדען איינצעלנעם באַזונדער). — א י ב ע ר ז ע ט צ.

אִי דאָס, זַיינֶען דִי פּראָפֶעסיאָנֶעלֶע בּוּנדֶען בִּיז אַהֶער געוואָרען הֶעכסטֶענס נִיט בּעֶק׳וֶעם פאַר דִי קאַפּיטאַליסטֶען, פוּן אַ ווירקליכֶע בּעגרֶענצוּנג פוּן דער עֶקספּלוּאַטאַציאָן קען בּיי זיי גאָר קֵיין רֶעדֶע נִיט זַיין, היינט קען מען זיך פאָרשטעלֶען, ווי דִי מלוכה-מאַכט אַליין וואָלט זיך אין דעם בּיזהעריגען גן-עֵדן פוּן דער פּראָפֶעסיאָנֶעלער בּעוועגוּנג, אין ענגלאַנד, גענוּמֶען פאַר דִי פּראָפֶעסיאָנֶעלֶע בּוּנדען, ווען זיי וואָלט זיך איינגעגעבען, אָנטהאָן דעם קאַפּיטאַל אַ ווירקליכען צווים.

אַקוּראַט אַזוי בּעגעגענט דער, ווי מען רוּפט אִיהם, געמיינדע-סאָציאַליזמוּס זיינע גרענעצען, וויַיטער פוּן וועלכע ער קען נִיט געהען — אפילו דאָרט, וואוּ עס עקסיסטירט דִי אַל־געמיינע וואַהל-רעכט אין דִי דוּמעס — אין דער עקסיסטירענדער מלוכה׳שער אוּן געזעלשאַפטליכער אָרדנוּנג. דִי געמיינדע בּלייבּט שטענדיג צוּגעבּוּנדען צוּ דִי אַלגעמיינע עקאָנאָמישע אוּן פּאָלי־טישע בּעדינגוּנגען. זי קען נִיט איבּער זיי אַריבּערשפּרייזען אוֹיף איינענע ריזיקע: געוויס קענען דִי פּראָלעטאַריער אוּן איינצעלנע אינדוּסטריעלע קהילות אַריינעהמען אין זייערע הענד דִי געמיינדע-פערוואַלטוּנג, נאָך אַ־ידער זיי וועלען האָבען אַ כּח אַריינצוּנעהמען דִי פּאָליטישע מאַכט אין זייערע הענד, אוּן דוּרך דעם קענען זיי אויסוואָרצלען פוּן דיזער פערוואַלטוּנג ווענינגסטענס איהרע אַרבּייטער־פיינדליכסטע זייטען אוּן דוּרכפיהרען אַזוינע פערבּע־סערוּנגען, אוֹיף וועלכע מען וואָלט זיך נִיט געקענט דערוואַרטען פוּן אַ בּוּרזשואַזער מלוכה-פיהרוּנג. אָבּער דיזע געמיינדע פער־וואַלטוּנגען בּעגעגענען גיך זייערע גרענעצען, וויַיטער פוּן וועלכע זיי קענען נִיט געהען, נִיט נאָר אין דער מלוכה-מאַכט, נאָר אוֹיך אין זייער איגענער עקאָנאָמישער שלאַפקייט. דאָס רוֹב קהילות, וועלכע וועלען פריהער פאַר אַלע איינגענוּמען דוּרך דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, זיינען קבּצנ׳ישע קהילות, אין וועלכע כּמעט דִי גאַנצע בּעפעלקערוּנג בּעשטעהט פוּן אַרבּייטער. פוּן וואַנען זאָלען זיי נעהמען מיטלען אוֹיף דִי דוּרכפיהרוּנג פוּן גרויסערע רעפאָרמען? בּיי דער פאַרגאַנדערלעגוּנג פוּן דִי שטייערן

צווישען די איינוואוהנער פון די קהילות זיינען זיי געוועהנליך בעגרענעצט דורך דער מלוכה'שער געזעטצגעבונג, און אפילו דארטען, וואו זיי זיינען ניט בעגרענעצט, קענען זיי ניט בעלעגען די פערמעגענדע און רייכע איינוואוהנער מיט שטייערן העכער פאר א געוויסען מאס, ווארים אז ניט וועלען זיי נאך פערטרייבען פון דער קהילה די איינציגע איינוואוהנער, פון וועלכע מען קען האבען א וועלכע עס איז הכנסה. יעדע ראדיקאלע רעפארם פאדערט דא אפט נייע שטייערן, וועלכע עס רופען ארויס א אונצופרידענקייט ניט נאר צווישען די אויבערסטע קלאסען, נאר אויך צווישען די ברייטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג. שוין ניט איין געמיינדע-פערוואלטונג וועלכע איז געוועזען אין די הענד פון סאציאליסטען אדער רעפארמער, וואס שטעהען נאהענט צו די סאציאליסטען, איז ביי זיי ווידער ארויסגעריסען געווארען צוליעב דער שטייער-פראגע, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס זיי האבען געפיהרט א מוסטער-בעל-הבית'-שקייט. אזוי איז געוועזען אין לאנדאן, אזוי אין רובע (אין פראנקרייך).

אבער דער פאליטישער פעלד! ער האט דאך ניט אזוינע ענגע גרענעצען! זעהען מיר ניט דא א'ן אונאויפהערליכען פארטשריט פון ארבייטערשוטץ, ברייננגט אונז ניט יעדע פאר-לאמענטארישע אסיפה נייע בעגרענצונגען פון קאפיטאליזמוס? און פערגרעסערט ניט יעדע נייע וואהל די צאהל פון אונזערע פארשטעהער אין פארלאמענט? וואקסט ניט דורך דעם לאנגזאם אבער נאכאנאנד און אונאויפהערליך אונזער מאכט אין דער מלוכה. אונזער ווירקונג אויף דער רעגירונג? וואקסט ניט צוזאמען מיט דעם אויך די אבהענגיגקייט פון קאפיטאל — פון פראלעטאריאט?

געוויס, די צאהל פון די ארבייטערשוטץ-געזעטצען וואקסט פון יאהר צו יאהר. קוקט מען זיך אבער נאר צו זיי צו, בעמערקט מען, אז אין די לעצטע צעהנדליגער יאהרען בעדייטען זיי כמעט שטענדיג מעהר ניט ווי די אויסברייטערונג פון דעם שוין עקסיסטירענדען ארבייטער-שוטץ אויף נייע קרייזען — אויף

פריקאַזטשיקעס, משרתים אין רעסטאָראַציעס, קינדער, וואָס אַרבײַטען אויסער דער פאַבריק, אַרבײַטער, וואָס זײַנען בעשעפ־טיגט אין דער הויז-אינדוסטריע, מאַטראָזען ז. וו. — אַ'ן אויס־ברייטערונג, וועלכע ווערט דאָס רוב געמאַכט אין זעהר ענגע גרענעצען און טראָגט דאָס רוב אַ זעהר מסופק'דיגען כאַראַקטער, זוי בעד־יטען אָבער ניט קיין וואַקסענדע פערשטאַרקונג פון אַרבײַטערשוטץ אין די קרײַזען, וואו ער איז שוין אײַנגעפיהרט. בערעכענט מען אָבער, ווי מורא'דיג גיך דער קאַפּיטאַליס־טישער פּראָדוקציאָנס-אופן פערברייטערט זײַן טהעטיגקייטס־פעלד, ווי גיך ער פערנעהמט איין פּראָדוקציאָנסצווייג נאָך דעם אַנדערען, איין לאַנד נאָך דער אַנדערער, דאַן וועט מען גע־פינען, אַז די אויסברייטונג פון דעם אַרבײַטערשוטץ קומט פאָר אַ סך לאַנגזאַמער, אַז זי יאָגט אין ערגעץ ניט איבער די אויסברייטערונג פון קאַפּיטאַליזמוס, נאָר הינקט מעהר ניט מיט גרויס מאַטערניס נאָך איהר נאָך. און בעת די אויסברייטונג פון קאַפּיטאַליזמוס קומט פאָר אַליץ גיכער און גיכער, שטעלט זיך די אויסברייטונג פון אַרבײַטערשוטץ וואָס ווײַטער אַליץ מעהר אָב.

אויב אָבער די ענטוויקלונג פון אַרבײַטערשוטץ אין דער ברייט איז שוין זעהר אַ קאַרגע, געהט דיזע ענטוויקלונג אין דער טיעף כמעט ווי גאָר ניט. אין 1847 יאָהר האָט מען אין ענגלאַנד אונטער דער ווירקונג פון דער טשאַרטיסטען-בעוועגונג [1]) און פון דער גיכער פעראָרעמונג פון די טעקסטיל-

[1]) טשאַרטיסטען־בעוועגונג — הייסט די ריעזענבעוועגונג פון די ענג־לישע אַרבייטער אין דעם 10 יאהריגען משך פון 1838 ביז 1848 יאהר, וועלכע האט געשטרעבט דורכצופיהרען א רייהע דעמאָקראַטישע פּאָליטישע פאָרדערונגען, וועלכע עס האבען געזאלט איבערגעבען די מלוכה־מאכט אין די הענד פון פאָלק און מאכען פון דער האלב־אריסטאָקראַטישע־ ענגלישער מלוכה־פיהרונג א דעמאָקראַטישע; די פאָרדערונגען האבען אין זייער פער־אייניגטער פאָרם בעקומען דעם נאמען „טשאַרטע" (רעכט־בריעף), דערפון שטאמט דער נאמען „טשאַרטיסטען", ד. ה. די קעמפפער פאר דער „טשאַרטע".
ד ע ר א י ב ע ר ז ע ט צ ע ר.

אַרבּײַטער זיך דערשלאָגען צו אַ 10 שעה'דיגען אַרבּײַטסטאָג פאַר פרויען און קינדער, ד. ה. אין דער אמת'ן פאַר אַלע אַרבּײַטער פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע. זײַנען מיר ערגעץ וואו ביז הײַנטיגען טאָג אַריבּער איבּער'ן 10 שעה'דיגען אַרבּײַטסטאָג?

די צווייטע פראַנצויזישע רעפּובּליק ²) האָט אין 1848 יאָהר בּעשטימט דעם אַרבּײַטס טאָג פאַר אַלע פּאַריזער אַרבּײַטער אויף 10 שעה, פאַר'ן איבּעריגען פראַנקרײַך אויף 11 שעה. בּשעת מיליעראַן האָט ניט לאַנג דורכגעפיהרט אין פּאַרלאַמענט דעם 10 שעה'דיגען אַרבּײַטסטאָג (נאָר אויף'ן פּאַפּיר, מיט אַ סך פערשלעכטערונגען) פאַר די בּעטריעבּען, אין וועלכע פרויען און קינדער אַרבּײַטען צוזאַמען מיט מאַנספּערזאָנען (אַלזאָ ניט פאַר אַלע בּעטריעבּען), האָט מען דאָס פּאַנאַנדערגעלויבּט אַלס אַ וואונדערדיגע טהאַט, אויף וועלכער עס קען זײַן פעהיג נאָר אַ סאָציאַליסטישער מיניסטער. און דאָך האָט ער ווענינער געגעבּען, איידער די ענגלישע בּורזשואַזיע געזעצגעבּונג מיט אַ האַלבּען יאָהרהונדערט צוריק, וואָרים ער האָט געשטעלט דעם 10 שעה'דיגען אַרבּײַטסטאָג אויך פיר קינדער, פאַר וועלכע מען האָט אין ענגלאַנד שוין אין 1844 יאָהר בּעשטימט די אַרבּײַטסצײַט אויף $6^1/_2$ שעה.

שוין דער זשענעווער צוזאַמענפאָהר פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל“ ¹) האָט אין 1866 יאָהר פערלאַנגט דעם

---

¹) די צווייטע פראַנצויזישע רעפּובּליק — הייסט די רעפּובּליק, וועלכע עס האט זיך געגרינדעט נאך דער פעברואר־רעוואלוציאן פון 1848 יאהר און האט עקסיסטירט ביז דעצעמבער 1851. בשעת דער פלעמיניק פון נאַפּאָלעאָן דעם ערסטען — לואי נאַפּאָלעאָן, וועלכען מען האט אויסגעקליבען פאר א פרעזידענט פון דער רעפובליק, האט אריינגעחאפט די גאנצע מלוכה־מאכט אין זיינע הענד און האט פערניכטעט די רעפובליק, גרינדענדיג א זעלבסטהערשענדע אימפעריע און זיך ערקלערענדיג אלס קיסר פון פראַנקרייך אונטער דעם נאמען נאפאלעאן דער דריטער.

דער איבערזעטצער.

³) דער „אינטערנאַציאָנאַל“, אדער ריכטיגער „די אינטערנאציאנאלע

8 שעה'דיגען אַרבייטסטאָג אַלס די בעדינגונג, וועלכע איז פון פאָראוים נויטיג פאַר יעדער פרוכטבאַרער סאָציאַלער רעפאָרם. 36 יאָהר שפּעטער, אויף'ן לעצטען צוזאַמענפאָהר פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטען אין טור, האָט אָבער א דעלעגאַט געקענט אַרויסטרעטען געגען דעם, וואָס מען שטעלט אַריין דעם 8 שעה'דיגען אַרבייטסטאָג צווישען אונזערע נאָהענטסטע פאָרדערונגען. ער האָט געוואָלט, אַז מען זאָל פערלאַנגען מעהר ניט, ווי „תקנות אויף דורכצולעגען אַ וועג פאַר'ן 8 שעה'דיגען אַרבייטסטאָג". און קיינער האָט זיך פון איהם ניט אויסגעלאַכט, ייג נאָך מעהר, דער מענש האָט נאָכדעם זיך געקענט שטעלען אין פאַריז פאַר אַ קאַנדידאַט ביי די לעצטע וואַהלען אין דעם פראַנצויזישען פּאַרלאַמענט.

מען זעהט טאַקי, די איינציגע זאַך, וועלכע מאַכט גיכע פאָרטשריט אין דער סאָציאַלער רעפאָרם, איז די בעשיידענקייט פון די סאָציאַלר־פּאָרמער אַליין.

אָבער ווי איז דאָס מעגליך ביי דעם שטענדיגען וואוקס פון דער צאָהל פון די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען אין די פאַרלאַמענטען? דאָס קען מען זעהר פשוט ערקלערען, ווען מען בעטראַכט ניט נאָר דעם פאַקט אַליין, נאָר אויך די צווייטע זייט פון דעם מעדאַל. עס וואַקסט טאַקי די צאָהל פון די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען, אָבער אין דער אייגענער צייט מיט דעם געהט אונטער די בורזשואַזנע דעמאָקראַטיע. זעהר אָפט טרעט דאָס אַרויס פון אויסענווייניג, אין דער פערקלענערונג פון איהר צאָהל שטימען ביי די וואַהלען, שטענדיג אָבער ווייזט זיך דאָס אַרויס אין איהר אינעווייניגסטער צופוילונג. זי ווערט אַלץ

ארבייטער געזעלשאַפט" האט זיך פאקטיש געגרינדעט אין לאָנדאָן אין 1864 יאהר, אפיציעל אין זשענעוו אין 1866 יאהר אויף'ן צוזאמענפאהר פון די פארשטעהער פון די ארבייטער־ארגאניזאציאנען פון אלע לענדער, וועלכער זאל פעראייניגען דעם בעפרייאונגס־קאַמפף פון אינטערנאציאנאלען פראלעטאריאט. דער אינטערנאציאנאל האט עקסיסטירט ביז יולי 1876 יאהר.

דער איבערזעטצער.

שרעקענדיגער און שלאַפער. ווערט אָן יעדען לעצטען שטיקעל כאַראַקטער; זי וויזט אַנדערש ניט ווי זיך צו ראַטעווען פון דער רעאַקציאָן, ווי נאָר דורך דעם, וואָס זי איז אַליין גרייט צו פיהרען אַ רעאַקציאָנערע פּאָליטיק, און פיהרט איהר טאַקי ווי נאָר זי דערגרייכט צו דער מלוכה-מאַכט. דאָס איז די היינטיגע מעטאָדע פון ליבעראַליזמוס — אַריינצונעהמען די פּאָליטישע מאַכט.

בשעת ביסמאַרק האָט דערפיהלט, אַז זיין מלוכה-פיהרונג פערליערט דעם פעסטען גרונד אונטער די פיס און שאָקעלט זיך, האָט ער פערלענגערט דעם משך, אויף וועלכען מען קלייבט אויס דעם פּאַרלאַמענט, פון 3 אויף 5 יאָהר. דאָס איז געווען אַ פערצווייפעלטער, רעאַקציאָנערער מיטעל, וועלכער האָט געגען זיך אַרויסגערופען אַ טורם פון צאָרן. אין פראַנקרייך אָבער האָט דער לעטצטער ראַדיקאַלער מיניסטעריום פון דער „רעפּובליקאַנישער בעשיטצונג", אין וועלכען עס האָט אַ'ן אַנטהייל גענומען אַ סאָציאַליסטישער מיניסטער, ערב די וואַהלען פערלאַנגט, אַז מען זאָל פערלענגערען דעם משך, אויף וועלכען מען קלייבט אויס דעם פּאַרלאַמענט, פון 4 אויף 6 יאָהר, און די רעפּובליקאַנישע מעהרהייט פון פּאַרלאַמענט האָט טאַקי דערצו מסכים געווען! ווען ניט דער סענאַט, וואָלט דיזע אויסערסט רעאַקציאָנערע תקנה געוואָרען אַ געזעטץ.

אָבער ניט נאָר וואָס דער בורזשואַזנער ליבעראַליזמוס פערשווינדעט אין דעם זעלבען מאָס, אין וועלכען עס וואַקסט די סאָציאַלדעמאָקראַטיע, די ווירקונג פון די פּאַרלאַמענטען אַליין ווערט אַלץ שוואַכער אין דער זעלבער צייט, ווען די ווירקונג פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע ווערט אין זיי שטאַרקער. דיזע צוויי ערשיינונגען קומען פאָר אין דער איינגענער צייט, זיינען אָבער ניט דירעקט פערבונדען איינע מיט דער אַנדערער. גראַדע פערקעהרט, די פּאַרלאַמענטען, אין וועלכע עס זיינען ניטאָ קיין סאָציאַליסטען, ווי דער זאַקסישער אָדער פּרייסישער, פערליערען נאָך גיכער זייער ווירקונג און זייער פעהיגקייט צו אַרבייטען, איידער אַלע אַנדערע.

דער אונטערגאַנג פון די פּאַרלאַמענטען האָט פּערשיעדענסטע אורזאַכען. מיר דאַרפען אָבער ניט האַלטען פאַר די וויכטיגסטע פון דיזע סבות, למשל, פאַקטען פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער טעכניק, וועלכע מען וואָלט קענען פערניכטען דורך די ענדערונג פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער פיהרונג אָדער פון דעם קרייז, צו וועלכען דער פּאַרלאַמענט האָט אשליטה; די הויפּט-סבות ליגען אין דעם כאַראַקטער פון די קלאַסען, וועלכע האָבען דורך׳ן פּאַרלאַמענטאַריזמוס די בעשטימענדע ווירקונג אויף דער פּאָליטיק פון די רעגירונגען.

אויב דער פּאַרלאַמענטאַריזמוס זאָל זיך געזונד ענטוויקלען, דאַרף ער דערצו פון פאָרויס האָבען צוויי בעדינגונגען. ערסטענס — אַ שטאַרקע, געשלאָסענע מעהרהייט, און צווייטענס — אַ גרויסען סאָציאַלען ציעל, צו וועלכען דיזע מעהרהייט זאָל ענערגיש שטרעבען און צו וועלכען זי זאָל שטויסען די רעגירונג. ביידע בעדינגונגען האָבען עקסיסטירט אין דער בעסטער צייט פון פּאַרלאַמענטאַריזמוס. כל-זמן דער קאַפּיטאַליזמוס האָט אין זיך געטראָגען די צוקונפט פון דער נאַציאָן, האָבען פאַר זיין בעפרייאונג פון די קייטען, אין וועלכע ער איז געוועזען פערשמידט, געקעמפּפט אַלע פאָלקסשיכטען, וועלכע האָבען געהאַט אַ פּאַרלאַמענטאַרישע בעדייטונג, פריהער ווי אַלץ די מאַסע פון דער אינטעליגענץ; אָבער אויך דער גרעסטער טהייל פון דער קליינבורזשואַזיע און אפילו די אַרבייטער אַליין זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך דער בורזשואַזער פיהרונג.

אַזוי איז דער ליבעראַליזמוס אויפגעשטאַנען אַלס אַ געשלאָסענע פּאַרטיי מיט גרויסע ציעלען. די קאַמפּפען פון ליבעראַליזמוס פאַר׳ן פּאַרלאַמענט און אין פּאַרלאַמענט האָבען דעם פּאַרלאַמענט געגעבען זיין בעדייטונג.

פון יענער צייט אָן האָט זיך אָנגעהויבען יענע ענטוויקלונג, וועלכע איך האָב אויבען אַרומגערעדט, וועלכע טרייבט אַריין אין סאָציאַליסטישען לאַגער דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס ענטוויקעלט אַ בעזונדערען קלאַסענבעוואוסטזיין, ווי אויך אַ טהייל פון דער

אינטעליגענץ, פון דער קליינבורזשואַזיע און פון די קאַרליקענע בויערן, וועלכע מאַכט דעם רעשט פון קליינבורזשואַזיע און פון די בויערן פאָלקאָם רעאַקציאָנער, בעת די קרעפטיגסטע עלע־מענטען פון אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל פערייניגען זיך מיט די גרויסע פינאַנצלייט. ביי וועלכע דער פאַרלאַמענטאַריזמוס האָט קיין מאָל ניט געשפּיעלט קיין גרויסע ווערדע חאָטש זיי האָבען שטענדיג זעהר גוט פערשטאַנען, ווי איהם צו חאַפּען פאַר'ן עק; אַ ביישפּיעל — פאַנאַמאַ[1].

אָט אַזוי שיט זיך פאַנאַנדער די ליבעראַלע פּאַרטיי אויף איהרע בעזונדערע עלעמענטען, בעת עס טרעט ניט אַרויס פון די הערשענדע קלאַסען קיין איין אַנדערע גרויסע פּאַרלאַמענ־טאַרישע פּאַרטיי, וואָס זאָל טראָגען אַ געשלאָסענעם כאַראַקטער און זאָל קענען פערנעהמען איהר אָרט. וואָס רעאַקציאָנערער עס ווערען די פערמעגענדע קלאַסען, דאָס וועניגער בילדען זיי איין גאַנצע געשלאָסענע מאַסע, דאָס מעהר צושיטען זיי זיך אין אַ סך איינצעלנע קליינע פּאַרטייען, דאָס שוועהרער ווערט צו בילדען אַ געשלאָסענע פּאַרלאַמענטאַרישע מעהרהייט. אַ מעהר־הייט ווערט וואָס ווייטער אַלץ מעהר נאָר דורך דעם מעגליך, וואָס עס פעראייניגען זיך די פערשידענסטע ריכטונגען אין אַ „מעהרהייט אויף אַ רגע", אין פערבינדונגען, וועלכע שטיצען זיך אויף דעם אונזיכערסטען פונדאַמענט, וואָרום זיי ווערען

---

[1]) פאַנאַמאַ — איז א פאס ערד, וואס פעראייניגט צפון־אמעריקא מיט דרום־אמעריקא. דורך דיזען פאס ערד האט א פראנצויזישע קאפי־טאליסטען־קאמפאניע געוואלט דורכגראבען א קאנאל, וועלכער זאל פער־אייניגען דעם אטלאנטישען ים וועלכער געפינט זיך פון מזרח-זייט פון אמעריקא, מיט דעם גרויסען אדער שטילען ים, וועלכער גע־פינט זיך פון מערב־זייט פון אמעריקא. די קאמפאניע האט געפיהרט א מורא'דיגען שווינדעל מיט איהרע אקציעס און האט אונטערגעקויפט דערצו די גרעסטע בעאמטע פון דער פראנצויזישער רעפובליק, מיניסטארען, דע־פוטאטען פון פארלאמענט, די בורזשואזנע פרעסע א. ז. וו. דער שווינדעל איז ענטדעקט געווארען און האט אנגעמאכט א גרויסען רעש און א סקאנדאל אין דער גאנצער וועלט.   דער איבערזעטצער.

געשלאָסען ניט צוליעב וועלכע עס איז אינעווייניגסטע שייכות, נאָר צוליעב גאַנץ אויסערליכע צוועקען, פערבינדונגען, וועלכע זיינען פון אָנהויב אָן פער׳משפט דערצו אַז פון זייער גאַנצער טהואכטס זאָל גאָר ניט אַרויסקומען, וואָרים זייערע עלעמענטען זיינען אזוי פערשיעדען, אַז זיי קענען זיך האַלטען צוזאמען נאָר דורך דעם וואָס יעדערער פון זיי זאָגט זיך אָב פון אַ ענער־גישע טהעטיגקייט אין דעם זינען, ווי דאָס געהער פאַר איהם. עס איז מעהר ניט עפעס, ווי אַ מין מאָדנער ניט-פערשטעהען פון דעם עצם פון דיזע פערבינדונגען, וועלכע שטאַמען אַרויס פון דעם אונטערגאַנג פון דעם פּאַרלאַמענטאַריזמוס און בעדייטען זיינע פאָלקאָמענע פאָליטישע און סאָציאַלע שלאַפקייט. ויעען מען האַלט דעם אַנטהיילנעהמען אין אַזוינע פערבינדונגען פאַר אַ מיטעל, דורך וועלכען דער פּראָלעטאַריאַט קען לאַנגזאַם און בּיסלעכווייז אַריינוואַקסען אין דער פּאָליטישער מאַכט.

די געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג פיהרט אָבער ניט נאָר צו דער צושטונג פון די גרויסע געשלאָסענע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען אין אַ סך פערשיעדענע, אָפּט אפילו געגענזעצליכע, פראַקציעס [1]), זי ברייננגט אויך דערצו, אַז די פּאַרלאַמענטאַרישע מעהרהייטען זיינען זעהר אָפט רעאַקציאָנערער און פיינדליכער געגען די אַרבייטער, איידער די רעגירונגען אַליין. חאָטש די רעגירונגען זיינען מעהר ניט ווי משרתים פון די הערשענדע קלאַסען, האָבען זיי דאָך אַ קלאָרערען בעגריף וועגען דעם גאַנצען צוזאַמענהאַנג פון די פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע בעציהונגען, און ווי פּיעל די מלוכה׳שע ביוראָקראַטיע זאָל ניט זיין קיין שטילער געציג, אָהן אַ שום אייגענעם ווילען, אין די הענד פון דער רעגירונג, פאָרט ענטוויקעלט זיך אין איהר אַ אייגענער לעבען מיט אייגענע שטרעבונגען, וועלכע האָבען אַ געוויסע ווירקונג אויף דער רעגירונג. די ביוראָקראַטיע ווערט אָבער רעקרוטירט פון דער אינטעליגענץ, צווישען וועלכער עס

[1]) פראַקציע — אַ טהייל פון אַ פּאַרטיי.

ענטוויקלען זיך — חאָטש שרעקענדיג, אָבער פאָרט — ריכטיגע בעגריפען וועגען דער בעדייטונג פון פראָלעטאַריאַט.

דאָס אַלץ ברייִנגט מיט זיך מיט, אַז די רעגירונגען, ניט קוקענדיג אויף זייער רעאַקציאָנערען און אַרבייטער-פיינדליכען כאַראַקטער, בענעהמען זיך ניט זעלטען אַזוי בלינד-צורייצט, ווי די הערשענדע קלאַסען, וועלכע שטעהען הינטער זיי, מיט זייער קלייינבורזשואַזנעם און בויערליכען עק. די פּאַרלאַמענטען, וועלכע עס זיינען אַמאָל געוועזען אַ מיטעל צו שטופּען די רעגירונגען פאָרווערטס אויף'ן וועג פון פאָרטשריט, ווערען איצט אַלץ מעהר אַ מיטעל צו צושטערען אפילו דעם ביסעל פאָרטשריט, צו וועלכען די רעגירונגען ווערען אַ מאָל געטריבען דורך די בעדינגונגען גופא. אקוראַט אויף אַזוי פיעל, אויף ווי פיעל די קלאַסען, וואָס הערשען היינט דורך'ן פּאַרלאַמענטאַריזמוס, ווערען איבעריג, נאָך מעהר — שעדליך, אויף אַזוי פיעל פערלירט די פּאַרלאַמענטאַרישע מאַשינעריע איהר בעדייטונג.

אויב אָבער די מורא פאַר די מאַסען פון די פּראָלעטאַרישע אויסקלייבער, צווינגט דעם אָדער יענעם פּאַרלאַמענט צו שפּיעלען אין אַרבייטער-פריינדליכקייט און דעמאָקראַטיע און צו געהען אויף דיזען פעלד ווייטער, איידער די רעגירונג, געפינט דאַן די רעגירונג טויזענדער וועגען, ווי אַרומצוגעהען דעם פּאַרלאַמענט.

אין די פּעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ ווערט דער קאַמפּף געגען די פּראָפעסיאָנעלע בונדען געפיהרט ניט אַזוי פון פּאַרלאַמענט, ווי פון די געריכטען (סודען); אַקוראַט אַזוי האָבען זיך איצט אין ענגלאַנד אָנגעהויבען די רדיפות געגען די פּראָפעסיאָנעלע בונדען ניט דורך דער געזעצגעבונג פון דער אונטערסטער הויז [1]), וועלכע איז אָבהענגיג

---

[1]) אין ענגלאַנד בעשטעהט דער פּאַרלאַמענט פון צוויי טהייל'ן, אדער 2 „הייזער": א'ן אַריסטאקראטישע, ניט קיין אויסגעקליבענע — די „אויבערסטע הויז", אדער די „הויז פון די לאָרדען" (פּריצים), און א'ן אויס-

פון די אויסקלייבער, נאָר דורך דעם משפט פון דער אויבערסטער הויז; און אַז דער גייסט פון דעם אַ'ועקגעוואָרפענעם „קאַטאָר־זשנעם געזעטץ" [2]) האָט ווידער אָבגעלעבט אין דייטשע גע־ריכטען (סודען) — דערפון קענען די אַרבייטער ניט איין היס־טאָריע דערצעהלען!

אָט אַזוי ברענט די ליכט פון ביידע זייטען, אי די הער־שענדע פּאַרטייען, אי די רעגירונגען פער'משפט'ען די פּאַרלאַ־מענטען אַלץ מעהר און מעהר, אַז פון זייער גאַנצער טהואַכטס

....

געקליבענע — די „אונטערסטע הויז", אדער די „הויז פון די קהילות". דער אייגענטליכער פארלאמענט איז די „אונטערסטע הויז"; יעדער געזעטץ, וואס ווערט בעשלאסען פון דער אונטערסטער הויז, קען פריהער ניט ווערען א גע־זעטץ, איידער ער קריגט ניט די הסכמה פון אויבערסטען הויז. אויסער דעם שפיעלט נאך די אויבערסטע הויז די ראָלע פון דעם העכסטען בית־דין אין דער מלוכה. דער משפט, וועגען וועלכען קאַוטסקי רעדט דא, איז פאָר געקומען אין 1901 יאהר. א אייזענבאהן-קאָמפּאניע האט אנגעקלאגט דעם יוניאָן (פראָפעסיאנאלען בונד) פון די אייזענבאהן-ארבייטער, מאהנענדיג ביי איהם א גרויסע סומע געלד פאר דעם היזק, וועלכען די קאמפאניע האט געליטען צוליעב א שטרייק פון די אייזענבאהן-ארבייטער. אין ערסטען געריכט האט די קאמפאניע פערשפּיעלט, זי האט דאן אפּעלירט אין דעם אויבערסטען הויז, און די לאָרדען האבען גע'פסקנ'ט, אז דער יוניאָן איז מחויב צו בע־צאהלען דער קאמפאניע דעם היזק. און אזוי ווי די „אויבערסטע הויז" איז דער העכסטער בית-דין, וועלען איצט אלע סודען פ׳ר'משפט'ען די ארבייטער־בונדען. אויף אזא אופן ווערט פאר די ארבייטער-ארגאניזאציאנען נאר אונ־מעגליך ווערען צו פיהרען דעם עקאנאמישען קאמפף. די ענגלישע ארבייטער פיהרען איצט א ענערגישע אגיטאציע געגען דיזען משפט.

דער איבערזעצער.

[1]) מיט א פאָר יאהר צוריק האט די דייטשע רעגירונג פארגעלעגט דעם פארלאמענט א געזעטץ, לויט וועלכען יעדערער, וואס „רייצט אויף" די ארבייטער צו א שטרייק אדער שטערט די שטרייק־ברעכער צו ארבייטען, האט געזאלט פער'משפט ווערען צו קאטארזשנע ארבייט, דיזער „קאטארזשנער" געזעטץ וואלט אין גאנצען פערניכטעט די עקאנאמישע ארגאניזאציאנען פון דייטשען פראלעטאריעט. א דאנק דעם ענערגישען קאַמפף פון דער דייטשער סאציאלדעמאקראטישער פארטיי האט דער פארלאמענט ניט אנגענומען דיזען געזעטץ.

דער איבערזעצער.

זאָל גאָר נישט אַרויסקומען. דער פּאַרלאַמענטאַריזמוס ווערט אַלץ יוענינגער פּעהיג צו פּיהרען אַ וועלכע עס איז ענטשלאָסענע פּאָליטיק. ער ווערט אַלץ פּערעלטערט און שלאַפּער און קען נאָר דאַמאָלסט אָבלעבען און בעקומען נייע יוגענדפרישקייט און פרישע כחות, ווען דער אויפקומענדער פּראָלעטאַריאַט וועט איהם אַרייננעהמען צו זיך אין די הענד צוזאַמען מיט דער גאַנצער מלוכה-מאַכט און וועט איהם בענוטצען צו זיינע צוועקען. דער פּאַרלאַמענטאַריזמוס נישט נאָר וואָס ער מאַכט נישט די רעוואָלוציאָן אונמעגליך אָדער גאָר איבעריג, ער אַליין בעדאַרף די רעוואָלוציאָן כדי ער זאָל ווידער לעבעדיג ווערען.

מען זאָל מיר אָבער נישט שלעכט פערשטעהען און מיינען, אַז איך האַלט די דעמאָקראַטיע פאַר גאָר אַ איבעריגע זאַך, אַז איך מיין, אַז די געגאָסענשאַפטען, די פּראָפעסיאָנעלע בונדען, דער אַריינגאַנג פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע אין די געמיינדע-פערוואַלטונגען און פּאַרלאַמענטען, די דורכפיהרונג אין זיי פון איינצעלנע רעפאָרמען, — אַז אַלץ דאָס איז אַ שמעק טאַבאַק נישט ווערטה, עס הויבט זיך גאָר נישט אָן. גאַנץ פערקעהרט, דאָס אַלצדינג האָט די גרעסטע ווערדע פאַר׳ן פּראָלעטאַריאַט; אָבער אַלס אַ מיטעל אויסצומיידען די רעוואָלוציאָן, ד. ה. די איננעהמונג פון דער פּאָליטישער מאַכט דורך׳ן פּראָלעטאַריאַט האָט דאָס קיין שום בעדייטונג נישט.

די דעמאָקראַטיע האָט דערפאַר שוין די גרעסטע ווערדע, וואָס זי מאַכט מעגליך אַז עס זאָל זיך ענטוויקלען העכערע פאָרמען פון רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף. דיזער קאַמפּף וועט שוין נישט זיין מעהר, ווי אין 1789 אָדער נאָך 1848 יאָהר, אַ קאַמפּף פון נישט-אָרגאַניזירטע מאַסען, וואָס האָבען נישט קיין שום פּאָליטישע בילדונג, קיין שום קלאָרען בעגריף וועגען דעם פערהעלטעניס פון דער קראַפט פון די קעמפּפענדע צדדים, וועגען די אויפגאַבען פון קאַמפּף און וועגען די מיטעל צו פערענטפערען דיזע אויפגאַבען, ער וועט שוין נישט זיין מעהר קיין קאַמפּף פון מאַסען, וואָס לאָזען זיך פיהרען און פערדרעהען די קאָפּ

דורך א ליאדע קלאנג, דורך א ליאדע צופאל. דאס וועט זיין א קאמפף וואס וועט אהן א'ן אויפהער כסדר און מיט גרויסער געלאסענקייט געפיהרט ווערען, א קאמפף פון ארגאניזירטע, ענטוויקילטע מאסען, וועלכע וועלען זיך ניט לאזען פיהרען דורך א ליאדע סבה, וועלען זיך ניט פערנאנדערפלאקערען צוליעב יעדער אונצופריעדענקייט, וועלען אביזר אויך ניט אראבפאלען ביי זיך, ווען זיי וועלען עפעס ניט אויספיהרען.

פון דער אנדער זייט זיינען די קאמפפען ביי די וואהלען א גוטער מיטעל איבערצוציהען זיך און דעם שונא, זיי גיבען דורך דעם א קלארען בעגריף וועגען דעם פערהעלטעניס פון דער קראפט פון די פערשיעדענע קלאסען און פארטייען, וועגען זייער פארטשריט און ריקשריט; זיי האלטען אב אויף אזא אופן פון ניט בעקלערטע טריט און היטען אב פון מפלות; זיי ברייננגען אבער אויך די מעגליכקייט, אז דער געגנער זאל אליין פערשטעהען ווי וועניג ער קען איינהאלטען די אדער יענע שטעלונג און ער זאל דעריבער נאכגעבען מיט'ן גוטען ווילען. אויב די איינהאלטונג פון דיזער שטעלונג איז פאר איהם ניט קיין פראגע פון לעבען און טויט. אט אויף אזא אופן קאסט דער קאמפף אלץ וועניגער קרבנות, ער ווערט וועניגער אכזר'יש, וועניגער אבהענגיג פון הוילען צופאל.

מען דארף אבער אויך ניט צו נידעריג שעטצען די ווערדע פון די פראקטישע רעפארמען, וועלכע מען קען דערגרייכען דורך די דעמאקראטיע און דורך די אנווענדונג פון איהרע פרייהייטען און רעכטען. זיי זיינען צו נישטיג און שוואך, אז זיי זאלען קענען בעגרענעצען די הערשאפט פון קאפיטאליזמוס און ארויסרופען זיין אונבעמערקליכע אריינוואקסונג אין דעם סאציאליזמוס. אבער די קלענסטע רעפארם אדער ארגאניזאציאן קען האבען די גרעסטע בעדייטונג פאר דעם קערפערליכען און גייסטיגען ווידערגעבארען ווערן פון פראלעטאריאט, וועלכער וואלט אהן זיי, זייענדיג איבערגעגעבען אהן א שום שוטץ אין די הענד פון קאפיטאליזמוס, שוין לאנג אויסגעגאנגען אין עלענד, מיט וועלכען

עֶס סטראַשעֶט אִיהם אָהן אַ'ן אויפהעֶר דעֶר קאַפּיטאַליזמוס.
אָבעֶר דיִ טהעֶטיִגקיַיט פון דיִ פּראָלעֶטאַרישעֶ פאָרשטעֶהעֶר אִין דיִ פּאַרלאַמעֶנטעֶן און געֶמיַינדעֶ-פּעֶרוואַלטונגעֶן און פון דיִ פּראָ-לעֶטאַרישעֶ אָרגאַניזאַציאָנעֶן זיַינעֶן נויטיִג ניִט נאָר צו דעֶר אויפ-הויבונג פון פּראָלעֶטאַריאַט פון זיַין עֶלעֶנד, זייִ זיַינעֶן אַלייִן נויטיִג צו דעֶר וואַקסעֶנדעֶר פּראַקטישעֶר געֶניִטקיַיט פון פּראָלעֶטאַריאַט אִין דיִ אויפגאַבעֶן און אִין דיִ מיִטלעֶן פון דעֶר מלוכה'שעֶר און קהלה'שעֶר פּעֶרוואַלטונג און פון דיִ גרויסעֶ וויִרטשאַפטליִכעֶ בעֶ-טריִעבעֶן. מיִט אַנדעֶרעֶ ווערטעֶר, צו דעֶר דעֶרגרייִכונג פון דעֶר גיַיסטיִגעֶר ציַיטיִגקיַיט, וועֶלכעֶ אִיז נויטיִג פאַר'ן פּראָלעֶטאַריאַט, אויב עֶר זאָל יעֶ אַמאָל קעֶנעֶן פעֶרנעֶהמעֶן דעֶם אָרט פון דעֶר בורזשואַזיעֶ אַלס הערשעֶנדעֶר קלאַס.

דיִ דעֶמאָקראַטיעֶ אִיז דעֶריִבעֶר אויסעֶרסט נויטיִג, אַלס אַ מיִטעֶל ציַיטיִג צו מאַכעֶן דעֶם פּראָלעֶטאַריאַט פאַר דעֶר סאָציאַ-לעֶר רעֶוואָלוציאָן. דיִ דעֶמאָקראַטיעֶ אִיז פאַר דעֶם פּראָלעֶטאַריאַט דיִ אֵייגעֶנעֶ זאַך, וואָס לופט און ליִכטיִגקיַיט פאַר דעֶם קעֶרפּעֶר, אָהן איִהר קעֶן עֶר ניִט עֶנטוויִקלעֶן זיַינעֶ כחות; אָבעֶר מעֶן דאַרף צוליִעב דעֶם וואוקס פון אֵיין קלאַס ניִט פעֶרגעֶסיִן דעֶם וואוקס פון זיַין געֶגנעֶר אִין דעֶר אֵייגעֶנעֶר ציַיט. דיִ דעֶמאָקראַטיעֶ שטעֶרט ניִט דיִ עֶנטוויִקלונג פון קאַפּיטאַל; זיַין אָרגאַניזאַציאָן, זיַין עֶקאָ-נאָמיִשעֶ און פּאָליִטיִשעֶ מאַכט וואַקסעֶן אִין אֵיין ציַיט מיִט דעֶר קראַפט פון פּראָלעֶטאַריאַט. עֶס וואַקסעֶן טאַקיִ דיִ קאָנסומעֶנטעֶ-אַיינעֶן, אָבעֶר אִין דעֶר אֵייגעֶנעֶר ציַיט וואַקסט נאָך שטאַרקעֶר דיִ אָנזאַמלונג פון קאַפּיִטאַל; עֶס וואַקסעֶן טאַקיִ דיִ פּראָפעֶסיאָנעֶלעֶ בונדעֶן, אָבעֶר אִין דעֶר אֵייגעֶנעֶר ציַיט וואַקסט נאָך גיִכעֶר דיִ קאָנצעֶנטראַציאָן (צוזאַמעֶנציִהונג אִין אֵיין פּונקט) פון קאַפּיִטאַל און זיַין אָרגאַניזאַציאָן און ריִעזיִגעֶ מאָנאָפּאָלעֶן. עֶס וואַקסט טאַקיִ — ווען מיִר זאָלעֶן נאָך קורץ בעֶריִהרעֶן אַ ביִז אַהעֶר ניִט דעֶר-מאָנטעֶן פּונקט — דיִ סאָציאַליִסטיִשעֶ פּרעֶסעֶ, אָבעֶר אִין דעֶר אֵייגעֶנעֶר ציַיט וואַקסט דיִ ניִט פּאַרטייִאיִשעֶ פּרעֶסעֶ, וואָס האָט קיַין שום כאַראַקטעֶר ניִט, וואָס פעֶרדאַרבט און פעֶר'סם'ט דיִ

ברייטע פאָלקס-קרייזען; עס וואַקסען טאַקי די שכירות, אָבער דער ריווח וואַקסט נאָך גיכער; עס וואַקסט טאַקי די צאָהל פון די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען אין די פּאַרלאַמענטען, אָבער די בעדייטונג און טהעטיגקייט פון דיזע איינריכטונגען געהט אַלץ מעהר באַרג-אַראָב, בעת זייערע מעהרהייטען און די רעגירונגען פאַלען אין דער אייגענער צייט אַלץ מעהר אַריין אין אָבהענגיגקייט פון די גרויסע פינאַנצלייט.

אָט אַזוי ענטוויקלען זיך נעבען די כלי-זין פון פּראָלעטאַריאַט אויך די כלי-זין פון דעם קאַפּיטאַל און דער סוף פון דיזער ענטוויקלונג קען ניט זיין קיין אַנדערער, ווי א גרויסער לעצטער קאַמפּף איין מאָל פאַר אַלע מאָל צווישען זיי ביידען, א קאַמפּף, וואָס קען זיך ניט פריהער ענדיגען, ביז וואַנען דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיך ניט דערשלאָגען צום פאָלקאָמענען נצחון.

וואָרום דער קאַפּיטאַליסטענקלאַס איז געוואָרען איבעריג, דער פּראָלעטאַריאַט איז אָבער, פערקעהרט, געוואָרען דער קלאַס, אָהן וועלכען די געזעלשאַפט קען זיך ניט בעגעהען. דער קאַפּיטאַליסטענקלאַס האָט ניט קיין כח צו פערניכטען אָדער אויסצוואָרצלען דעם פּראָלעטאַריאַט. נאָך יעדען פערשפּילטען קאַמפּף מוז זיך דער פּראָלעטאַריאַט ווידער אויף דאָס ניי אויפהויבען, וואַקסענדיג נאָך א גרעסערע אימה ווי פריהער; פערקעהרט דעם ערסטען גרויסען נצחון איבער דעם קאַפּיטאַל, דעם נצחון, וועלכער וועט איהם איבערגעבען אין די הענד די פּאָליטישע מאַכט־ קען ער גאָר אַנדערס ניט אויסנוטצען, ווי נאָר צו דער פערניכטונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. כל-זמן דאָס איז ניט געשעהען, וועט דער קאַמפּף צווישען דיזע ביידע קלאַסען ניט נעהמען קיין סוף און קען ניט נעהמען קיין סוף. דער סאָציאַלער שלום איז אין דעם היינטיגען קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס-אופן א פּוסטע פאַנטאַזיע, וועלכע שטאַמט פון זעהר בעשטימטע בעדערפניסען פון דער אינטעליגענץ, האָט אָבער אין דער ווירקליכקייט קיין אָנשפּאַרס פּונקט פאַר איהר דורכפיהרונג. און ניט ווייניגער איז אויך א פּוסטער חלום די אונבעמערקליכע אַריינ-

וואַקסונג פון קאַפּיטאַליזמוס אין סאָציאַליזמוס. מיר האָבען ניט קיין שום אורזאַכע אָנצונעהמען, אַז דער קאַפּיטאַליזמוס וועט זיך אַנדערש אויסלאָזען, איידער ווי ער האָט זיך אָנגעהויבען. ניט די עקאָנאָמישע, ניט די פּאָליטישע ענטוויקלונג ווייזען אָן, אַז די עפּאָכע פון די רעוואָלוציאָנען, וועלכע עס כאַראַקטעריזירט דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס-אופן, האָט זיך שוין פער-ענדיגט. סאָציאַלע רעפאָרמען און דער וואוקס פון די פּראָלעטאַ-רישע אָרגאַניזאַציאָנען קענען ניט אָבהאַלטען די רעוואָלוציאָנען, זיי קענען העכסטענס ברייינגען דערצו, אַז דער קלאַסענקאַמפּף געגען דעם קאַפּיטאַל זאָל ביי די העכער ענטוויקעלטע שיכטען פון קעמפּפענדען פּראָלעטאַריאַט איבערגעהען פון אַ קאַמפּף פאַר די נאָהענטסטע בעדינגונגען פון טעגליכען לעבען—אין אַ קאַמפּף פאַר די מאַכט.

---

7. פּאַרמען און כּלי־זין פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן.

וואָס וועלען דאָס אָבער זיין פאַר פאָרמען, אין וועלכע עס וועלען פאָרקומען די לעטצטע קאַמפּפען צווישען די הערשענדע קלאַסען און צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט? ווען דאַרף מען זיי דערוואַרטען? וואָס פאַר אַ כלי-זין וועט דערביי האָבען דער פּראָלעטאַריאַט?

אויף דיזע פראַגען איז שווער צו געבען בעשטימטע תשובות. מיר קענען אפילו ביז צו אַ געוויסען גראַד פון פאָר-אויס דערפאָרשען די ריכטונג פון דער ענטוויקלונג; איהרע פאָרמען און די גיכקייט פון איהר גאַנג אָבער -- ניט. ביי דער אונטערזוכונג פון דער ריכטונג פון דער ענטוויקלונג האָט מען צו טאָהן מיט, לפי־ערך, פשוט'ע געזעטצען; מען קען דאָ זיך ניט רעכענען מיט דער גאַנצער פערפלאָנטערנדער מאַ־סע פון יענע ערשיינונגען, וועלכע מיר קענען ניט דערקענען ווי נויטיגע ערשיינונגען, וואָס זאָלען פאָרקומען לויט אַ געוויסען גע־

זעטץ, וועלכע עס ווייזען אונז דעריבער אויס, ווי צופעליגע זאַכען. פערקעהרט, ביי דער בעשטימונג פון די פאָרמען און פון דער גיכקייט פון גאַנג פון דער בעוועגונג שפּיעלט דיזע מין ערשיינונג אַ גרויסע ראָלע. אַט, צום ביישפּיעל, די ריכטונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג איז אין דעם לעטצטען יאָהרהונדערט אין אַלע היינטיגע קולטור-לענדער געווען די איינענע, אָבער אין יעדען פון דיזע לענדער זיינען די פאָרמען און די גיכקייט פון גאַנג פון דיזער ענטוויקלונג געווען גאַנץ אַנדערע. געאָגראַפּישע בעזונדערהייטען, נאַציאָנאַלער כאַראַקטער, די פריינדשאַפט אָדער שנאה פון די שכנים, די אָבהאַלטונג אָדער די פערגיכערונג פון דער ענטוויקלונג דורך גרויסע מענשען — אַלץ דאָס און נאָך פיעל אַנדערע זאַכען האָבען געהאַט אויף זיי אַ ווירקונג. אַ סך פון דיזע סבות האָט מען פון פאָראויס גאָר ניט געקענט זעהען, אָבער אַפילו שוין די פון זיי, וועלכע מען האָט יע געקענט דערקענען, האָבען אויף אַזוי פיעל מאַסענוויַיז געווירקט איינע אויף די אַנדערע, אַז דער רעזולטאַט איז אַרויסגעקומען גאָר אַ פערפּלאָנטערטער, און איהם פון פאָראויס בעשטימען ביי די בּיזהעריגער מדרגה פון דער וויסענשאַפט, איז געווען גאָר אַ'ן אונמעגליכע זאַך. און אַט אַזוי האָט זיך געטראָפען, אַז אַפילו אַזוינע מענשען ווי מאַרקס און ענגעלס, וועלכע זיינען געשטאַנען פיעל העכער פאַר אַלע אַנדערע, סיי מיט זייער טיעפער און גרויסער ידיעה אין די געזעלשאַפטליכע בעדינגונגען פון אונזערע קולטורנע לענדער, סיי דורך דער איינהייטליכער און פרוכטבאַרער מעטאָדע פון זייער אונטערזוכונג, האָבען זעהר גוט געקענט בעשטימען די ריכטונג פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג אויף פיעלע צעהנדליגער יאָהר פאָראויס און אין אַזאַ אופן, וועלכער איז דערנאָך גלענצענד בעוויזען געוואָרען דורך דעם גאַנג פון די פאַסירונגען, אַז די איינענע פאַרשער האָבען אָפּט געקענט זיך שטאַרק נאַרען אין די גיכקייט פון גאַנג און אין די פאָרמען פון דער ענטוויקלונג פון די קומענדיגע חדשים.

נאָר אײנס, רעכבען איך, קען מען שוין היינט מיט געוויס־
הייט זאָגען וועגען דער קומענדיגער רעוואָלוציאָן: זי וועט גאַנץ
אַנדערש אויסזעהען, איידער אַלע פריהערדיגע רעוואָלוציאָנען.
אײנער פון די גרעסטע פעהלערן, וועלכען עס מאַכען אָפט אי
רעוואָלוציאָנערען אי זייערע געגנער, בעשטעהט אין דעם, וואָס
זיי שטעלען זיך פאָר די קומענדיגע רעוואָלוציאָן נאָך'ן מוסטער
פון די אַמאָליגע, און אַזוי ווי עס איז ניטאָ קיין לייכטערע זאַך,
ווי צו בעווייזען, אַז אַזוינע רעוואָלוציאָנען זיינען שוין מעהר ניט
מעגליך, על־כן מאַכט מען אָפט דעם שלוס, אַז דער בעגריף
וועגען דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן איז שוין איבערהויפּט א פער־
עלטערטער, עס טרעפט זיך דעם ערסטען מאָל אין דער וועלט־
געשיכטע, אַז מיר נעהענטערען זיך צו רעוואָלוציאָנערע קאַמפּפען,
וועלכע וועלען געפיהרט ווערען מיט דער בענוטצונג פון דע־
מאָקראַטישע פאָרמען, דורך אָרגאַניזאַציאָנען, וועלכע זיינען אויס־
געוואַקסען אויף'ן גרונט פון דעמאָקראַטישע פרייהייטען, געגען
אַזוינע מעכטיגע כלי־זין, ווי די וועלט האָט נאָך ניט געזעהען,
פריהער ווי אַלץ געגען די אונטערנעהמער־בונדען, פאַר וועלכע
עס ציטערען אַפילו קיסרים, און וועלכע ווערען נאָך פערשטאַרקט
דורך די פון אַבסאָלוטיזמוס ענטוויקעלטע כלי־זין פון דער היינטי־
גער גרויסער מלוכה, דורך דער ביוראָקראַטיע און דער אַרמעע.

איינע פון די בעזונדערהייטען פון דער היינטיגער לאַגע
בעשטעהט אויך אין דעם, וואָס דעם איינגעשפּאַרטסטען ווידער־
שטאַנד בעגעגענען מיר שוין איצט, ווי מיר האָבען שוין דער־
מאָנט, געוועהנליך ניט פון די רעגירונגען, אונטער דער זעלבסט־
הערשונג, נעגען וועלכער עס פלעגען זיך ווענדען די פריהערע
רעוואָלוציאָנען, זיינען די רעגירונגען געוועזען ריזען־שטאַרק, די
קלאַסען־היפּוכים האָבען זיך ניט געקענט שאַרף ענטוויקלען; די
רעגירונג האָט ניט נאָר די עקספּלואַטירטע, נאָר אויך די
עקספּלואַטירענדע קלאַסען געשטערט פריי צו בעשיטצען זייערע
אינטערעסען. און דעם רעגירונגס צד האָט געהאַלטען נאָר אַ
טהייל פון די עקספּלואַטירענדע קלאַסען; דער אַנדערער, גאָר אַ

הִיבּשׁעֶר טהֵייל פון די עֶקספּלואַטירֶענדעֶ, ספּעֶציעֶל פון די אינ-דוסטריעֶלעֶ קאַפּיטאַליסטעֶן, איז געֶשטאַנעֶן אין לאַגעֶר פון דעֶר אָפּאָזיציעֶ; אין דעֶם אייגעֶנעֶם לאַגעֶר זיינעֶן אויך געֶשטאַנעֶן די אַרבּייטעֶנדעֶ קלאַסעֶן אַלעֶ צוזאַמעֶן, ניט נאָר פּראָלעֶטאַריעֶר, נאָר — אַ חוץ אין איניגעֶ אָבגעֶשטאַנעֶנעֶ געֶגעֶנדעֶן — אויך קליינבּורזשואַ און בּויעֶרן. די רעֶגירונג איז דעֶריבּעֶר געֶשטאַנעֶן איינעֶ אַליין, אָבּגעֶזונדעֶרט פון פאָלק, זי האָט ניט געֶהאַט קיין שום אָנשפּאַרספּונקט אין די בּרייטעֶ פאָלקס-שיכטעֶן און האָט פאָרגעֶשטעֶלט די הויפּט-קראַפט, וועֶלכעֶ עֶס האָט געֶדריקט און בּעֶראַבּעֶיעֶט דעֶם פאָלק. מיט איין דרייסטעֶן און פלוצליכעֶן קלאַפּ האָט זיך אָפּטמאָל געֶקעֶנט אַיינגעֶבּעֶן איהר אַראָבצוּוואַרפעֶן.

אין דעֶר דעֶמאָקראַטיעֶ קעֶנעֶן ניט נאָר די עֶקספּלואַטירטעֶ, נאָר אויך די עֶקספּלואַטירעֶנדעֶ קלאַסעֶן פרייעֶר עֶנטוויקלעֶן זייעֶרעֶ אָרגאַניזאַציאָנעֶן; זיי מוזעֶן דאָס טאָהן, אויב זיי ווילעֶן זיך בּעֶשיטצעֶן פון זייעֶרעֶ געֶגנעֶר. ניט נאָר די קראַפט פון די עֶקספּלו-אַטירעֶנדעֶ קלאַסעֶן איז אין דעֶר דעֶמאָקראַטיעֶ שטאַרקעֶר איידעֶר אונטעֶר דעֶר זעֶלבּסטהעֶרשונג; זיי ווענדעֶן אָן זייעֶרעֶ כּלי זין מיט ווענִיגעֶר רחמנות און אַ סך שאַרפעֶר, איידעֶר די רעֶגי-רונג אַליין, וועֶלכעֶ שטעֶהט איצט שוין מעֶהר ניט איבּעֶר זיי נאָר אונטעֶר זיי.

די רעֶוואָלוציאָנעֶרעֶ שיכטעֶן האָבּעֶן איצט צו טאָהן ניט נאָר מיט דעֶר רעֶגירונג אַליין, נאָר אויך מיט מעֶכטיגעֶ עֶקספּלו-אַטאַטאָרישעֶ אָרגאַניזאַציאָנעֶן. און די רעֶוואָלוציאָנעֶרעֶ שיכטעֶן זיינעֶן היינט שוין ניט מעֶהר, ווי אין די פריהעֶרעֶ רעֶוואָלוציאָנעֶן, פאָרשטעֶהעֶר פון דעֶר ריעזיגעֶר מעֶהרהייט פון פאָלק, געֶגעֶן וועֶלכעֶ עֶס איז געֶשטאַנעֶן ניט מעֶהר ווי אַ קליינעֶר הייפעֶל עֶקספּלואַטאַטאָרעֶן. היינט זיינעֶן זיי דעֶר עקר פאָרשטעֶהעֶר נאָר פון איין קלאַס, פון פּראָלעֶטאַריאַט, געֶגעֶן וועֶלכעֶן עֶס שטעֶהעֶן ניט נאָר די עֶקספּלואַטירעֶנדעֶ קלאַסעֶן אַלעֶ צוזאַמעֶן, נאָר אויך די מעֶהרהייט פון דעֶר קליינבּורזשואַזיעֶ און פון די בּויעֶרן און אַ היבּשעֶר טהייל פון דעֶר אינטעֶליגעֶנץ.

מעהר ניט אַ פּיצעל-חלק פון דער אינטעליגענץ, ווי אויך די קאַרליקע בויערן און יענע קלייִנבורזשואַ, וועלכע זיינען אין דער אמת'ן אַליין שכירות-אַרבייטער, אָדער האָבען אַרבייטער פאַר זייערע קונדען, נאָר זיי פעראייניגען זיך מיט דעם פּראָלעטאַריאַט. אָבער דאָס זיינען אָפּטמאָל גאָר ניט קיין זיכערע רעקרוטען, נאָר מיט גרויס מאַטערניס לעגט זיך דורך צווישען זיי אַלע אַ וועג גראַדע דער כּלי-זין, פון וועלכען דער פּראָלעטאַריאַט שעפּט פריהער ווי אַלץ זיין קראַפט, — די אָרגאַניזאַציאָן.

אויב די לעטצטע רעוואָלוציאָנען זיינען דעריבער געווען אויפשטאַנדען פון די פאָלקסמאַסען געגען דער רעגירונג, דאַרף גיכער די קומענדע רעוואָלוציאָן — אַ חוץ אפשר רוסלאַנד — טראָגען מעהר דעם כאַראַקטער פון אַ קאַמפּף פון איין טהייל פאָלק געגען דעם אַנדערען און אין דערינען, (אָבער מעהר ניט אין דרינען) וועניגער עהנליך זיין צו דעם מוסטער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, און מעהר—צו די רעפאָרמאַציאָנס-קאַמפּפען. איך וואָלט אפשר נאָך געזאָגט, זי וועט וועניגער עהנליך זיין צו אַ פּלוצליכער מרידה געגען דער ממשלה און מעהר—צו אַ בירגער מלחמה. אויב איך וואָלט ניט וויסען, אַז מיט דיזען וואָרט פערבינדט מען געוועהנליך דעם געדאַנק וועגען אמת'ע מלחמות און הריגות. מיר האָבען אָבער קיין שום אורזאַכע ניט אָנצונעהמען, אַז די בעוואַפענטע אויפשטאַנדען מיט באַריקאַדען-קאַמפּפען און נאָך אַזוינע בלוטיגע פּאַסירונגען זאָלען נאָך היינט קענען שפּיעלען אַ הויפּט-ראָלע. פאַר וואָס — דאָס האַלט איך ניט פאַר נויטיג לאַנג צו ערקלערען, שוין צו גענוג איז דאָס בעוויזען געוואָרען, נאָר דורך דעם קען נאָך דער מיליטאַריזמוס צושטערט ווערען, וואָס מען וועט פיהלען, אַז אַפילו אויף'ן חיל אַליין קען מען זיך שוין ניט פערלאָזען, ניט אָבער דורך דעם, וואָס דער אויפגעשטאַנענער פאָלק וועט איהם גובר זיין.

פונקט אַזוי וועניג, ווי מיר ערוואַרטען דעם חורבן פון דער עקסיסטירענדער אָרדנונג פון בעוואַפענטע אויפשטאַנדען,

אַזוי ווײַטיג ערוואַרטען מיר איהם פון אַ געלד-נויט. אויך אין דעם פּרט איז איצט די לאַגע גאָר אַ'ן אַנדערע ווי אין 1789 און 1848 יאָהר. דאַמאָלסט איז דער קאַפּיטאַליזמוס נאָך געווען שוואַך, די אָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַל — ניט בעדייטענד, קאַפּיטאַל איז געווען שווער און זעלטען צו קריגען. דערצו איז נאָך דאַמאָלסט דער קאַפּיטאַל געשטאַנען געגען דער זעלבסטהערשונג צום טהייל אין גאַנצען פיינדליך, צום טהייל וועניגסטענס אָהן צוטרויען. די רעגירונגען זיינען דאָך נאָך ניט געווען אָבהענגיג פון קאַפּיטאַל, ספּעציעל פון אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל, און זיינען אָפט, חאָטש געגען אייגענעם ווילען, געשטאַנען זיין ענטוויקלונג אין וועג. דער גוסס'ער פעאָדאַליזמוס האָט אָבער ביז'ן דעק אויסגעשעפּט אַלע מאַטעריעלע הילפס-קוואַלען, די רעגירונגען האָבען דעריבער פון זייערע אייגענע לענדער געקענט אַרויסקוועטשען אַלץ וועניגער און וועניגער געלד, אַלץ מעהר און מעהר איז זיי געבליבען איין וועג — מאַכען חובות. דאָס האָט געמוזט אָבער ברייִנגען דעם פינאַנציעלען חורבן, דעם באַנקראָט, אָדער נויטען די רעגירונגען נאָכצוגעבען די אויפּקומענדע קלאַסען; ביידע זאַכען — אי דער פינאַנציעלער באַנקראָט, אי די נאָכגעבונג פון די רעגירונגען — האָבען מיט זיך געבראַכט דעם פּאָליטישען חורבן, דעם פּאָליטישען באַנקראָט.

היינט איז גאָר אַ'ן אַנדער מעשה. דער קאַפּיטאַליזמוס פיהרט ניט, ווי דער פעאָדאַליזמוס, צו אַ צו-קנאַפּע פּראָדוקציאָן, ער פיהרט, פערקעהרט, צו אַ איבערפּראָדוקציאָן (אַ צו-גרויסער פּראָדוקציאָן), ער ווערט דערשטיקט אין זיין אייגענע שמאַלץ. עס פעהלט ניט קיין קאַפּיטאַל, עס איז פאַראַן צו פיעל קאַפּיטאַל, וועלכער זוכט אַ שטיקעל עסק, וואָס זאָל איינטראָגען אַ פיינעם ריוח און שרעקט זיך דערביי אויך ניט פאַר אַ ריזיקע. די רעגירונגען זיינען פאָלקאָם אָבהענגיג פון דעם קאַפּיטאַליס-טענקלאַס, ער האָט דעריבער גענוג אורזאַכען זיי צו אונטער-שטיטצען און צו בעשיטצען. דער וואוקס פון די מלוכה'שע חובות קען דאָ נאָר אויף אַזוי פיעל ווערען אַ רעוואָלוציאָנערע

קראַפט, אויף ווי פיעל ער פערגרעסערט דעם וואוקס פון דעם שטייער-לאַסט און פון דער אויפרעגונג פון די אונטערסטע קלאַסען, ער קען אָבער קוים — אויך אין דעם פאַל אֶפשר אַחוץ רוסלאַנד — פיהרען צו אַ דירעקטען פינאַנציעלען באַנקראָט, אָדער האָטש צו אַ'ן ערנסטע געלד-נויט פון די רעגירונגען. מיר דאַרפען די רעוואָלוציאָן אַקוראַט אַזוי ווענין ערוואַרטען פון אַ געלד-נויט, ווי פון אַ בעוואַפענטען אויפשטאַנד.

דער דרוק-און קאַמפף-מיטעל, וועלכער עס געהערט ספּעציעל דעם פּראָלעטאַריאַט, איז די אָרגאַניזירטע אָבשטעלונג פון דער אַרבייט, דער שטרייק. וואָס מעהר עס ענטוויקעלט זיך דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס-אופן און וואָס מעהר עס קאָנצענטרירט זיך דער קאַפּיטאַל, אַלץ ריזיגער ציהען זיך פאַרנאַנדער די ראַהמען פון שטרייק. און וואָס מעהר דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנסאופן שטופּט אַרויס דעם קליינבורזשואַזנעם, אַלץ מעהר אָבהענגיג ווערט די גאַנצע געזעלשאַפט פון דעם ניט-געשטערטען גאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן. אַלץ מעהר ווערט יעדע ערנסטע שטערונג פון דער פּראָדוקציאָן, וואָס ווערט אַרויסגערופען דורך אַ שטרייק פון גרויסע מאַסען, אַ נאַציאָנאַלער אונגליק, אַ פּאָליטישע פאַסירונג. אויף אַ געוויסער מדרגה פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג קומט מען דאַן לייכט צום געדאַנק, אָנצואווענדען דעם שטרייק אויך אַלס אַ פּאָליטישען קאַמפּפמיטעל. אַלס אַזאַ מיטעל איז ער שוין אַרויסגעטרעטען אין פראַנקרייך און אין בעלגיען און שוין דאָ און דאָרט בענוטצט געוואָרען מיט ערפאָלג. נאָך מיין מיינונג וועט ער אין די רעוואָלוציאָנערע קאַמפּפען פון דער צוקונפט שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע.

דאָס איז שוין פון לאַנג מיין מיינונג. שוין אין מיינע אַרטיקלען וועגען דער נייער פּראָגראַמע פון דער פּאַרטיי פון 1891 יאָהר („נייע צייט", 1890/91 יאָהר № 50, 757 ז.) האָב איך אָנגעוויזען אויף דער מעגליכקייט, „אַז גרויסע מאַסאָווע אָב-

שטעלונגען פון דער אַרבײַט קענען בײַ געוויסע בעדינגונגען, ווען עס שטעהט פאַר אַ גרויסע ענטשיידונג, ווען געוואַלטיגע פּאַסירונגען האָבען טיעף פאַרנאַנדערגעוויגט די אַרבײַטערמאַססען, אַרויסרופען פּאָליטישע ווירקינגען".

דערמיט וויל איך זיך נאַטירליך אויף קײן אופן ניט אָננעהמען פאַר דער אידעע פון דעם אַלגעמײנעם שטרײַק אין דעם זינען, ווי דאָס האַלטען די אַנאַרכיסטען און די פראַנצויזישע אַנהענגער פון דער נאָר-פּראָפעסיאָנעלער טהעטיגקײַט פון פּראָלעטאַריאַט. בײַ זײ פערנעהמט דער אַלגעמײנער שטרײַק דעם אָרט פון דער פּאָליטישער, ספּעציעל פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער טהעטיגקײַט פון פּראָלעטאַריאַט און זײ האַלטען איהם פאַר אַ מיטעל מיט אײן קלאַפּ איבערצוקערהען די עקסיסטירענדע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג.

דאָס איז גלאַט אַ נאַרישקײַט, אַן אַלגעמײנער שטרײַק, אויב מען זאָל איהם פערשטעהען אַזוי, אַז אַלע אַרבײַטער פון אַלאַנד זאָלען אויף אײן וואונק מיט אַמאָל וואַרפען די אַרבײַט, פאָרדערט פון פאָראויס אַזאַ מין אַחדות און אַזאַ אָרגאַניזאַציאָן פון די אַרבײַטער, וועלכע עס איז קוים נאָך מעגליך אַמאָל צו דערגרייכען אין דער עקסיסטירענדער אָרדנונג, און וועלכע, אויב מען וואָלט זײ קענען אַמאָל דערגרייכען, וואָלט געווען אַזוי מעכטיג, אַז קײנער וואָלט געגען זײ ניט געקענט בײַשטעהען, און די אַרבײַטער וואָלטען דאַמאָלסט שוין אַוודאי קײן שום אַלגעמײנעם שטרײַק ניט בעדאַרפט. אַזאַ שטרײַק וואָלט אָבער מיט אײן קלאַפּ פערניכטען ניט נאָר די עקסיסטירענדע געזעלשאַפט, ער וואָלט סתם אונמעגליך מאַכען אַ וועלכע עס איז עקסיסטענץ, די עקסיסטענץ פון די אַרבײַטער נאָך גיכער ווי די עקסיסטענץ פון די קאַפּיטאַליסטען, עס וואָלט פון איהם אויף אַזאַ אופן אונפערמײַדליך געמוזט ווערען אַ תל גראַדע אין דעם מאָמענט, ווען ער וואָלט אָנגעהויבען ענטוויקלען זײַן רעוואָלוציאָנערע ווירקונג.

דער שטרײַק וועט אַלס אַ פּאָליטישער קאַמפּפמיטעל קוים

ווען עס איז, זיכער ניט אין דער נאָהענטער צוקונפט, אָנגעהמען די פאָרם פון אַ שטרײַק פון אַלע אַרבײַטער פון אַ לאַנד, ער קען גאָר ניט האָבען די אויפגאַבע צו פערנעהמען דעם אָרט פון די איבעריגע מיטלען פון פּאָליטישען קאַמפּף פון פּראָלעטאַריאַט, ער קען נאָר זײַן אַ צוגאָב צו זיי און זיי פערשטאַרקען. מיר נעהענטערען זיך צו אַזאַ צײַט, ווען מען וועט אַקוראַט אַזוי ווענינ קענען האָבען אַ האָפנונג מנצח צו זײַן די ריעזיגע מאַכט פון די אונטערנעהמער-אָרגאַניזאַציאָנען מיט דער הילף פון הוילען, ניט-פּאָליטישען שטרײַק, ווי מנצח צו זײַן די דריקונג פון דער מלוכה מאַכט, וועלכע איז אָבהענגיג פון די קאַפּיטאַליסטען, מיט הילף פון דער הוילער פּאַרלאַמענטאַרישער טהעטיגקײַט פון די אַרבײַטער-פּאַרטייען. עס וועט אַלץ נויטיגער ווערען, אַז ביידע זאָלען זײַן אַ צוגאָב איינער צו דעם אַנדערען און זאָלען פון זייער געמיינזאַמער טהעטיגקײַט שעפּען נײַע כחות.

אַקוראַט ווי מען מוז זיך לערנען, ווי זיך צו בעגעהען מיט יעדען נײַען כלי-זיין, אַזוי מוז מען זיך פריהער לערנען ווי צו געברויכען דעם פּאָליטישען שטרײַק. ניט נאָר וואָס ער איז ניט קײַן וועלט-רפואה, ווי עס טרומיטערען איהם אויס די אַנאַרכיסטען, ער איז אויך ניט אַזאַ זיכערער מיטעל, וואָס זאָל בײַ אַלע בעדינגונגען האָבען אַ ערפאָלג, ווי דאָס האַלטען איהם די אַנאַרכיסטען. עס איז ניט מײַן אויפגאַבע דאָ צו אונטערזוכען די בעדינגונגען, וועלכע עס זײַנען פון פאָראויס נויטיג, כדי מען זאָל איהם קענען אָנווענדען; איך וויל נאָר, רעכענענדיג זיך מיט די לעצטע פּאַסירונגען אין בעלגיען [1], בעמערקען, אַז דיזע פּאַסירונגען האָבען בעשײַנפּערליך בעוויזען, אויף ווי פיעל ער פאָרדערט זײַן אייגענע מעטאָדע, וועלכען מען

---

[1]) קאַוטסקי מיינט דא דעם אלגעמיינעם שטרייק פון די בעלגישע ארבייטער, וועלכער איז פארגעקומען אין אַפריל 1902 יאהר און מיט וועלכען זיי האבען זיך געוואלט דערשלאגען צו דעם אלגעמיינעם גלייכען וואהלרעכט.
דער איבערזעטצער.

קעֶן ניִט נאָךְ'ן אײגעֶנעֶם װיִלעֶן פעֶראײניִגעֶן מיִט אַנדעֶרעֶ מעֶ-
טאָדעֶס, װיִ למשל מיִט דעֶר מעֶטאָדעֶ פון אַ געֶמײִנזאַמעֶר
טהעֶטיִגקײַט מיִט דיִ ליִבעֶראַלעֶן. איךְ בּיִן ניִט לחלוטין, אונטעֶר
אַלעֶ בּעֶדיִנגונגעֶן, געֶגעֶן אַזאַ געֶמײִנזאַמעֶר טהעֶטיִגקײַט. עֶס
װאָלט געֶשיִעֶן פון אונז אַ נאַריִשקײַט, אויב מיִר װאָלטעֶן ניִט
אויסגעֶנוצט דיִ ניִט-אַחדות און דיִ צובּרעֶקעֶלטקײַט פון אונזעֶרעֶ
שונאים. אָבּעֶר פון דיִ ליִבּעֶראַלעֶן דאַרף מעֶן ניִט עֶרװאַרטעֶן
מעֶהר, אײדעֶר זײ קעֶנעֶן געֶבּעֶן. אויף'ן פּאַרלאַמעֶנטאַריִשעֶן
טהעֶטיִגקײַטספעֶלד קעֶן אָפּטמאָל בּײַ דעֶר דורכפיִהרונג פון
דעֶר אָדעֶר יעֶנעֶר תקנה דעֶר געֶגעֶנזאַטץ צװיִשעֶן זײ און
אַנדעֶרעֶ בּורזשאַזעֶ געֶגנעֶר גרעֶסעֶר זײַן, אײדעֶר דעֶר
געֶגעֶנזאַטץ צװיִשעֶן זײ און אונז. דאָ קעֶן זיִךְ טאַקיִ פּאַסטעֶן
אַ געֶמײִנזאַמעֶ טהעֶטיִגקײַט. אָבּעֶר אַ קאַמפּף, װאָס קומט פאָר
ניִט איִן פּאַרלאַמעֶנט, פאַר אַ פאָרדעֶרונג, װאָס האָט אַ רעֶװאָלו-
ציאָנעֶרעֶ בּעֶדײַטונג, קעֶן ניִט אויסגעֶפיִהרט װעֶרעֶן מיִט דעֶר
היִלף פון דיִ ליִבּעֶראַלעֶן. װעֶלעֶן פּעֶרשטאַרקעֶן בּײַ אַזאַ מין
טהאַט דיִ פּראָלעֶטאַריִשעֶ קרעֶפטעֶן דורךְ אַ בּונד מיִט ליִבּעֶ-
ראַלעֶן, — היִיסט אײנעֶם פון דיִ כּלי-זיין, װעֶלכעֶ מעֶן װעֶנדעֶט
אָן, אָבּשטעֶמפּעֶן מיִט דעֶם אַנדעֶרעֶן. דעֶר פּאָליִטיִשעֶר שטרײַק
איִז אַ רײִן פּראָלעֶטאַריִשעֶר קאַמפּף-מיִטעֶל, װעֶלכעֶן מעֶן קעֶן
אָנװעֶנדעֶן נאָר איִן אַזאַ קאַמפּף, װאו דעֶר פּראָלעֶטאַריאַט
קעֶמפּפט אײנעֶר אַלײן, מיִט װעֶלכעֶן מעֶן דאַרף זיִךְ דעֶריִבּעֶר
פריִהעֶר װיִ אַלץ רעֶכעֶנעֶן בּײַ אַ קאַמפּף געֶגעֶן דעֶר גאַנצעֶר
בּורזשואַזעֶר געֶזעֶלשאַפט. איִן דעֶם זיִנעֶן איִז עֶר אֶפשר דעֶר
רעֶװאָלוציאָנעֶרסטעֶר פון אַלעֶ כּלי-זיין פון פּראָלעֶטאַריאַט.

נעֶבּעֶן איהם קעֶנעֶן זיִךְ עֶנטװיִקלעֶן נאָךְ אַ סך אַנדעֶרעֶ
מיִטלעֶן און מעֶטאָדעֶן פון קאַמפּף, װעֶגעֶן װעֶלכעֶ מיִר קעֶנעֶן
נאָךְ הײַנט ניִט האָבּעֶן דיִ קלעֶנסטעֶ פאָרשטעֶלונג. צװיִשעֶן
דעֶם דעֶרפאָרשעֶן פון דיִ מעֶטאָדעֶן און אָרגאַנעֶן (עברים) און
דעֶם דעֶרפאָרשעֶן פון דעֶר ריִכטונג פון דיִ סאָציאַלעֶ קאַמפּפעֶן
ליִעגט אויךְ, װיִ עֶס איִז בּעֶקאַנט, דעֶר אונטעֶרשיִעֶד, װאָס דיִ

ריכטונג פון די סאָציאַלע קאַמפּפען קען מען פון פּאָראױס טהעאָרעטיש דערפאָרשען, בעת די מעטאָדען און אָרגאַנען װערען פריהער בעשאַפען פון די פּראַקטיקער און ערסט דערנאָך בעטראַכט פון טהעאָרעטיקער, װעלכע אונטערזוכען זייער בעדייטונג פאַר דער װײַטערער ענטװיקלונג. פּראָפּעסיאָנעלע בונדען, שטרײַקען, אַקציענגעזעלשאַפטען, טרעסטען און ז. װ. שטאַמען פון דער פּראַקטיקע, ניט פון דער טהעאָריע. און ניט איין איבעראַשונג קען אונז נאָך פאָרשטעהען אויף דיזען פעלד.

א מיטעל צו פערגיכערען די פּאָליטישע ענטװיקלונג און איבערצוגעבען די פּאָליטישע מאַכט אין די הענד פון פּראָלעטאַריאַט — קען אויך װערען אַ מ ל ח מ ה. די מלחמה האָט זיך שוין אָפט אַרויסגעװיזען פאַר אַ רעװאָלוציאָנערע קראַפט. עס קומען פאָר אין דער געשיכטע אַזוינע לאַגעס, װען פאַר דער װײַטערער ענטװיקלונג פון דער געזעלשאַפט איז נויטיג אַ רעװאָלוציאָן, בעת די רעװאָלוציאָנערע קלאַסען זײַנען אָבער צו שװאַך, אַז זיי זאָלען קענען אַראָבװאַרפען די הערשענדע געװעלטיגער. די נויטװענדיגקײַט פון דער רעװאָלוציאָן דאַרף מען זיך ניט אַזוי פאָרשטעלען, אַז די אויפקומענדע קלאַסען דערגרייכען שטענדיג צו דער נויטיגער קראַפט פונקט אין דעם מאָמענט, װען זיי בעדאַרפען דאָס. אַזוי בעקװעם איז די װעלט ניט איינגעאָרדענט. עס קומען פאָר אַזוינע לאַגעס, װען עס איז לחלוטן נויטיג, אַז איין הערשענדער קלאַס זאָל אָבטרעטען זײַן אָרט אַ צװייטען קלאַס, װען אָבער דיזער הערשענדער קלאַס פערשטעהט װי אײַנצוהאַלטען דעם צװייטען אונטער'ן שטענדיגען יאָך. אויב אָבער אַזאַ לאַגע דויערט צו לאַנג, דאַן געהט אונטער די גאַנצע געזעלשאַפט און עס װערט פון איהר אַ תל. זעהר אָפט אָבער פיהרט אויס די מלחמה אין אַזאַ לאַגע די אויפגאַבע, װעלכע די אויפקומענדע קלאַסען אַליין זײַנען ניט אים שטאַנד בײַצוקומען. זי טהוט דאָס אויף צװיי אופנים. אַ מלחמה קען ניט געפיהרט װערען, ניט אָנשטרענגענדיג אַלע

קרעפטען פון פאָלק. אויב אין דער נאַציאָן עקסיסטירט א טיעפע צושפּאַלטונג, נויט דאַמאָלסט די מלחמה דעם הערשענדען קלאַס נאָכצוגעבען דעם אויפקומענדען קלאַס. איהם צו פּעראינטערע-סירען אין די ענינים, וואָס געהען אן דער גאַנצער געזעלשאַפט, און איהם צו געבען אַזאַ מאַכט, וועלכע ער וואָלט אָהן דער מלחמה גאָר ניט דערגרייכט.

אויב אָבער דער הערשענדער קלאַס איז ניט פעהיג צו ברייינגען אַזאַ קרבן אָדער אויב עס איז שוין צו שפּעט, דאַמאָלסט פיהרט די מלחמה אויסערסט לייכט צו א מפּלה פון אויסענוויינינג, וועלכע ברייינגט מיט זיך דאן די קאַטאַסטראָפע פון אינעווייניג. די מלחמה צושמעטערט די אָרדנונג, וועלכע האַלט די ארמיי פאַר איהר הייפּט-אָנשפּאַרונגספּונקט. צושמעטערענדיג דיזע ארמיי אליין.

אָט אַזוי האָט זיך די מלחמה אַרויסגעוויזען האָטש אַלס אַ'ן אכזר'ישער און פערוויסטענדער מיטעל, אָבער פאָרט אַלס אַ מיטעל פון פאָרטשריט ביי אַזעלכע בעדינגונגען, וועו קיין איין אַנדער מיטעל האָט שוין ניט געקענט העלפען.

למשל דייטשלאַנד. די דייטשע בורזשואזיע איז דורך די אריבערטראָגונג פון דעם עקאָנאָמישען מיטעלפּונקט פון אוראָפּאַ אין די ברעג-לענדער פון אַטלאַנטישען ים און דורך דער דרייסיג-יאָהרעדיגער מלחמה [1]) מיט אַלע איהרע צרות געוועזען צו אָבגעשוואַכט, אַז זי זאָל אַליין קענען אראָב-וואַרפען פון זיך דעם יאָך פון דעם פעאָדאַלען אָבסאָלוטיזמוס.

[1]) די 30 יאהריגע מלחמה האט געדויערט פון 1618 ביז 1648. זי איז פארגעקומען צווישען די פּראָטעסטאַנטישע און קאַטוילישע מלוכות פון דייטשלאנד. אין דיזער מלחמה האבען זיך איינע נאך דער אנדערער אריינגעמישט כמעט אלע אייראפעאישע מלוכות, ווי שוועדען, פראנק-ריך, דענעמארק א. ז. וו. די מלחמה האט עקאנאמיש כמעט אין גאנצען חרוב געמאכט דייטשלאנד. דער האנדעל איז אריבער אין די ברעג-לענדער פון אַטלאַנטישען ים, ווי האָלאַנד א. ז. וו.

דער איבערזעטצער.

זי איז פון איהם פּטור געוואָרען נאָר אַ דאַנק די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות און שפּעטער דורך די מלחמות פון דער ביסמאַרקשער עפּאָכע. ווי עס איז שוין ניט איין מאָל בעוויזען געוואָרען, איז די צואה, וועלכע עס האָט געלאָזען די רעוואָלוציאָן פון 1848 יאָהר, דערהויפּט דורכגעפיהרט געוואָרען דורך די מלחמות פון די געגען רעוואָלוציאָנערע מלוכות.

היינט זיינען מיר אָנגעקומען אין אַ עהנליכע עפּאָכע פון אינעווייניגסטע און אויסעניווייניגסטע מלוכה'שע געגענזאַטצען. ווי אין די 50-גער און 60-גער יאָהרען, ווידער האָט זיך אָנגעזאַמעלט אַ מאַסע ברען-מאַטעריאַלען. אַלץ מורא'דיגער ווערען די פראַגען פון דער אינעווייניגסטער און אויסעניווייניגסטער פּאָליטיק, וועלכע מען דאַרף פערענטפערען; אָבער קיין איינציגער פון די הערשענדע קלאַסען און פּאַרטייען נעהמט זיך ניט אונטער ערנסט צוצוגעהען צו דער פערענטפערונג פון דיזע פראַגען, וואָרום דאָס וואָלט אָהן גרויסע צורודערונגען ניט מעגליך געווען, און דערפאַר ציטערט מען, וואָרום מען קען די ריזיגע קראַפט פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכע קען זיך פאַרנאַנדערלאָזען דורך יעדע גרעסערע צוטרייסלונג.

איך האָב פריהער שוין אָנגעוויזען, ווי דער אינעווייניגסטער פּאָליטישער לעבען פערקריכט אַלץ מעהר אין אַ בלאָטע. און ווי דאָס דריקט זיך שאַרף אויס אין דעם וואַקסענדען אונטערגאַנג פון דעם פּאַרלאַמענטאַריזמוס, אָבער אַקוראַט ווי דער אינעווייניגסטער פּאָליטישער לעבען, פערקריכט אין דער אייגענער צייט אויך די אויסעניווייניגסטע פּאָליטיק פון אייראָפּאַ אַלץ מעהר אין אַ בלאָטע. מען ציטערט פאַר יעדע ענערגישע פּאָליטיק, וועלכע וואָלט געקענט פיהרען צו אַ אינטערנאַציאָנאַלען סכסוך, ניט ווייל מען האַלט די מלחמה מאָראַלייש פאַר אַ'ן עולה, נאָר פּשוט מען האָט שטאַרק מורא פאַר די רעוואָלוציאָן, און אַ מלחמה וואָלט נאָר געווען דער פאָרשפּיעל פון אַ רעוואָלוציאָן. דעריבער בעשטעהט די גאַנצע רעגירונגסקונסט פון אונזערע מנהיגים (רעגירער) אין דעם, אָבצולעגען

אַלע פראַגען סײַ פון דער אִנעװײַנִגסטער , סײַ פון דער אויסען=
װײַנִגסטער פּאָלִיטִיק אויף משיח׳ס צײַטען , אָנצוזאַמלען די מאַסע
פון די נִיט-פּערענטפערטע פראַגען . נאָר צולִיעב דעם עקסִיס=
טִירט נאָך אַ גאַנצע רײַהע פון מלוכה-געבײַדען , װעלכע אַ ענער=
גִישער רעװאָלוציאָנערער דור האָט נאָך מִיט אַ האַלבען
יאָהרהונדערט צורִיק אָבגע׳משפט אויף ברוך , עס עקסִיסטירט
נאָך טערקײַ , עס עקסִיסטִירט נאָך עסטרײַך ; און צולִיעב
דער זעלבער אורזאַכע אִיז אִין גאַנצען פערשװאונדען דער
אִינטערעס פון דער בורזשואַזיע צו דער װִידער-אויפבויאונג פון
אַ אונאַבהענגִיגע פּוילִישע נאַציאָנאַלע מלוכה .

אָבער דִיזע קרִיזִיס װאולקאַנען זײַנען נאָך נִיט אויסגעלאָ=
שען, יעדען טאָג קענען זײ זיך װִידער פאַרנאַנדערפלאַקערען און
אָנהײבען צו שפּײַען מִיט שטראָמען פײַער, אַקוראַט װי דער
מ אָ ן-פּ ע ל ע , אויף׳ן אִינזעל מ אַ ר ט י נ י ק[1]), און אָנצינדען
פערװִיסטענדע מלחמות. די עקאָנאָמִישע ענטװִיקלונג בעשאַפט
אַלײן נײַע קרִיזִיס-װאולקאַנען און קרִיזִיס-אורזאַכען , נײַע פּונקטען
פאַר סכסוכים און סבות פאַר מִילִיטערִישע פערפּלאָנטערונגען ,
מִיט דעם װאָס זי װעקט אויף אִין די הערשענדע קלאַסען
אַ ברענענדִיגען חשק צו דער מאָנאָפּאָלִיזִירונג פון די מערק , צו
דער אַרײַנחאַפּונג פון לענדער װאָס לִיגען איף יענער זײַט ים ,
און שטעלט אויף דעם אָרט פון דעם פרִיעדלִיכען מין דענקען ,
פון דעם אִינדוסטריעלען קאַפּיטאַלִיסט דעם געװאַלטטהעטִיגען מין
דענקען פון פִינאַנץ-מאַן .

די אײנצִיגע ערבות פאַר׳ן שלום לִיעגט אִין דער מורא
פאַר דעם רעװאָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט . מִיר װעלען נאָר
זעהען , װי לאַנג זי (דִיזע ערבות) װעט זיך קענען אײַנהאַלטען
אַנטקעגען דעם װאַקסענדען באַרג פון די סכסוכים-אורזאַכען .

---

[1]) זומער=צײַט 1902 האַט דער װאולקאַן מ אָ ן = פּ ע ל ע , װאו גע-
פִינט זיך אויף׳ן אינזעל מ אַ ר ט י נ י ק , װידער אנגעהױבען
שפּײַען מיט פּײַער און האַט פערװיסט אַ סך שטעדט און אומגעבראַכט
צעהנדליגע טױזענדער מענשען . ד ע ר א י ב ע ר ז ע ט צ ע ר .

עֶס אִיז פאַראַן אַ רֵייהֶע פוּן מלוּכוֹת, וועֶלכֶע האָבּעֶן נאָךְ נִיט וואָס מורא צוּ האָבּעֶן פאַר אַ זעֶלבּסטשטעֶנדִיגעֶן, רעֶוואָלוּציאָנעֶרעֶן פּראָלעֶטאַריאַט, און עֶטלִיכֶע פוּן זֵיי געֶפִינעֶן זִיךְ פאָלשטעֶנדִיג אוּנטעֶר דעֶר הערשאַפט פוּן אַ גנב׳ישעֶ און אַכזר׳ישעֶ באַנדעֶ גרויסעֶ פִינאַנץ-לַייט. דִיזעֶ מלוּכוֹת, וועֶלכֶע זַיינעֶן פרִיהעֶר אִין דעֶר אִינטעֶרנאַציאָנאַלעֶר פּאָלִיטִיק געֶוועֶן אָדעֶר נִיט בּעֶדַייטעֶנד אָדעֶר רודף-שלום׳נִיקעֶס, טרעֶטעֶן אִיצטעֶר אַלץ מעֶהר אַרויס אַלס שטעֶרעֶר פוּן אִינטעֶרנאַציאָנאַלעֶן שלום. דאָס זַיינעֶן פרִיהעֶר ווִי אַלץ דִי פעֶראֵיינִיגטעֶ שטאַאטעֶן פוּן אַמעֶרִיקאַ. דעֶרנאָךְ עֶנגלאַנד און יאַפּאָניעֶ. אִין צעֶטעֶל פוּן דִי שטעֶרעֶר פוּן אִינטעֶרנאַציאָנאַלעֶן שלום אִיז רוּסלאַנד פרִיהעֶר געֶשטאַנעֶן אִין דעֶר עֶרסטעֶר שורה; זַיין העֶלדִישעֶר פּראָלעֶטאַריאַט האָט אִיהם אִיצט פוּן דאָרטעֶן אַראָבּגעֶוואָרפעֶן. אָבּעֶר אַקוּראַט ווִי דִי גאוה פוּן אַ הפקר-רעֶגִירוּנג, וואָס פִיהלט בַּיי זִיךְ אִינעֶווִיינִיג אִין דעֶר מלוכה קַיין שום אָבּהאַלט נִיט און דאַרף נִיט מורא האָבּעֶן פאַר קַיין שום רעֶוואָלוּציאָנעֶרעֶן קלאַס, וואָס זאָל אִיהר וועֶלעֶן חאַפּעֶן פאַר׳ן גאָרגעֶל, אַזוֹי קעֶן אויךְ דִי פעֶרצווייפלוּנג פוּן אַ רעֶגִירוּנג, וואָס ווערט אָן דעֶם פעֶסטעֶן גרוּנט אוּנטעֶר דִי פִיס, אָנצִינדעֶן אַ מלחמה ווִי דאָס האָט זִיךְ שוֹין געֶטראָפעֶן אִין 1870 יאָהר מִיט נאַפּאָלעֶאָן דעֶם 3-טעֶן און ווִי עֶס אִיז פאָרגעֶקוּמעֶן עֶרשט אִין רוּסלאַנד. אָט פוּן דִיזעֶ מלוּכוֹת און פוּן אִיהרעֶ געֶגעֶנזאַטצעֶן און נִיט פוּן דִי געֶגעֶנזאַטצעֶן צווִישעֶן למשל דַייטשלאַנד און פראַנקרַייךְ, אָדעֶר צווִישעֶן עֶסטרַייךְ און אִיטאַליעֶ, קוּמט אַרויס דִי גרעֶסטעֶ סכנה פאַר דעֶם וועֶלט-שלום. מִיר מוּזעֶן זִיךְ רעֶכעֶנעֶן מִיט דעֶר מעֶגלִיכקַייט פוּן אַ מלחמה אִין דעֶר נִיט גאַנץ ווַייטעֶר צוּקוּנפט, און צוּזאַמעֶן מִיט דעֶם—אויךְ מִיט דעֶר מעֶגלִיכקַייט פוּן פּאָלִיטִישעֶ צוּרוּדעֶרוּנגעֶן, וועֶלכֶע וועֶלעֶן זִיךְ אָדעֶר דִירעֶקט עֶנדִיגעֶן מִיט פּראָלעֶטאַרִישעֶ אויפשטאַנדעֶן, אָדעֶר וועֶלעֶן ווענִיגסטעֶנס אויפעֶפעֶנעֶן אַ וועֶג פאַר אַזעֶלכֶע אויפשטאַנדעֶן.

מעֶ דאַרף מִיךְ נִיט שלעֶכט פעֶרשטעֶהן. אִיךְ זאָג דאָ נִיט

קיין שום נביאות, נאָך ווענינער זאָג איך דאָ אַרויס מיינע פֿער־לאַנגען, איך אונטערזוך נאָר. איך אונטערזוך, וואָס עס קען קומען, איך ערקלער ניט, וואָס עס וועט קומען, און אויף קיין אופן פֿאָרדער איך ניט, וואָס עס זאָל קומען. ווען איך רעד דאָ וועגען דער מלחמה אַלס אַ מיטעל פֿאַר דער רעוואָלוציאָן, הייסט דאָס ניט, אַז איך פֿערלאַנג אַ מלחמה. די שרעקעניסען פֿון די מלחמות זיינען אַזוי מורא׳דיג, אַז נאָר מיליטערישע פֿאַנאַטיקער קענען זיך נאָך היינט מאַכען אַ שטיינערנע האַרץ, קאַלטבלוטיג צו פֿערלאַנגען מלחמות. אָבער אפילו אין דעם פֿאַל, ווען די רעוואָלוציאָן וואָלט געווען ניט אַ מיטעל צום צוועק, נאָר דער לעצטער צוועק אַליין, פֿאַר וועלכען עס וואָלט ניט געווען צו טהייער קיין שום קרבן, אפילו דער בלוטיגסטער, אפילו אין דעם פֿאַל וואָלט מען אויך ניט געקענט פֿערלאַנגען די מלחמה אַלס אַ מיטעל פֿאַרנאַנדערצושמידען די רעוואָלוציאָן, וואָרום זי איז דער כּפּרות׳דיגסטער מיטעל צו אַזאַ ציעל. זי ברייננט מיט זיך אַזאַ שרעקליכען חורבן, זי שטעלט דער מלוכה אַזעלכע מורא׳דיגע פֿאָדערונגען, אַז אויף דער רעוואָלוציאָן, וועלכע עס וואַקסט פֿון איהר אַרויס, פֿאַלט אַ אַייזענשווערע משא פֿון אויפֿגאַבען, וועלכע עס געהערען איהר גאָר אייגענט־ליך ניט אָן און וועלכע עס נעהמען ביי איהר צו אויף אַ צייט כמעט אַלע איהרע מיטלען און כּחות. דערצו נאָך איז אַ רעוואָ־לוציאָן, וואָס וואַקסט אַרויס פֿון אַ מלחמה, אַ סימן פֿון שוואַכקייט פֿון דעם רעוואָלוציאָנערען קלאַס, און אָפֿט אַ סבּה פֿון זיין ווייטערער אָבשוואַכונג סיי דורך די קרבּנות, וואָס די מלחמה טראָגט אַוועק, סיי דורך דער מאָראַלישער און גייסטיגער פֿער־דאַרבונג, וועלכע זי רופֿט ראָס רוב אַרויס. דער סך־הכל איז — אַ מורא׳דיגע פֿערמעהרונג פֿון די אויפֿגאַבען פֿון דער רעוואָלוּ־ציאָנערער רעגירונג און אין דער אייגענער צייט — די אָבשוואַ־כונג פֿון איהרע כּחות. דעריבער גיבען זיך ווענינער איין רעוואָ־לוציאָנען, וואָס וואַקסען אַרויס פֿון אַ מלחמה, אָדער זיי ווערען זעהר גיך אָן זייער בעוועגענדע קראַפֿט. וואָס פֿאַר אַ גרויסער

אונטערשיעד איז פאַראַן צווישען דער ווירקונג פון דער בורזשו-
אַזנער רעוואָלוציאָן אין פראַנקרייך, וואו די רעוואָלוציאָן איז
אַרויסגעוואַקסען פון אַ פאָלקס-אויפשטאַנד, און צווישען דער וויר-
קונג פון דער רעוואָלוציאָן אין דייטשלאַנד, וואוהין די רע-
וואָלוציאָן איז פערטראָגען געוואָרען דורך אַ רייהע פון מלחמות!
און די פראָלעטאַרישע זאַך וואָלט אַ סך מעהר געווינען פון דעם
אויפשטאַנד פון פאַריזער פראָלעטאַריאַט; ווען ניט די מלחמה
פון 1870-71 יאָהר וואָלט דעם פראָלעטאַריאַט געווינט אָנצו-
הייבען דעם אויפשטאַנד, נאָר דער אויפשטאַנד וואָלט פאָרגע-
קומען ערסט שפּעטער, בשעת די פאַריזער וואָלטען אָנגע-
קליבען גענוג כחות, אַז זיי זאָלען קענען אַרויסטרייבען לואי-
נאַפּאָלעאָן מיט זיין באַנדע אויך אָהן אַ שום מלחמה.

מיר האָבען דעריבער קיין שום אורזאַכע ניט צו פער-
לאַנגען אַ קונסטליכע פערגיכערונג פון אונזער פאָרווערטס-גאַנג
דורך אַ מלחמה.

אָבער עס ווענדט זיך ניט אָן אונזערע פערלאַנגען. געוויס
מאַכען די מענשען אַליין זייער היסטאָריע, אָבער זיי קלייבען
ניט אויס נאָך זייער אייגענעם ווילען די פראַגען, וועלכע זיי
דאַרפען פערענטפערען, זיי קלייבען ניט אויס די בעדינגונגען,
ביי וועלכע זיי לעבען, זיי קלייבען ניט אויס די מיטלען, מיט
וועלכע זיי דאַרפען פערענטפערען דיזע פראַגען. ווען עס וואָלט
זיך געווענדט אָן אונזערע פערלאַנגען — ווער פון אונז וואָלט
בעסער ניט אויסגעקליבען דעם פריעדליכען וועג אָנשטאָט דעם
געוואַלטזאַמען, פאַר וועלכען עס פאַסטען אפשר גאָר ניט אונזערע
פערזענליכע כחות, וועלכער עס וועט אפשר אונז אַליין איינ-
שלינגען. אָבער אונזער אויפגאַבע בעשטעהט ניט אין דעם,
אַרויסצוזאָגען פרומע פערלאַנגען און צו פאָרדערען דערנאָך פון
דער וועלט, אַז זי זאָל זיי פאָלגען. אונזער אויפגאַבע בעשטעהט
אין דער דערפאָרשונג פון די געשטעלטע אויפגאַבען, פון
די עקסיסטירענדע בעדינגונגען און מיטלען, כדי מיר זאָלען

קענען בענוטצען דיזע מיטלען צו דער פערענטפערונג פון די אויפגאַבען.

דערפאָרשען דאָס, וואָס עקסיסטירט — אָט דאָס איז דער יסוד פון אַ רעכטער פּאָליטיק. אויב איך בין איבערצייגט, אַז מיר נעהענטערען זיך צו אַ רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע, וועגען וועלכער מען קען אַפילו ניט בעשטימט זאָגען. ווען זי וועט זיך אָנהויבען, בין איך צו מיין איבערצייגונג געקומען דורך די אונטערזוכונג פון די ווירקליכע בעדינגונגען, ניט דורך מיינע פערלאַנגען. איך וואָלט אַליין געוואָלט, אַז איך זאָל האָבען אַ טעות, אַז גערעכט זאָלען זיין די, וועלכע מיינען, אַז מיר זיינען שוין איבערגעקומען די גרעסטע שוועריגקייטען פון דער איבערגאַנגסצייט פון קאַפּיטאַליזמוס צום סאָציאַליזמוס, אַז מיר האָבען שוין דערגרייכט אַלע נויטיגע יסודות פאַר אַ פריעדליכען פאָרטשריט צום סאָציאַליזמוס. ליידער, געפין איך אָבער קיין שום מעגליכקייט ניט מסכים צו זיין צו דיזער מיינונג. דער גרעסטער און שווערסטער בארג, דער קאַמפּף פאַר דער פּאָליטישער מאַכט, שטעהט אונז נאָך פאָר, און נאָך אַ לאַנגען און אייגענשפּאַרטען ראַנגלען וועט ער געענדיגט ווערען, אַ ראַנגלען, ביי וועלכען מיר וועלען מוזען געוואַלטיג אָנשטרענגען אַלע אונזערע כחות.

מען קען דעם פּראָלעטאַריאַט גאָר ניט אָנטהאָן קיין ערגערען בייז, ווי ווען מען ראַטה איהם, ער זאָל שוין איצט אַוועקוואַרפען זיינע כלי-זיין, כדי צו פערגרינגערען די כלומר'שדיגע גרייטקייט פון דער בורזשואַזיע נאָכצוגעבען. ביי דער איצטיגער לאַגע הייסט דאָס — איבערגעבען דעם פּראָלעטאַריאַט אין די הענד פון דער בורזשואַזיע, הייסט איהם אַריינברינגען אין אַ גייסטיגע פּאָליטישע אָבהענגיגקייט פון איהר, איהם אָבשוואַכען, איהם פערדאַרבען, איהם מאַכען אונפעהיג צו ערפילען זיינע גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבען.

אַז דאָס איז ניט קיין גוזמות, קיין איבערטרייבונג — דאָס בעווייזען די ענגלישע אַרבייטער. דער פּראָלעטאַריאַט איז אין

עֶרגֶעץ נִיט גרעֶסֶער, זֵיינֶע עֶקאָנאָמִישֶׁע אָרגאַנִיזאַציאָנֶען זֵיינֶען אִין עֶרגֶעץ נִיט בֶּעסֶער עֶנטווִיקעֶלט, עֶר האָט אִין עֶרגֶעץ נִיט קֵיין גרעֶסֶערֶע פּאָלִיטִישֶׁע פרֵייהֵייט ווִי אִין עֶ נ ג ל אַ נ ד, און עֶס אִיז נִיטאָ קֵיין לאַנד, וואו דעֶר פּראָלֶעטאַריאַט זאָל פּאָלִיטִישׁ זֵיין שלאַפּעֶר, ווִי דאָ. נִיט נאָר וואָס עֶר האָט אָנגֶעוואָרעֶן דִי קלעֶנסטֶע בִּיסעֶל זעֶלבּסטשטעֶנדִיגקֵייט אִין דעֶר מלוכה-פּאָלִיטִיק, עֶר קעֶן אפילו מעֶהר נִיט בּעֶשִׁיטצֶען זֵיינֶע נאָהעֶנטסטעֶ אִינטעֶרעֶסעֶן.

אויך דאָ מעֶגעֶן ווִידעֶר זֵיין עדות דִי שוין עֶטלִיכֶע מאָל דעֶרמאָנטֶע וועֶבּ׳ס, וועֶלכֶע מעֶן קעֶן געֶווִיס נִיט חושד זֵיין אִין רעֶוואָלוציאָנִיזמוס. „אִין דעֶם משך פון עֶקאָנאָמִישֶׁער אויפבּלִיהונג פון דִי לעֶטצטֶע צעֶהן יאָהר“, שטעֶהט אִין דעֶם שוין פרִיהֶער דעֶרמאָנטֶען אַרטִיקעֶל: „האָבּעֶן דִי עֶנגלִישֶׁע אַרבֵּייטֶער בִּיסלעֶכּווייַז אויפגעֶהעֶרט צו נעֶהמעֶן אַ׳ן אַנטהֵייל אִין דעֶר „אַרבֵּייטֶער פּאָלִיטִיק“. דעֶר 8=שעה׳דִיגעֶר אַרבֵּייטסטאָג און דעֶר אויפבּויעֶנ-דעֶר סאָציאַלִיזמוס נאָך דעֶם מוסטעֶר פון דִי פ אַ בּ ִי עֶ ר [1]) — דִיזעֶ פראַגעֶן, מִיט וועֶלכֶע דִי פּראָפּעֶסיאָנעֶלעֶ בּונדעֶן האָבּעֶן זִיך אַזוי פלֵייסִיג בּעֶשעֶפטִיגט אִין דעֶם משך פון 90—1893, האָבּעֶן בִּיסלעֶכוויַיז אויפגעֶהעֶרט צו פעֶרנעֶהמעֶן זֵייעֶרעֶ געֶדאַנקעֶן.

---

[1]) פאַביער — בילדען א׳ן ענגלישע געזעלשאפט פון געלעהרטע און שריפטשטעלער, וועלכע שטעהען נאָהענט צום סאציאליזמוס. נאך זייער מיינונג וועט דער סאציאליזמוס ניט איינגעפיהרט ווערען דורך א גרויסע איבערקעהרענים, דורך א סאציאלע רעוואלוציאן, נאר ער ווארצעלט זיך ב י ס ל ע כ ו ו י י ז איין אין דער געזעלשאפט מיט הילף פון די סאציאלע רע=פארמען. דעריבער פיהרען זיי א פּראָפּאַגאנדע אין דער ענגלישער געזעל=שאפט פאר די נויטוועגדיגקייט פון אזוינע רעפארמען. זייער נאמען „פאביער“ האבען זיי גענומען ביים בעקאנטען אלט-רוימישען חיל=אנפיהרער פ אַ ב י ו ס, וועלכער האט געהאלטען פאר דער בעסטער טאקטיק — וואס פאמעליכער צו פיהרען די מלחמה, אויסמיידענדיג גרויסע שלאכטען. מען האט איהם דערי=בער געגעבען א צונעמענעם: פאַביוס דער מארודניק.

ד ע ר א י ב ע ר ז ע ט צ ע ר.

צאָהל פון די פאָרשטעהער פון די אַרבײַטער איז אין אונטער־סטען הויז ניט געוואַקסען".

אַפילו די נײַעסטע בײַטשען־קלעפּ פון זײערע שונאים זײַנען ניט אים שטאַנד אויפצוּוועקען ע נ ג ל אַ נ ד'ס פּראָלעטאַריער. זײ בלײַבען שטום, ווען מען פערגוואַלטעוועט זײערע פראָפעסיאָנעלע בונדען, שטום, ווען מען פערטהײַערט זײער ברויט [1]) אַלס פּאָ־ליטישע קראַפט שטעהען הײַנט די ענגלישע אַרבײַטער נידערי־גער פאַר די אַרבײַטער פון דער עקאָנאָמיש אָבגעשטאַנסטער, פּאָליטיש אונפרײַעסטער מלוכה: ר ו ס ס ל אַ נ ד. דאָס, וואָס עס גיט די רוססלענדישע אַרבײַטער זײער גרויסע פראַקטישע קראַפט, איז זײער לעבעדיגער רעוואָלוציאָנערער בעוואוסטזײַן; דאָס, וואָס עס מאַכט די ענגלישע אַרבײַטער פאַר אַ נול אין דער ווירקלי־כער פּאָליטיק, איז זײער אָבזאָגען זיך פון דער רעוואָלוציאָן, זײער בענוגענען זיך מיט די אינטערעסען פון דער מינוט, זײער, ווי מען רופט איהר, „פּראַקטישע" פּאָליטיק.

צוזאַמען אָבער מיט דעם אָניוערן פון דער פּאָליטישער קראַפט קומט נאָך ביי דיזער „פּראַקטישער" פּאָליטיק דער מאָ־ראַלישער און גײַסטיגער אונטערגאַנג.

אויבען האָב איך גערעדט וועגען דעם מאָראַלישען אויף־דאָס־ניי געבאָרען־ווערען פון די פּראָלעטאַריער, וועלכע זײַנען פון באַרבאַרען פון דער הײַנטיגער געזעלשאַפט געוואָרען די בע־דײַטענסטע קראַפט. וואָס האַלט אויף און פיהרט ווײַטער אונזער קולטור. אָבער אַזוי הויך האָבען זײ זיך נאָר דאָרטען אויפגעהוי־בען, וואו זײ זײַנען געבליבען שטעהן אין שאַרפסטען געגענזאַטץ צו דער בורזשואַזיע; וואו די שטרעבונג צו דער פּאָליטישער מאַכט האָט אין זײ לעבעדיג אויפגעהאַלטען דעם בעוואוסטזײַן,

---

[1]) אין דער צייט פון דער ענגלישער מלחמה מיט די בורען האט די רעגירונג אין ע נ ג ל א נ ד איינגעפיהרט אבצאהלונגען אויף ברויט און נאך עטליכע נויטיגסטע פראדוקטען. די אבצאהלונגען זיינען נאך ביז איצט ניט אבגעשאפט געווארען. ד ע ר א י ב ע ר ז ע ט צ ע ר.

אַז זיי איז בעשערט אויפצוהויבען צוזאַמען מיט זיך די גאַנצע געזעלשאַפט אויף אַ העכערע מדרגה. אויך אין דערינען ווייזט אונז ווידער ענגלאַנד, וואוהין אַ'ן אַרבייטערקלאַס קען פער- קריכען. ווען ער זאָגט זיך אָב פון דער רעוואָלוציאָן און פיהרט נאָר אַ „פראַקטישע״ פּאָליטיק, ווען ער לאַכט זיך אויס פון זיינע אידעאַלען און פערוואַרפט זיי אויף'ן פּאָליצע און ענטלויפט פאַר יעדער מיטעל, וועלכען מען קען ניט אויסרעכענען אין רובל און קאָפּיקעס. פון בורזשואַזנע מיילער אַליין הערט מען זיך קלאָגען אויף דעם מאָראַלישען און גייסטיגען אונטערגאַנג פון דעם בע- סטען טהייל פון די ענגלישע אַרבייטער, וועלכע שלעפּען זיך געטריי נאָך דער בורזשואַזיע אין איהר אונטערגאַנג און זיינען היינט כמעט שוין ניט מעהר ווי קליין-בורזשואַ, וועלכע אונטערשיידען זיך פון די איבעריגע בורזשואַ נאָר דורך אַ ביסעל אַ גרעסערע פערגרעבטקייט און ביי וועלכע דער העכסטער אידעאַל איז נאָכצוטהאָן זייערע הערען; נאָכצומאַכען זייער צבוע'יאַקישע אָנגעזועהענקייט, זייער דרך-ארץ פאַר דער רייכקייט, פון וואַנען זי זאָל זיך ניט נעהמען, זייער פערגרעבטען אופן צו פטר'ען די פרייע צייט. די בעפרייאונג פון זייער קלאַס ווייזט זיי אויס ווי אַ פוסטער חלום, דערפאַר אָבער זיינען פאַר זיי פוס-פּילקע, באָקסען זיך (ראַנגלען), פערד-יאָגענעסען, וועטען — אַזוינע ענינים, וואָס רעגען זיי אויף אויף'ן שטאַרקסטען אופן, וואָס נעהמען ביי זיי צו זייער גאַנצע פרייע צייט, זייער גייסטיגע קראַפט, זייערע מאַטעריעלע מיטלען.

אומזיסט בעמיהט מען זיך איינצופלאַנצען אין די ענגלישע אַרבייטער העכערע מיינונגען וועגען לעבען און אַ געפיהל פאַר עדעלערע שטרעבונגען דורך מאָראַלישע דרשות. די מאָראַל פון פּראָלעטאַריאַט וואַקסט אַרויס פון זיין רעוואָלוציאָנערען שטרע- בען, דורך דיזען שטרעבען ווערט ער געשטאַרקט און פערעדעלט. די אידעע, וואָס האָט אַרויסגערופען יענע וואונדערליכע אויפ- הויבונג פון פּראָלעטאַריאַט פון זיין טיעפסטע ערנידערונג, וועל- כע עס בילדעט דעם גרויסאַרטיגסטען סך-הכל פון דער צווייטער

העֶלפט פון נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט, דיזע אידעע—די אידעע פון דער רעוואָלוציאָן.

אָט אָן דיזען רעוואָלוציאָנערען אידעאַליזמוס לאָמיר זיך פריהער ווי אַלץ פעסט האַלטען, דאַן מעג קומען, וואָס עס וויל זיך, מיר וועלען דאָס שווערסטע טראָגען, וועלען דאָס העכסטע אויספיהרען און וועלען ראָוי זײַן צו די גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבען, וועלכע עס וואַרטען אויף אונז.

עס דרוקט זיך:

ק. מארקס און פר. ענגעלס. דער מאַניפֿעסט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

ד. פינסקי. אין משוגעים־הויז (מאָנאָלאָג).

ק. קאוטסקי. קלאַסען אינטערעסען.

מ. טערמאַן. רעליגיאָן און קלאַסען־געגענזאַטצע.

א. טהון. די געשיכטע פֿון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין רוסלאַנד

נעמאינסקי. די פּאַריזער קאָמונע פֿון 1871 יאָהר.

א. בעבעל. די פֿרוי און דער סאָציאַליזמוס.

פרץ הירשביין. וויטע און נאָהענטע. בילדער אין פֿיער אַקטען.

נ. ריאזאנאוו. דער 19 פֿעברואַר.

האפמאן. די פּראָסטיטוציע און דאָס פֿרויען־האַנדעל.

* * * די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג אין ענגלאַנד.

א. הא. די סאָציאַליסטישע פֿראַקציאָן אין דעם ציוניזמוס.

בעמערקונג: די, וואָס שרייבען אוים מער ווי אויף 2 רובל, צאָהלען ניט פֿאַר׳ן איבערשיקען.

די אַדרעססע:

Вильна, книгоиздательство „ДИ ВЕЛТЪ“

פערלאַג „די וועלט“

עס זיינען אַרויס פֿון דרוק:

	קאָפּ.	[illegible]	[illegible]	[illegible]	[illegible]
ד. פינסקי. „היינטיגע יונגע לייט (מאָנאָלאָג).	1	1	1/2	4	5
ד. פינסקי. ערב יום כפור } פרייז ה. ד. נאָמבערג. מען וועקט }	2	2	1	8	10
ד. פינסקי. די פֿאַמיליע צבי	12	12	6	48	60
מ. דיקשטיין. פֿון וואָס איינער לעבט.	5	5	2 1/2	20	25
מ. שיפּפּעל. די עקאָנאָמישע איבערקע־רעישען און די ענטוויקלונג פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע	5	5	2 1/2	20	25
לעווין. אין אַ פֿינסטערע נאַכט (ערצעהלונג	2	2	1	8	10
פּ. יושקעוויטש. וועגען וואַהלרעכט	7	7	3 1/2	28	35
* * * דער קלייינבירגערליכער סאָציאַליזמוס אויפ׳ן יודישען באָדען	4	4	2	16	20
* * * ערצעהלונגען אוים דער געשיכטע פֿון דער ערשטער פראַנצויזישער רעוואָלוציע	6	6	3	24	30
ק. קאַוטסקי. דאָס ערפֿורטער פּראָגראַם אויך אין 6 העפֿטען, יעדעס העפֿט 5 ק. (מיט פּאָרטאָ 40 ק.)	30	30	15	120	150
בעללאַמי. אין הונדערט יאָהר אַרום (מיט פּאָרטאָ 33 ק.)	25	25	12 1/2	100	125
פּ. לאַססאַל. רעכט און מאַכט (דער עיקר פֿון אַ קאָנסטיטוציע)	6	6	3	24	30
פּ. לאַססאַל. די אַרבייטער און די געזעלשאַפֿטליכע קלאַסען (דאָס אַרבייטער פּראָגראַם)	8	8	4	32	32
פּאָל עזי. צדקה (ערצעהלונג)	2	2	1	8	10
ק. קאַוטסקי. קאָנסום פֿעראיינען	6	6	3	24	30
* * פֿרידריך ענגעלס (לעבענס בעשרייבונג)	10	10	5	40	50
ק. קאַוטסקי. די סאָציאַלע רעפֿאָרמען און די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן	15	15	7 1/2	60	75
* * * צו דער געשיכטע פֿון דער בעלגישער אַרבייטער־בעוועגונג	10	10	5	40	50
פּאַול לאַפֿאַרג. רעליגיאָן פֿון קאַפּיטאַל	„	„	„	„	„
„ „ פֿערזענליכע ערינערונגען.	—	—	—	—	—
אַרנו. די קרבנות פֿון דער קאָמונה	3	3	1 1/2	12	15
* * * אַ מעשה פֿון פֿיער ברידער	10	10	5	40	50

פערלאג „די וועלט".

מ. שיפפעל.

די עקאנאמישע איבערקעהרענישען
און די ענטוויקלונג פון דער
סאציאל־דעמאקראטיע.

פרייז 5 קאפ.

Экономическій переворотъ
и развитіе Соціалъ Демократіи.

М. Шиппель.

Вильна, Типографія И. I. Пирожникова, Завальная улица № 1147.

1906

Дозволено цензурою. Вильна, 1 февраля 1906 г.

פערלאג
„ארבייטער שטימע“.

מ. שיפפעל.

די עקאנאמישע איבערקעהרענישען און די ענטוויקלונג פון דער סאציאל־דעמאקראטיע.

М. Шиппель.

Экономическій переворотъ и развитіе Соціалъ-Демократіи.

ס"ט פעטערבורג.
בוכדרוקעריי פאן יוסף לוריא עט קאמפ., גאראחאוואיא 48.
ה'תרס"ו.

די עקאנאמישע איבערקעהרענישען

און די ענטוויקלונג פון דער

סאציאלדעמאקראטיע.

I.

אונזער צײַט פון שטענדיגע רעוואָלוציעס, איבערהויפּט פון אונמערקבאַרע רעוואָלוציעס אין דער טעכניק, איז אויך אַ׳ן עפּאָכע פון שנעלע און ביז איצט ניט געהערטע אײגענטהום-איבערקעהרענישען, וועלכע צוטיילען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער די געזעלשאַפט אויף אַ מאַסע אונפערמעגענדע, וואָס וואַקסט פון מינוט צו מינוט און וואָס האָט אַלס אײגענטהום ניט מעהר ווי איהר אַרבײַטס-קראַפט, — און אויף אַ קלײנע הײַפעלע פערמעגענדע, וועלכע ווערען די אײנציגע בעלי-בתים איבער אַלע פּראָדוקציאָנס-מיטלען.

פערמעגען און אַרבײַט! עס איז גאָר ניט אַזוי ווײַט די צײַט, ווען זיי בײדע זײַנען ניט געווען אַזוי שטאַרק אָבגעטײלט אײנע פון דער אַנדערער, ווי איצט; און אַפילו איצט געפינען מיר נאָך אין דער שכנות פון אונזערע גרויסע אינדוסטריעלע צענטערען נעבעכדיגע צוברעקעלטע רעסטען פון דער אַלטער ווירטשאַפטס-אָרדנונג, וועלכע איז געווען געבויט אויף פער-אײניגונג פון אַרבײַטס-קראַפט מיט פּראָדוקציאָנס-מיטלען.

אין די ווײַטע פערוואָרפענע ווינקלעך, וועלכע זײַנען נאָך ניט דורכגעשניטען פון די אײזענבאַהן-שינעס, וואו עס האָבען

נאָך ניט דערגרייכט די כוואַלעס פון דעם הײַנטיגען פערקעהר און האָבען נאָך ניט אַרײַנגעצויגען אַלץ אין דעם תחום פון דער פראָדוקציאָן פאַר דעם מאַסען-פערקויף, פאַר דעם ווײַטען וועלט-מאַרק — דאָרט געפינען מיר נאָך וואו-ניט-וואו פאַרצײַטיגע לעבענס-אָרדנונגען, וועלכע זײַנען שוין אין אַנדערע ערטער לאַנג פערזונקען געוואָרען אין דעם שטראָם פון דער געשיכטע.

דאָרט געפינען מיר נאָך, למשל, אין אַ קלײנער, פײַנער הײַזעל, וועלכע געהט איבער בירושה פון דור צו דור, דעם אַלט-פרייִנקישען קליין וועבער, וועלכער קויפט אויף די שפּין-פעדים, וואָס עס האָבען אויסגעאַרבײַט אין די לאַנגע ווינטער-אָווענדען זײַנע שכנים, וועלכע בעאַרבײַטען זומער די פעלדער — און בעאַרבײַט זיי און ליפערט אָב נאָך בײַ וואָך די קונדען זײַן סחורה.

דער קליין-וועבער מוז, פונקט אַזוי ווי דער וועבער אין אַ פאַבריק פון אַ גרויסער שטאָדט, אָנגעשטרענגט אַרבײַטען מיט אַלע זײַנע גלידער; ער פערדיענט זײַן ברויט ניט מיט דעם שווייס פון אַנדערע, ווי דער אַקציאָנער פון דער מעכאַנישער וועבערײַ; ער זיצט יעדען טאָג שטונדען לאַנג אין זײַן וועבערײַ, שלעפּענדיג די קעטע און טרײַבענדיג דעם וועב-שיפעל. אָט אַזאַ קליין-וועבער איז אויך אַ׳ן אַרבײַטער.

נאָר צו גלײַכער צײַט איז ער אויך אַ׳ן א י י ג ע נ ט ה י מ ע ר. די שטוב, וואו ער אַרבײַט און רוהט, לעבט און שטאַרבט — איז זײַנע אַ׳ן אייגענע; דער קלײנער גאָרטען מיט דעם שטיק פעלד אַרום שטוב איז זײַן אייגענטהום: די פאָדים, וואָס ער פער-ברויכט, געהערט צו א י ה ם; דער וועב-שטוהל, בײַ וועלכען ער אַרבײַט, איז זײַן אייגענטהום. ער איז דער איינציגער בעל-הבית און בעל דעה איבער די אַלע מיטלען, וועלכע ער האָט נייטיג צו זײַן פראָדוקציאָן. און דעריבער קומט א י ה ם אַ ל י י ן אָן די ג אַ נ צ ע הכנסה פון זײַן אַ ר ב ײַ ט, די גאַנצע געלד, וואָס ער לייזט פאַר זײַנע פראָדוקטען. ער דאַרף מיט זײַן פער-דיענסט מיט קיינעם זיך ניט טיילען; ער דאַרף ניט אָבגעבען

דעם גרעֶסעֶרעֶן טײל אין אַנדעֶרעֶן, וועלכער האָט איהם „געשטעלט" צו דעֶר אַרבײַט, אום צו עֶקספּלואַטירעֶן איהם.

אַזוי לעֶבּט עֶר זיך שטיל און רוהיג אויף דעֶם זעֶלבּעֶן אופן, ווי זײַנעֶ אָבות האָבּעֶן געֶלעֶבּט, און זײַן זוהן האָפט אויך אַזוי צו לעֶבּעֶן. אויבּ דעֶם לעֶצטעֶן קומט שוין יעֶ אוים צו פעֶר־ברײַנגעֶן אַ קורצעֶ צײַט אין דעֶר פרעֶמד און צו זײַן ניט מעֶהר ווי אַ'ן אַרבּײַטעֶר, דיעֶנעֶנדיג בּײַ אַ פרעֶמדעֶן מײַסטעֶר פאַר אַ געֶוויסעֶן „לוין" — זײַנעֶן דיזעֶ וואַנדעֶרונגעֶן און לעֶהרעֶ־יאָהרעֶן פאַר איהם נאָר אַ'ן איבּעֶרגאַנגס־צײַט. גאַנץ גיך וועֶט עֶר אָנקלײַבּעֶן די קלײנעֶ סומעֶ געֶלד, וועלכעֶ איז נויטיג אויף אָנצוהויבּעֶן צו פיהרעֶן אַ'ן אײגעֶנעֶ בעל־הבית'שקײַט; אויבּ עֶס וועֶט איהם אויספעֶהלעֶן אַ קלײניגקײַט, וועֶט איהם דעֶרלײַגעֶן זײַן פאָטעֶר פון זײַן צוזאַמעֶנגעֶקלײבּעֶנעֶם קלײנעֶם פעֶרמעֶגעֶן און די מוטעֶר פון איהרעֶ בּעֶהאַלטעֶנעֶ קניפּלעֶך; און דאַן וועֶט עֶר אויך האָבּעֶן אַ'ן אײגעֶנעֶ שטובּ מיט אַ פעֶלד און מיט אַ גאָרטעֶן, אַ יעֶבּ־שטוהל און אַלעֶ פּראָדוקציאָנס־מיטלעֶן; דאַן איז עֶר שוין ניט נאָר אַ'ן אַרבּײַטעֶר, וועלכעֶר איז אָבּהענגיג און וועֶרט עֶקס־פּלואַטירט פון אַ'ן אַנדעֶרעֶן; דאַן איז עֶר שוין אַ'ן אַרבּײַטעֶר און אַ בּעֶזיצעֶר צוזאַמעֶן; און דעֶריבּעֶר איז עֶר אַ בעל־הבית אויף אַלעֶ זײַנעֶ געֶשעֶפטעֶן און אונטעֶרנעֶהמונגעֶן. איצט איז עֶר שוין פון קײנעֶם ניט אָבּהענגיג און דאַרף זיך מיט קײנעֶם ניט טײלעֶן מיט זײַן פעֶרדיענסט.

אַזוי פליסט זיך דעֶר לעֶבּעֶן פון דעֶם קלײן־וועבּעֶר, שטעֶנדיג מיט דעֶם זעֶלבּיגעֶן גאַנג און אָהן בּרײטעֶ אויסזיכטעֶן אין דעֶר צוקונפט, אָבּעֶר דעֶרפאַר אויך אָהן שווערעֶ זאָרג און אָהן עֶר נידעֶריגעֶנדעֶ אָבּהעֶנגיגקײַט.

אָבּעֶר אויך פאַר איהם עֶנדעֶרעֶן זיך בּאַלד די צײַטעֶן שוין אײניגעֶ חדשים גראָבּט מעֶן אין גרוים אײלעֶניש, מעֶן קלאַפּט און מעֶן בּויט אויף דעֶם בּרעֶג פון דעֶר דעֶרבּײַיאיגעֶר טײַכעֶל, אָט פון דעֶר טײַכעֶל, וועֶמעֶס וואַסעֶר־קראַפט מעֶן האָט בּיז איצט ניט אויסגעֶנוצט. און אָט שטעֶהט שוין אַ פאַרטיגעֶר בּנין, אויף

וועלכען דער עולם חרוש'ט זיך שטאַרק, איינער פון יענע פינף אָדער זעקס-שטאָקיגע ריעזען, וועלכע מיר האָבען געזעהען אין די טעקסטיל-געגענדען [1]) שוין אין די יונגע יאָהרען פון דער מעכאַנישער אינדוסטריע. באַלד הויבט זיך אָן דיזער ריזען-אַפּאַראַט צו בעוועגען און אין פערגלייך מיט איהם זעהט אויס די וועב-שטוב און דער האַנד-שטוהל פון אונזער קליין-וועבער ווי אַ שפּילצייג פאַר קינדער, אין דער ניי-אויפגעבויטער פאַבריק געפינען מיר שוין אַלע המצאות און קונצען פון דער היינטיגער טעכניק. כמעט אָהן אַרבייט פליסען פון איהר אָהן אַ'ן אויפהער די געשפּינעכטס און געוועבעכטס, וועלכע מען פלעגט ביז איצט אויסאַרבייטען מיט גרויס מאַטערניש און אין אַ קליינעם סכום ביי דער הויז-פּראָדוקציאָן.

צוערשט האָט דער קליין-וועבער נאָר חוזק געמאַכט פון דעם נייעם שווינדעל פון די שטאָט-איינוואָהנער; איצט אָבער פאַלט ער ביי זיך אַ ביסעל אַראָב, ווען ער זעהט, מיט וואָס פאַר אַ קראַפט די קאָנקורענץ דריקט איהם, אַראָבטרייבענדיג די פּרייזען און אָבנעהמענדיג ביי איהם דעריבער איין קונד נאָך'ן אַנדערען, דער געגנער איז אַ פּנים אַ ביסעל ערענסטער, ווי ער האָט געמיינט! נאָר אונזער וועבער האָט נאָך ניט פערלאָרען זיין מוטה; ער האָפט נאָך צו שטעהען געגען זיין קאָנקורענט. אמת, ער וועט נאָר דאַרפען פון איצט אָן שווערער אַרבייטען און ווייניגער פערדינען. און מען זעהט טאַקי דעם וועבער שוין פון פריהמאָרגען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרבייטענדיג ביי זיין אַלטמאָדישען וועב-שטוהל, אויך זיין ווייב מיט די קינדער זיצען איצט מיט איהם צוזאַמען אונטער דעם יאָך פון דער שווערער אַרבייט. מיט דאָפּעלטע אָנשטרענגונגען פון זיין קערפּער וויל ער אָניאָגען דאָס, וואָס עס פעהלט איהם אין מעכאַנישע הילפס-מיטלען. דער שוואַכער זקן מיט זיינע קולעס וויל געהען

---

[1]) טעקסטיל-אינדוסטריע—הייסט די אינדוסטריע פון לייגוואַנד, וואָל, זיידענס א. ד. ג.

טריִט בײַ טריִט מיִט דעם יונגען ריִעז. דאָך אָבער, פערמאַטערט, שטעהט ער אַלץ מעהר און מעהר פון איִהם אָב. און חאָטש ער און זײַן גאַנצע פאַמיִליע בלײַבען אָהן כּוחות פון מאַטערנײִש און וועריגען אויסגעדאַרט פון אָבצערענײִש: אַזוי בּיִליִג פערקויפען סחורות, ווי די גרויס-פראָדוקציאָן מיִט איִהרע טעכנײִשע מיִטלען, אַזוי בּיִליִג פערקויפען קען ער ניִט. פון זײַן פערדיִענסט האָט ער שוין לאַנג ניִט אויף די נויטיִגסטע הוצאה. נאָר מיִט זײַן זעלבּסטשטענדיִגקײַט, צו וועלכער ער איִז אַזוי צוגעוואָהנט, וויִל ער זיִך אַלץ ניִט אָבזעגענען, חאָטש איִן דער אמת'ן איִז שוין פון איִהר מעהר ניִט ווי אַ שאָטען געבּליִבען — ער האָט דאָך נאָך אַ שטיִקעל נחלה, וועלכע ער קען צו געלד מאַכען! און אַ מאָל נאָך אַ טײַיל מאַכט ער איִהר טאַקע צו געלד. פריִהער — זײַן פעלד מיִט'ן גאָרטען: האָט ער דען שוין איצט צײַט זיִי צו בּעאַרבּײַטען? נאָך דעם פערזעצט ער זײַן שטוב, די פראָדוקציאָנס-מיִטלען, די וויִרטשאַפטס-כּלים; צום סוף געהען אויך די לעצטע בּרעקלעך פון זײַן אַמאָליִגען רײַכטהום אַריִבּער איִן פרעמדע הענד, בּיִז ער ווערט אַיועקגעשטעלט איִן דער זעלבּער לאַגע, ווי דער פעראָרעמטער אַרבּײַטער איִן דער דערבּײַיאיִגער גרויס-איִנדוסטריִע. אָהן פערמעגען, אָהן פראָדוקציאָנס-מיִטלען, נאָר מיִט דער בּלויזער אַרבּײַטס-קראַפט אַליין.

אויף אַזאַ אופן איִז דער קליין-מײַסטער אָבגעטײַילט געוואָרען פון זײַן אייגענטהום, אָבער דאָס אַלץ איִז דורכגעפיִהרט געוואָרען ניִט דורך געוואַלד-מיִטלען און ניִט דורך אַ וועלכען עס איִז געזעץ — נאָר דורך די אויבּערמאַכט פון דער עקאָנאָמיִשער ענטוויִקלונג, וועלכע איִז אונפערמײַדליִך אָנגעקומען צוזאַמען מיִט די איִבּערקעהרעניִשען איִן דער טעכניִק, מיִט דעם אויפבּליִהען פון דער גרויס-איִנדוסטריִע.

אָט אַזוי איִז דער אַמאָליִגער קליינער בּעל-הבּית געוואָרען אַ הײַנטיִגער פּראָלעטאַריִער.

II.

אָבגעטײַלט פון זײַן פערמעגען, איז פונדעסטװעגען אונזער װעבער נאָך אַ בעל-הבית אויף זײַן אַרבײַטס-קראַפט, און אַזוי װי ער איז פון די יונגע יאָהרען אָן צוגעװאָהנט צו דער אַרבײַט, זעהט ער אין איהר, פערשטעהט זיך, קײַן חרפה ניט.

אָבער די נײַע פאָרמע, די שקלאַפישע אָבהענגיגקײַט, אין װעלכער ער דאַרף אויספיהרען זײַן אַרבײַט פאַר אַ פרעמדען בעל-הבית — דאָס שרעקט איהם יע אָב.

נאָר פון װאָס װעט ער לעבען, אויב ער יועט ניט פערקויפען זײַן אַרבײַטס-קראַפט דעם פאַבריקאַנט, אויב ער יועט ניט אויסבעטלען אַ „שטעלע" אין פאַבריק? כּדי צו אַרבײַטען פאַר זיך, דאַרף מען שטענדיג האָבען אויסער דער אַרבײַטס-קראַפט אויך די פראָדוקציאָנס-מיטלען. און בײַ אַזאַ פראָדוקציאָנס-פאָרם, װעלכע צערשטערשט און בעהערשט אַלץ, טויגען ניט די נעבעכדיגע פראָדוקציאָנס-מיטלען, װי אונזער װעבערס װעב-שטוהל און װערק-שטאַט, נאָר ריזען-אַפּאַראַטען מיט אַ מורא'דיג גרויסער טרײַב-קראַפט און די גערוימע זאַלען פון דעם גרויס-בעטריעב. װאו זאָל דער בעטלער, װעלכער האָט אַפילו ניט געקענט פעסט אײַנהאַלטען זײַן אַמאָליגען פערמעגען, נעהמען אַזאַ רײַכטהום אום דאָס אַלץ אַײַנצואָרדנען?

די גרויס-אינדוסטריע האָט אין גאַנצען צושלאָגען און פערװאָרפען אין סמיעטניק פון דער פאָלקס-װירטשאַפט די אַמאָליגע פאָרמע פון זעלבסט-שטענדיגקײַט, װען די אַרבײַטס-קראַפט איז אַליין געװען אַ „בעל דעה איבער זיך". נאָר דער געבאָרענער מיליאָנער אָדער דער גרויסער בעל-מזל האָבען די מעגליכקײַט צו דערגרײַכען אַזאַ זעלבסטשטענדיגקײַט, װעלכע זאָל זײַן בכּח צו עקסיסטירען אויך איצט, אין דעם צײַט-אַלטער פון מאַשינען און גרויסע פאַבריקען.

אונזער װעבער איז אַלזאָ געװאָרען אַ פּראָלעטאַריער ניט אויף אַ צײַט, נאָר אַלם אַזעלכער איז ער פער'משפט צו בלײַבען כּל זמן ער װעט לעבען.

ווי דער גיהנם, עפּענט אויף די וועלט פון בעזיצלאָזיג-קייט איהרע טהירען פאַר אַלעמען, וועמ עס קומט אָן אין איהר פינסטערען תהום. אָבער קיינעם פון איהרע קרבנות ווערט ניט געגעבען די מעגליכקייט אומצוקעהרען זיך צוריק אין די ליכטיגע וועלט.

* * *

אונזער וועבער פערשטעהט שוין גאַנץ גוט, אַז פון זיין נייער לאַגע קען ער ניט אַרויסדרעהען זיך. ער וואַרפט אַוועק דעם אַמאָליגען חלום וועגען זעלבסטשטענדיגקייט און נעהמט אַרויף אויף זיך דעם גאַנצען יאָך פון דער אַרבייט ביי אַ פרעמדען, ביי דעם קאַפּיטאַליסט.

נאָך איין האָפנונג איז איהם געבליבען — איין רעכט, וועלכער קען פוילייכט פערגרינגערען זיין אונגעוואָהנטע, אָבהיינגיגע לאַגע: דער רעכט צו פאָדערען פאַר זיין אַרבייט שכירות ווי פיעל ער וויל.

נאָר באַלד ווערט ער געוואָהר, אַז אויף דעם וועג צו פערווירקליכען דיזען רעכט שטעהען אַ סך שטערונגען. דערשלאָגען זיך העכערע שכירות קען מען נאָר דורך אַ קאַמפּף מיט דעם אונטערנעהמער, וועמעס אינטערעסען עס זיינען פונקט דער הפך פון דעם אַרבייטערס אינטערעסען. אים אינטערעס פון אונטערנעהמער איז צו קויפען די אַרבייטס-קראַפט׳ן פאַר׳ן בילינגסטען מקח, ווייל וואָס וועלוועלער ער צאָהלט פאַר די אַרבייטס-קראַפט, אַלץ גרעסער איז די הכנסה פון זיין קאַפּיטאַל. און אויב עס וואָלט זיך שוין יע געפונען אַ׳ן איינצעלנער קאַפּיטאַליסט. וועלכער וואָלט געוואָלט אפשר זיין אַ בעל-רחמים, מישט זיך גלייך אַריין דער איינציגער בעל-דעה, די קאָנקורענץ, און די מענשען-פריינדליכקייט ווערט גלייך פערטריבען, ווי די בייזע רוחות, צו אַל-די שוואַרצע יאָהר.

אין דעם שטרייט צווישען די געגענגעזעצטע אינטערעסען, וועלכער פערהאַפּט יעדערען, סיי דעם קאַפּיטאַליסט, סיי דעם

אַרבייטער, האָט דער קאַפּיטאַליסט שטענדיג די אויבערמאַכט אויף זיין צד. דער קאַפּיטאַליסט קען וואַרטען, ווען די אַרבייטער ענטזאַגען זיך אַרבייטען ביי איהם; און אויב ער קען ניט ביים שטילשטאַנד פון דער פּראָדוקציאָן פערגרעסערען זיין רייכטהום, איז ער דאָך בכח, אַלס דירעקטאָר בעל-הבית, אָדער דורך זיין געלד, צו בענוצען זיך מיט די אַלערליי סחורות, וואָס זיינען אָנגעפּאַקט אין די שפּייכלערס פון דער געזעלשאַפט, און דעריבער טאַקי לאָזט זיך אויס אַ בוידעם פון יעדען פּלאַן דורך „אויסהונגערונג" צו צווינגען דעם קאַפּיטאַליסט אונטערצוגעבען זיך. פערקעהרט, דער אַרבייטער הונגערט שוין פון דעם ערשטען טאָג אָן, און אויב די האָפנונג, אַז צום סוף וועט ער מנצח זיין, גיט איהם צו כחות אַריבערצוטראָגען די שרעקליכסטע דחקות, צווינגט איהם גאַנץ גיך דער געוויין און דאָס קלאָגען פון זיין ווייב און קינדער אונטערצוגעבען זיך דעם קאַפּיטאַליסט. די בעדינגונגען, אויף וועלכע דער קאַפּיטאַליסט לייגט פאָר דעם אַרבייטער צו נעהמען זיך צו דער אַרבייט, סיי די קאָנקורענץ, סיי זיין בייזע האַרץ הייסען איהם דאָס, זיינען אַלע מאָל אויסגערעכענט אַזוי, אַז דער אַרבייטער זאָל זיך בענוגענען מיט דעם נידעריגסטען אַרבייטס-לוין, אַז ער זאָל פאַר ליעב אָננעהמען די קלאָגעדיגסטע שכירות אַבי נאָר די נשמה צו דערהאַלטען, הגם די פּראָדוקטען פון זיין אַרבייט וואַקסען פון טאָג צו טאָג און וועלען וואַקסען, אַ דאַנק די נייע ערפינדונגען פון דער טעכניק.

דער אייזערנער לוין-געזעץ איז פון היינט אָן דער הערשער איבער דער פּרנסה פון אונזער וועבער, וועלכער האָט צוזאַמען מיט זיין פערמעגען פערלאָרען אויך זיין זעלבסטשטענדיגקייט.

און ער איז ניט דער איינציגער, וועמען דער גרויזאַמער ווירטשאַפטליכער שיקזאַל האָט אַראָבגעוואָרפען פון אייגענטהום און זעלבסטשטענדיגקייט צום איביגען דלות. ווען ער געהט בעגינען „צו דער אַרבייט", טרעפט ער זיך מיט גאַנצע מחנות פון זיינע אונגליקליכע חברים, וועלכע קומען איבער די פעלדער

און וועלדער פון די וויַיט געלעגענע דערפער און שטעטלעך, זייערע פנים'ער זַיינען בלייך, אויסגעדאַרט; אַלע זַיינען זיי פער־מאַטערט פון שטענדיגער נויט און נידערגעשלאָגען פון האָפנונגס־לאָזיגקייט. אַלע האָבען זיי — אַזוי ווי ער — אַמאָל געלעבט אין רוהיגער זעלבסטשטענדיגקייט, און איצט, צוליעב דעם קלענסטען פערדיענסט, מוזען זיי אַלע אָנקומען צו דער אינדוסטריע.

אויף דעם זעלבען אופן איז אומעטום — פריהער אָדער שפּעטער — פאָרגעקומען די איבערקעהרעניש אין דער פערהעלטניס צווישען פערמעגען און אַרבייט. און אויב מיר וועלען זיך פאָרשטעלען דיזען ענטוויקלונגס-גאַנג — ווי ער איז טאַקי פאָר־געקומען אין דער אֶמת'ן — פערשפּרייט איבער אַלע אינדוסטריע-צווייַגען, פּראָווינצען און לענדער, וועלען מיר האָבען אַ בילד, ווי עס איז בעשאַפען געוואָרען אַ גאַנץ נייע ווירטשאַפטליכע וועלט מיט גאַנץ אַנדערע בעציהונגען פון איין מענשען צום צווייטען, מיט איין וואָרט: אַ בילד פון אַ פאָלשטענדיג פערענדערטער קולטור, וואָס איז איבערגעקעהרט גע־וואָרען אין אַלע איהרע יסודות.

פריהער איז אַלערליי קליינפּראָדוקציאָן געווען גלייכמעסיג פערברייטעט איבער דער גאַנצער לאַנד; טויזענדער קליינע פּראָדוצענטען — אַליין אַרבייטער און אויך אַליין בעלי-הבתים — זַיינען זיך געזעסען אין זייערע הייזלעך. ווי אַ שנעק מיט זַיין הייזעל, זַיינען זיי געווען שטאַרק פערבונדען מיט זייער קליינעם פערמעגען, מיט אַלץ, וואָס זיי האָבען געהאַט נויטיג צו זייער פּראָדוקציאָן. דער רויהער מאַטעריאַל, די ווערקצייג האָבען גע־הערט צו זיי און דעריבער פלעגט זיי אַליין געהערען די גאַנצע הכנסה פון זייער אַרבייט. שפּעטער איז דיזע צוברעקלונג פון דער פּראָדוקציאָן פערשוואונדען. די טויזענדער קליינע הייזלעך, ווערק־שטאַטען און פּראָדוקציאָנס-מיטלען זַיינען ווי צוזאַמענגעשמאָלצען געוואָרען און האָבען אָנגענומען אַ געשטאַלט פון אַ מוראדיג גרויסער פאַבריק, איצט שטעהט אויף איין זַייט דער גרויסער קאַפּיטאַליסט מיט דעם ריזיגען פערמעגען, און אויף דער

אַנדער זײַט די אַרמעע פון די אַמאָליגע זעלבסטשטענדיגע בעלי-הבתים'לעך, וועלכע האָבען פערלאָרען יעדען פערמעגען און זײַנען געבליבען בלויז בײַ דער אַרבײַטס-קראַפט אַליין, און וועלכע זײַנען פון פרײַע אונאָבהענגיגע מענער געוואָרען אונטערטהעניגע בײַ דער גרויס-מאַכט פון קאַפּיטאַל. ניט אַ פריידליכע היים, נאָר אַ שרעקליכע תפיסה איז פאַר זיי איצט די פאַבריק; די הויז, אין וועלכער זיי אַרבײַטען, געהערט שוין מעהר ניט זיי, דער אַמבאָס (קאָוואַדלע), אויף וועלכער זיי שמידען, דער שטוהל, בײַ וועלכען זיי וועבען, איז שוין ניט זייער איגענטהום מעהר; דער פּראָדוקט פון זייער אַרבײַט, די שטענדיג וואַקסענדע מאַסע פון די פאַרטיגע סחורות, דער פדיון פון זיי, קומט שוין מעהר ניט אָן דעם פּראָדוצענט, נאָר אַלץ דעם קאַפּיטאַליסט אַליין. די פּראָדוצענטען האָבען קיין חלק ניט מעהר אין די אויסגעאַרבײַטע רײַכטהימער, נאָר אין אָיענד, איידער עס ווערט פערשלאָסען הינטער זיי דער טויער פון פאַבריק, גיט מען זיי מיט אויף'ן וועג — מעגען זיי אַפילו צוויי מאָל אַזוי פיעל אויסאַרבײַטען — אַ שטיקעל ברויט, וואָס זאָל זײַן גענוג אויף אונטערצוהאַלטען די כחות, כדי צו קענען ווײַטער אַרבײַטען, און אויף אויסצוהאָדעוען זייערע קינדער, וועלכע זאָלען שפּעטער טהאָן די עבודת פרך פאַר די פרעמדע בעלי-הבתים.

III.

אָבער צוזאַמען מיט דיזער מוראדיגער איבערקעהרעניש אין אַלע פערהעלטניסען, אין וועלכע יעדער איינצעלנער געפינט זיך, אין וועלכע ער לעבט און אַרבײַט טאָג-טעגליך, בײַטען זיך אויך כסדר די אינטערעסען, די געדאַנקען און די שטרעבונגען פון יעדען איינצעלנעם, און פריהער פאַר אַלץ בײַטען זיך די שטרעבונגען אין געזעלשאַפטליכען לעבען, וועלכע טרעטען אַרויס אויפ'ן ערשטען פּלאַן.

דער פּראָדוצענט פון קליינפּראָדוקציאָן האָט זיך זעהר זעלטען

געפיהלט אויסשליסליך אַלס אַ'ן אַרבּייטער , אַלס אַ מענש . וואָס געהערט צוּ אַ שטרענג אָבּגעגרענצטען קלאַס , צוּ וועלכען ער איז ווי מיט אונזיכטבּאַרע-קייטען צוגעשמידט אויף זיין גאַנצען לעבּען . דער לעהרען-יונג פון די אַמאָליגע יאָהרען איז טאַקי געווען בּעת דער צייט פון דער לעהרע ניט מעהר ווי אַ'ן אַרבּייטער , אָבּער ער האָט שטענדיג געהאָפּט אין גיכען צוּ ווערען זעלבּסטשטענדיג , צוּ ווערען אַ'ן אַרבּייטער און אייגענטהימער צוזאַמען . נאָך אַלס אָבּהייִנגיגער פּועל פלעגט ער שוין שטענדיג לעבּען מיט די רעיונות אין גיכען צוּ ווערען אַ מייסטער פאַר זיך און עס פלעגט איהם גאָר קיין מאָל ניט אַריין אין קאָפּ דער געדאַנק , אַז ער קען בּלייבּען נאָר אַ'ן אַר-בּייטער , וואָס מוז אַרבּייטען פאַר אַ'ן אייגענטהימער . זיינע אינ-טערעסען זיינען , פערשטעהט זיך , גאָר אַנדערע געווען : ווי ער זאָל וואָס גיכער זעלבּסטשטענדיג ווערען , ווי מען זאָל פער-זיכערען אַ פעסטען קיום דעם קליין-אייגענטהום , וועלכער וועט אין גיכען ווערען דער יסוד פון זיין אייגענער עקסיסטענץ . די פּראָדוצענטען זיינען אַלזאָ ניט געשטאַנען אין אַ שטענדיגער און שאַרפער פיינדשאַפט צוּ די אינטערעסען פון אייגענטהום , פערקעהרט , זיי זיינען נאָך געווען מיט דיזע אינטערעסען ענג פערבּונדען . די וועלט פון אַרבּייט איז ניט געווען אָבּגעגרענעצט פאַר זיך , און דעריבּער איז ניט געווען קיין יסוד פאַר אַ זעלבּסטשטענדיגער אַרבּייטער-בּעוועגונג , ווי זי איז איצט אומעטום אויסגעוואַקסען מיט אַ סטיכיינער קראַפט . דער אייגענטהום איז געווען דער אונבּעגרענצטער העררשער אין געזעלשאַפטליכען לעבּען און ער איז ניט געווען געשטערט דורך קיין זאַך , ניט אין דער עקאָנאָמישער ווירטשאַפט און ניט אין דער פּאָליטיק .

דער היינטיגער אַרבּייטער געפינט זיך אין אַ גאַנץ אַנדערער לאַגע , ווי זיין חבר פון די אַמאָליגע יאָהרען , און ער קען אַפילו אויף אַ מינוט זיך ניט פערגעסען אָן דער איבּערקעהרעניש , וואָס איז פאָרגעקומען ; ווי ער זאָל ניט זיין גענאַרט , קען ער שוין

מעהר ניט קלעהרען וועגען ווערען זעלבסטשטענדיג, ווייל ער פערדינט נאָר קוים אויף די נשמה צו דערהאַלטען און ווייל ער זעהט, אַז קאָנקורירען קענען וואָס וויטער און וויטער נאָר אַזעלכע אונטערנעהמונגען, אין וועלכע עס זיינען אַריינגעלייגט גאַנצע מיליאָנען. אויף אַ שמיעד, וועלכער וואָלט געטראַכט צו ווערען אַ'ן אַייזען-פאַבריקאַנט, אַ שלאָסער — אַ לאָקאָמאָטיווען-פאַבריקאַנט, אָדער אַ וועבער — אַ'ן אייגענטהימער פון אַ וועַ-בעריי — וואָלט מען איצט געקוקט ווי אויף אַ משוגע'נעם, וואָס האָט זיך אַראָבגעריסען פון קייט. איצט איז די וועלט פון אַרבייט און די וועלט פון אייגענטהום אין גאַנצען אָבגעטיילט איינע פון דער אַנדערער; איצט איז דער אַרבייטער זיין גאַנצען לעבען ניט מעהר ווי אַ'ן אַרבייטער און אין שטענדיגען שרעק נאָך מעהר צו פערערגערען זיין לאַגע אָדער אַפילו נאָר אין גאַנצען צו גרונד געהען, בלייבט איהם נאָר איין זאַך איבער: אויסשליסליך צו קעמפפען פאַר די אינטערעסען פון דער בעזיצלאָזיגקייט, אַלס פאַר זיינע אייגענע אינטערעסען. די אַר-בייט געהט פון איצט אָן מיט איהר אייגענעם וועג, וועלכער טרעפט זיך מיט'ן וועג פון די פערמעגענדע קלאַסען סיידען ביי אַ סכסוך.

אַקוראַט אַזוי, ווי די הייניטיגע טעכניק מוז בעשאַפען די גרויספראָדוקציאָן, וועלכע דערשטיקט די קלייינפראָדוקציאָן און פראָלעטאַריזירט די קלייינאייגענטהימער, אַזוי מוז אויך די פאָלקס-מאַסע צום סוף אָבזאָגען זיך פון די שטרעבונגען צום אייגענ-טהום און זיך פעראייניגען אין אַ גרויסע בעוועגונג פון בעזיצ-לאָזען, אין אַ זעלבסטשטענדיגע אַרבייטער-בעוועגונג.

* * *

אין אָנהויב איז דיזע בעוועגונג צובראָקעלט, נאָר אין בעזונדער געבענשטע ערטער, וואו די קראַפט פון וואַסער ציהט צו צו זיך קאַפּיטאַלען אויף צו בויען גרויסע פאַבריקען, קלייבען

זיך צונויף גרויסע מענגען פון פראָלעטאַריאַט אַלס אַרבייטער; דיזע אַרבייטער, וועלכע זיינען אָבגעזונדערט פון דער איבעריגער אַרבייטער-וועלט, אָבער צווישען זיך פעסט צוזאַמענגעבונדען— לערנען זיך גיך אויס סאָלידאַריש צו פיהלען און צו האַנדלען: דאָס, וואָס זיי אַרבייטען און מאַטערן זיך צוזאַמען, וואָס זיי ווערען אַלע גלייך און פון דעם זעלבינגען שונא עקספּלואַטירט— דאָס אַלץ שמידט זיי צונויף אין אַ פעסטען רינג, ער וועקט ביי זיי די זעלבינגע פאָדערונגען און פיהרט זיי אין דעם פעראייניגטען קאַמפּף פאַר בעסערע אַרבייטס-בעדינגונגען.

דיזע אַרבייטער-בונדען, וועלכע זיינען אין אַ געוויסען גראַד אויסגעשאָסען ווילד (סטיכיינע) און וועלכע זיינען צושפּרייט אין פערשידענע ערטער, וויסען נאָך כמעט ניט איינער פון אַנדערען. די פאַרע, וועלכע שפּילט איצט אַלס טרייב-קראַפט אַ סך אַ גרעסערע ראָלע ווי וואַסער, האָט אויך פאַר די אַרבייטער-בונדען געדיענט אַלס אַ פעראייניגונגס-מיטעל, טייליווייז דערביי, ווייל זי טראָגט איבערהויפּט אַריין אַ לעבעדיגערען שטראָם אין דעם פערקעהר, טיילווייז דערביי, ווייל זי מאַכט צום ערשטען מאָל די אינדוסטריע אונאַבהיינגיג פון דער טרייב-קראַפט, וועלכע געפינט זיך אין דער נאַטור גופא און וועלכע איז דאָס-רוב פאַנאַנדערגעוואָרפען אין פערשידענע ערטער. דערמיט קלייבט זי צונויף די פאַבריקען און זאַוואָדען, וועלכע האָבען ביז איצט געקענט געפינען זיך נאָר ניט ווייט פון אַ וואַסער, אין איין אָרט, אין די גרויסע שטעט מיט זייערע פערשידענע פערקעהרס-מיטלען, מיט אַלע זייערע מעלות פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. איצט האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אין איין אָרט גאַנץ אַנדערע אַרבייטער-מאַסען. איצט ערשט האָט אַרום אַ נאַטירליך אויסגעשאָסענער בונד ניט נאָר די אַרבייטער פון אַיין ווערקשטאַט, אָדער פון איין פאַך, נאָר די אַרבייטער פון אַלע פאַכען, ווייל שוסטער ווי שניידער, שמידען ווי וועבער—

אַלע לײַדען זײַ פון דער זעלבער אָבהײַנגיגקײַט , אַלע עסען זײַ דעם זעלביגען טרוקענעם שטיקעל ברויט .

דיזע ענטוויקלונג , וועלכע געהט אין אָנהויב לאַנגזאַם און שווער , הויבט אָן וואָס ווײַטער צו פליהען מיט אַלץ אַ גרעסערען אימפּעט , ווי אַ לאָקאָמאָטיוו מיט אַ'ן איבערגעהיצטען קעסעל און מיט צוגליהטע אַקסען . וואָס מעהר דער קאַפּיטאַל פערגרעסערט די פּראָדוקציאָן פון סחורות אַ דאַנק די שטענדיגע טעכנישע פערבעסערונגען , ניט פערגרעסערענדיג דערבײַ דעם לוין פון די פאָלקס-מאַסען , וועלכע געפינען זיך בײַ איהם אין דינסט — אַלץ ברײַטער ווערט דער תהום צווישען פּראָדוקציאָן און אָבזעץ , אַלץ לײַנגער און שרעקליכער בושעוען די קריזיסען , פון וועלכע עס ראַטעווען זיך אַרוים נאָר די גרויסע קאַפּיטאַליסטען , ביז אַ נײַעם שטורם , ביז צו נײַע קרבנות . די קלײַן-בעטריבען אָבער , וועלכע וואָלטען אַזוי ביסלעכווײַז פערשוואונדען געוואָרען אין דער קאָנקורענץ געגען דעם גרויס-קאַפּיטאַל , וועלכע זײַ קענען ניט אויסהאַלטען , פאַלען איצט מאַסענווײַז , ווי פון אַ דונער געטראָפען . דער קריזיס , וועלכער ווערט מיט דער ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַל צו אַ שטענדיגער קראַנקהײַט , פערגיכערט דאָס אָבשטאַרבען פון דער קלײַן-פּראָדוקציאָן און שלײַדערט אַרונטער אין די רײַהען פון פּראָלעטאַריאַט אַלץ אַ גרעסערע צאָהל מענשען , וועלכע האָבען אַ מאָל געהערט צו דעם „אויבען-אָן” פון דער געזעלשאַפט .

וועלכער כח אויף דער ערד וואָלט זיך אָנגענומען בײַ אַזעלכע בעדינגונגען אײַנצוהאַלטען דעם האַסטיגען שטראָם פון דער פּראָלעטאַרישער בעוועגונג ? דאָס , וואָס דער פּראָלעטאַריאַט וואַקסט אַלץ גיכער און גיכער , ווערט אַרויסגערופען דורך די מורא'דיגע גיכע ענטוויקלונג פון דער גרויס-פּראָדוקציאָן און דורך איהר נצחון איבער דער אַלטער נעבעדיגער קלײַן-פּראָדוקציאָן . דאָס , וואָס דער פּראָלעטאַריאַט אָרגאַניזירט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער , ווערט נאַטור-

נויטיוענדיג אַרויסגערופען דורך אַלע לעבענס-אינטערעסען פון פּראָלעטאַריאַט און דורך די אַלע היינטיגע פּערקעהרס-מיטלען. ניט דורך מענשען, ניט דורך אַ מלאך און ניט דורך אַ מחבל איז דיזע בעיועגונג אַרויסגערופען געוואָרען, און קיינער פון זיי וועט אויך ניט זיין בכח איהר איינצוהאַלטען.

* * *

און ניט נאָר די פערברייטונג און די אָרגאַניזירונגס-קראַפט פון דער פּראָלעטאַרישער בעיועגונג, נאָר אויך די פערטיעפונג פון איהרע שטרעבונגען, דער גאַנצער כאַראַקטער פון איהרע האַנדלונגען און ציעלען, ליגט טיעף איינגעוואָרצעלט אין די פערהעלטניסען, איבער וועלכע עס קען קיין שליטה ניט האָבען אַפילו די גרעסטע מאַכט.

די ערשטע פּראָלעטאַרישע בעיועגונגען — ווען זיי זיינען ניט געווען רעאַקציאָנער, ווען זיי זיינען ניט געווען געוועזען געגען די מאַשינען און טעכנישע ערפינדונגען פון דער נייער צייט, בריינגענדיג דערמיט זיך אַליין דעם גרעסטען אונגליק — טראָגען נאַטירליך אַ ריין עקאָנאָמישען כאַראַקטער. די אַרבייטער פון איין ווערקשטאַט, פון איין פאַך ליידען פון די זעלביגע קלאָגעדיגע שכירות. פון דער זעלבער לאַנגער אַרבייטס-צייט, פון דער זעלבער מאוס'ער בעהאַנדלונג; זיי ווילען מיט זייערע פאַמיליעס ניט אויסגעהען פון הונגער, זיי ווילען ניט דורך אַ צו-לאַנגע אַרבייטס-צייט אַלט און קראַנק ווערען פאַר דער צייט; זיי ווילען האָבען פרייע צייט פאַר זייערע הויזליכע און כלל-אינטערעסען; זיי ווילען זיין נאָר אַרבייטס-מענשען, אָבער ניט קיין אַרבייטס-פיה און שקלאַפען. אַזוי שטעלען זיי זייערע פאָדערונגען און פיהרען זייער געמיינזאַמען קאַמפף פאַר העכערע שכירות.

אָבער מיט דעם ריין עקאָנאָמישען קאַמפף קענען די אַרבייטער, וואָס ווייטער אַלץ ווייניגער זיך בעגנוגענען.

כל-זמן די פּראָדוקציאָן האָט געפאָדערט אַ „ספּעציעלע" קענטניס, כל-זמן די האַנדווערקערי איז געווען אַ תורה, וועלכע

מען האָט געמוזט שטודירען יאָהרענלאַנג, אַזוי לאַנג האָט דער קאַפּיטאַליסט געהאַט די מעגליכקייט צו פּערבייטען די שטרי־קענדע און די אונצופרידענע אַרבייטער. נאָר מיט אַזוינע שטו־דירטע אַרבייטער, וועלכע זיינען לפי ערך געווען ניט זעהר פּיעל, און די צאָהל פון וועלכע דער פאַבריקאַנט האָט ניט געקענט פערגרעסערען ווען עס האָט זיך איהם נאָר פערגלוסט. אַ דאַנק דער היינטיגער טעכניק קען מען אַלץ מעהר און מעהר אויס־קומען אָהן אַ „ספּעציעלער" אַרבייטס-קראַפט; די מאַשינען גופא האָבען ביסלעכווייז אָנגעהויבען אויפצוטהאָן מעכאַניש די קינצליכסטע אַרבייטען. אויסלעהרנען זיך למשל וועבען, האָט אין די אַמאָליגע יאָהרען געדאַרפט דויערען אַ לאַנגע צייט — איצט אָבער קען זיך יעדע דאָרפס-מיידעל אין צוויי-דריי טעג אויס־לעהרנען צו געהען אַרום דעם מעכאַנישען וועב-שטוהל; אויס־טאָקען אַ צילינדער אָדער אַ קויל האָט אויך אין די אַ מאָליגע יאָהרען זיך גערעכענט פאַר אַ קונץ-שטיק, וועלכע מען האָט געדאַרפט לאַנג שטודירען — איצט אָבער קען יעדער אַרבייטער אויסטאָקען אויף דער מעכאַנישער דרעה-באַנק געשווינד און מיט דער גרעסטער גענויקייט פערשידענסטע געאָמעטרישע פיגורען. דעריבער ווערט עם דעם קאַפּיטאַליסט אַלץ מעהר און מעהר מעגליך ביי אַ שטרייק אָדער ביי אַ פאָדערונג פון העכערע שכירות צו בענוצען זיך מיט דער גרויסער צאָהל אַרבייטסלאָזע, צו וועלכען פאַך זיי זאָלען ניט געהערען, ווייל אין אַ קורצע צייט קען ער זיי אויסלעהרנען מאַכען אַלע „ספּעציעלע" אַרבייטען פון זיין אונטערנעהמונג. די קאָנקורענץ-בעדינגונגען אויף דעם אַרבייטס-מאַרק ווערען אַלזאָ אַלץ מעהר און מעהר גינסטיג פאַר דעם קאַפּיטאַליסט און קלאָגעדיג פאַר דעם אַרבייטער.

דיזע בעוועגונג ווערט נאָך פערשטאַרקט דורך דעם, וואָס פרויען און קינדער שפּאַרען זיך צו יעדער אַרט אַרבייט, ווי באַלד די מאַשין האָט געמאַכט פאַר איבעריג די פיזישע קראַפט פון מאַנספּאַרשוין, און פון דער לעבעדיגער פּראָדוקציאָנס-קראַפט

ווערט נאָר געפאָדערט אַ'ן אויפמערקזאַמע אויג און געשיקטע פינגער.

אויף אַזאַ אופן וואַקסט שטענדיג די צאָהל פון די אַרבייטער, וועלכע ליגען פאַר זייער אַרבייטס-קראַפט, און אין דער זעלביגער צייט פערקלענערט לפי ערך דער קאַפּיטאַל זיין נאָכפראַגע, וייל דורך די פאָרטשרייטענדע אַרבייטס-פעהיגקייט פון די מאַשינען ווערט אַלץ מעהר און מעהר „איינגעשפּאָרט אַרבייט".

אַלע דיזע שלעכטע אומשטאַנדען מאַכען אַלץ שווערער דעם עקאָנאָמישען קאַמפּף, ניט קוקענדיג אויף די אַלץ אויפבליהענדע געווערקשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, און צווינגען די אַרבייטער צו קעמפּפען פאַר גרינדליכע פערבעסערונגען אין דער פערהעלטניס צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט. מען שטרעבט איינצוהאַלטען די געוואונענע פאָדערונגען דורך דער געזעצגעבונג, אָהן וועלכער די אַרבייטער וואָלטען צוריק פערלירען זייערע פריהערדיגע נצחונות. דורך געזעצען, וואָס זאָלען זיין גילטיג פאַר אַלעמען, זעהט מען אַרויפצולייגען גלייכע בעגרענצונגען אויף אַלע אונטערנעהמער אין זייער עקספּלואַטאַציע פון אַרבייטס-קראַפט, — וואָלטען ניט געוועזען דיזע געזעצען, וואָלטען אונפערשעמטע קאָנקורענטען געטריבען די עקספּלואַטאַציע נאָך מעהר ווי איצט. מען זעהט דורכצופיהרען געזעצליכע מיטלען, וועלכע זאָלען אָבהיטען דעם אַרבייטערס געזונד אין דער צייט פון זיין אַרבייט, פערזאָרגען איהם אין דער צייט פון זיין קראַנקהייט און אַרבייטס-אונפיהיגקייט, צום סוף אָבער שטרעבט מען אין גאַנצען צו פערניכטען דעם גענצען צווישען אַרבייט און קאַפּיטאַל, וועלכער בעשאַפט די גאַנצע נויט פון די אַרבייטער: אַלע פּראָדוקציאָנס-מיטלען זאָלען איבערגעגעבען ווערען די פּראָדוצענטען, אָבער שוין ניט מעהר אין דער אַלטער פאָרם פון צובּרעקעלטען פּריוואַטאייגענטהום, וואָס איז געוועזען מעגליך נאָר אין דער צייט פון קליין-פּראָדוקציאָן, נאָר אַלס געזעלשאַפטליכער אייגענטהום פון דעם אַרבייטענדען פאָלק און פון דער גאַנצער מענשהייט.

דאָס אַלץ זײַנען שטרעבונגען, וועלכע מוזען צום סוף אַרויסטרעטען, אָבער דאָס זײַנען שוין פּאָליטישע אויפגאַבען. דער געווערקשאַפטליכער באָדען ווערט שוין צו ענג, אויף דעם באָדען איז ניטאָ קײַן אָרט פאַר דער פערווירקליכונג פון די פּאָליטישע אויפגאַבען. אָט אַזוי געהט טריט בײַ טריט אַריבער דער אַרבײַטער-קלאַס אַלץ מעהר און מעהר צום פּאָליטישען קאַמפף: פון דער געווערקשאַפטליכער בעוועגונג פון פּראָלעטאַריאַט וואַקסט אַרויס די פּאָליטישע בעוועגונג, עס קומט אויף די סאָציאַלדעמאָקראַטיע.

IV.

מיר האָבען געזעהען, ווי די פּראָפּעסיאָנעלע און פּאָליטישע בעוועגונג פון פּראָלעטאַריאַט שטאַמט אַרויס פון די עקאָנאָמישע איבערקעהרענישען פון אונזער צײַט, ווי מיט דער ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם מוז די סאָציאַלדעמאָקראַטיע אויפהייבען איהר קאָפּ געגען די אַלטע בורזשואַזע פּאַרטייען.

אויך די געגנער פון פּראָלעטאַריאַט הויבען דאָס אָן מודה צו זײַן וואָס ווײַטער אַלץ מעהר; די העכסט איבערפלעכליכע און פּוסטע מיינונג, אַז דיזע „אונבעקוועמע“ נײַע פּאַרטיי וואַקסט ניט אַרויס פון לעבען גופא, נאָר איז בעשאַפען געוואָרען קינסטליך, אַז זי וואָלט ניט אויפקומען און וואָלט קײַן קיום ניט געהאַט, ווען ניט די פאַלשע פּאָליטיק פון „אויבען“ — אַזוי טענה'ן אָפּט די ליבעראַלען—אָדער די העצערייען פון אונטען—ווי עס ווילען אײַנשמועסען אַלע מינים רעאַקציאָנערען זייערע אָנהייגער—אָט דיזע מיינונג פערשווינדט וואָס ווײַטער אַלץ מעהר,

אויב אַלזאָ יעדער מענש מיט אַ פּאָליטיש שאַרפען בליק רעכענט זיך שוין הײַנט מיט דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, ווי מיט אַ נויטווענדיגקײַט, האָט מען דאָך מעהרסטענטייל'ס נאָך גאָר אַ שוואַכען בעגריף דערפון, ווי ווײַט די אײַזערנע סאַכע

פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג האָט שוין אויפגעאַקערט דעם פעלד פאַר'ן סאָציאַליזם, אַזוי, אַז עס איז גענוג אַ וואַרעמער זונענשטראַהל, אום זיינע קערנער זאָלען אויך דאָרטען געבען זאַנגען, וואו די בורזשואַזע פּאַרטייען האָבען נאָך עד היום אַ'ן ערפאָלג.

נאָר איבערהויפּט לאָזט נאָך איין פאַלשע מיינונג ניט ריכטיג אָפּשאַצען די שאַנסען, וועלכע דער סאָציאַליזם האָט אין דער צוקונפט.

דער טעות בעשטעהט דערין — ווייל, נאַטירליך, פריהער פאַר אַלעמען האָט זיך אָרגאַניזירט עקאָנאָמיש און פּאָליטיש דער פאַבריק-פּראָלעטאַריאַט פון די אינדוסטריע-צענטרען — וואָס מען האָט זיך צופיעל צוגעוועהנט צו בעטראַכטען די סאָציאַלדעמאָקראַטיע נאָר ווי אַ'ן „אַרבייטער"-פּאַרטיי, פערשטעהענדיג אונטער „אַרבייטער" אויסשליסליך די „האַנד"-אַרבייטער פון פאַבריק.

אויב דאָס וואָלט געווען ריכטיג, דאַן וואָלט דער סאָציאַליזם פאַר זיין ענטוויקלונג געהאַט אַ סך ענגערע גרענעצען, ווי די מעשה קומט פאָר אין דער אמת'ן. די אומשטאַנדען, אונטער וועלכע דער סאָציאַליזם ענטוויקעלט זיך, זיינען פון איין זייט גאָר ניט אַזוי איינפאַך, און פון דער אַנדער זייט זיינען זיי אַ סך גינסטיגער, און ווייל מען קען אָפט געפינען שוין לאַנג אָבגעלעבטע מיינונגען איבער דיזע פראַגע אַפילו אין יענע קרייזען, וועלכע אינטערעסירען זיך מיט איהר מעהר, דאַרפען מיר דערביי לענגער אָבשטעלען זיך. דאָס, וואָס עס איז שוין ביז איצט געזאָגט געוואָרען — בעווייזט גענוג קלאָהר, ווי פאַלש דיזע מיינונג איז.

ווען און ביי וועלכע בעדינגונגען ווערען אַלזאָ בעשטימטע פאָלקס-שיכטען צייטיג און פעהיג אָנצונעהמען די סאָציאַליסטישע לעהרע?

אַז נִיט די פיזישע אַרבּייט אִיז פאַרבּעשטימט דערצו, דאָס
אִיז קלאָר פון דעם אַלעס, וואָס מיר האָבּען שוין פריהער גע-
זאָגט. דער מייסטער אִין דער קליין-פּראָדוקציאָן פון די אַמאָליגע
פעאָדאַלע צייטען האָט אויך געאַרבּייט, ווי מיר האָבּען געזעהען,
פיזיש: ער האָט געגראָבּען און געבּויט, געשפּינט און געוועבּט,
געקלאַפּט און געטאָקט, אָבּער עס וואָלט געווען לעכערליך, ווען
מען וואָלט אִיהם געוועלט, אַפילו בשעת ער אִיז נאָך געווען
אַ פועל, נעווינען פאַר דעם סאָציאַליזם, ווייל ער אִיז געווען
נִיט נאָר אַ האַנד-אַרבּייטער, נאָר אִין דער זעלבּער צייט אויך
בּעזיצער און דעריבּער אִיז ער נִיט זיין גאַנצען לעבּען
געווען עקספּלואַטירט. פאַרקעהרט, דער זעלבּיגער
שפּינער, וועבּער, שמיעד אָדער טאָקער אִיז גלייך אַיועק מִיט
דעם „נייעם וועג“, ווי נאָר ער אִיז געוואָרען בּעזיצלאָז, ווי
נאָר ער אִיז געוואָרען אָבּהעניגיג פון אַ בּעשטימטער פאָרם
פון עקספּלואַטאַציע. די פיזישע אַרבּייט אִיז דאָ
געוויס נִיט די אורזאַכע, זי קען דעם מענשען מאַכען פּונקט
אַזוי גוט פאַר דעם געדולדיגסטען רעאַקציאָנער, ווי פאַר אַ קעמפּ-
פענדען סאָציאַלדעמאָקראַט; נאָר די אויבּענדערמאָנטע בּעש-
טימטע פאָרם פון דער סאָציאַלער אָבּהעניגיגקייט
בּעשאַפט דעם מענשען-מאַטעריאַל, פון וועלכען די סאָציאַלדע-
מאָקראַטיע רעקרוטירט און פון וועלכען זי קען אויך אויף וויַיטער
רעקרוטירען איהרע אָנהעניגער. דיזע פאָרם פון אָבּהעניגיגקייט
האָט אָבּער אִין עצם גאָר קיין שייכות נִיט מִיט דער פיזישער
אַרבּייט אָדער אַפילו נאָר מִיט בּעשטימטע צווייגען פון אִיהר.
מען דאַרף גאָר נִיט ווערען שוואַרץ ווי אַ קוימענקעהרער אָדער
אִין גאַנצען פערשטויבּט, מען דאַרף גאָר נִיט קלאַפּען מִיט דעם
האַמער אָדער אַרבּייטען מִיט דער פייל, כדי מען זאָל קענען
עקספּלואַטירט ווערען. עס אִיז פון אָנהויבּ אָן קלאָר, אַז מען
קען, פּונקט אַזוי ווי די האַנד-אַרבּייטער, עקאָנאָמיש אָבּהעניגיג
און עקספּלואַטירט ווערען ווען מען פיהרט די בּיכער און די
חשבונות אִין אַ קאָנטאָר, אָדער ווען מען צייכענט מוסטערען,

אָדער ווען מען שרייבט ראָמאַנען, אָדער ווען מען טהוט וועלכע עס איז אַנדערע „גייסטיגע" אַרבייטען.

וואו די האַנד אַרבייטער זיינען צוגעשטאַנען און שטעהען צו צום סאָציאַליזם, קומט עס פאַר צוליעב דעם און אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל זיי זיינען אונטערגעוואָרפען געוואָרען אַ בעשטימטער פאָרם פון אָבהיינגיגקייט און עקספּלואַטאַציע; די זעלבע זאַך קען אָבער פאָרקומען אויך מיט די אַלע אַנדערע צווייגען פון דער מענשליכער טהעטיגקייט און מיט אַ טייל פון זיי איז דאָס שוין טאַקי פאָרגעקומען.

דאָס וועט אונז קלאָר ווערען ווי דער טאָג, ווען מיר וועלען נאָך אַ מאָל בעטראַכטען דעם עיקר פון דער היינטיגער, פון דער קאַפּיטאַליסטישער, ווירטשאַפטליכער אָבהיינגיגקייט פון איין מענשען צום צווייטען.

און וואָס איז דער אונטערשיעד צווישען דעם סאָציאַליסטיש געזאָנענעם פאַבריק-וועבער און זיין שטילינקען און צופריעדענעם חבר פון די אַמאָליגע יאָהרען? ווי מיר האָבען שוין בעוויזען: פריהער פון אַלץ אין זיין בעזיצלאָזיגקייט אין דעם, וואָס ער איז פאָלשטענדיג אָבגעטיילט געוואָרען פון די פּראָדוקציאָנס-מיטלען, וועלכע זענען דורכאויס נויטיג צום וועבען און וועלכע ער קען געפינען נאָר אין דער פרעמדער ריעזען-פאַבריק. דיזע בעזיצלאָזיגקייט, דיזע אָבגעריסענהייט פון די פּראָדוקציאָנס-מיטלען, צווינגען איהם — און דאָס איז די הויפּטזאַך אין זיין פּאָליטישער און עקאָנאָמישער לאַגע — אַריינצוטרעטען אין דיענסט צו אַ פרעמדען, ווערען אָבהיינגיג פון דעם בעל-הבית פון פאַבריק און פּראָדוקציאָנס-מיטלען; זי צווינגט איהם אויך אָנצונעהמען פאַר ליעב די קלאָגעדיגסטע שכירות פאַר זיין אַרבייט, אַבי די נשמה צו דערהאַלטען, און אָבצוגעבען, אַלס פּראָצענט דעם קאַפּיטאַל, דעם גאַנצען מעהרווערטה, וועלכער ווערט בעשאַפען דורך דעם, וואָס ער ערהאַלט פאַר זיין אַרבייט אַ סך וויניגער, וויפיעל זיין אַרבייטס-פּראָדוקט טרעפט אָן. זי ברינגט איהם מיט איין וואָרט, דערצו, אַז ער ווערט

עקספּלואַטירט, און דאָס טרײַבּט איהם צו פֿעראײניגען זיך מיט זײַנע חברים, װעלכע לײַדען פֿון די זעלבּיגע צרות, דאָס טרײַבּט איהם אין דעם עקאָנאָמישען קאַמפּף פֿאַר בּעסערע לעבּענס־בּעדינגונגען און צום סוף צװינגט דאָס איהם צו פֿאָדערען, אַז די פּראָדוקציאָנס-מיטלען זאָלען איבּערגעגעבּען װערען די פּראָדוצענטען, כּדי זײ זאָלען מעהר ניט דאַרפֿען צאָהלען אַלץ אַ גרעסערען צינז דעם קאַפּיטאַל און שטענדיג געפֿינען זיך אין אַ יסורים'דיגער אָבּהענגיגקײַט פֿון פּריװילעגירטע יחידים.

די זעלבּע אָבּטײלונג פֿון בּעזיץ און אַרבּײַט, איבּערהױפּט דער זעלבּער צינז, װעלכען דער אײגענטהימער נעהמט פֿאַר זײַן פֿערמעגען, די זעלבּע אָבּהענגיגקײַט און עקספּלואַטאַציע קומט פֿאָר ניט נאָר אין דער האַנד-אַרבּײַט־פּראָדוקציאָן, נאָר אויך אין גאַנץ אַנדערע געבּיעטען; זי פֿערכאַפּט שטענדיג נײַע פּלעצער און אומעטום, װאו זי כאַפּט זיך אַרײַן, גרײט זי צו דעם בּאָדען פֿאַר דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. אויף װאָסער װינקעל מען זאָל ניט װאַרפֿען אַ'ן אויג, זעהט מען דאָס לרוב און קלאָר.

װעלכע אומענדערונגען האָט דורכגעמאַכט למשל דער סוחר'שער פֿאַך אין די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען!

דער קרעמער פֿון די אַמאָליגע צײַטען, װאָס שטאַרבּט אָבּ פֿון טאָג צו טאָג, איז געװען אין דער זעלבּיגער לאַגע װי דער קלײן־האַנדװערקער. פֿריהער האָט ער געמוזט אַ לאַנגע צײַט געפֿינען זיך אין דער „לעהרע", װײַל אַלס אַ צוקונפֿטיגער קרעמער, װעלכען עס װעט אויסקומען אַלץ אַלײן צו טאָהן, האָט ער געדאַרפֿט מיט אַלץ זײַן בּעקאַנט: אײַנקױפֿען, צוריכטען, פֿערקױפֿען, פֿיהרען די קאָרעספּאָנדענץ און די בּיכער, דערפֿאַר אָבּער איז זײַן לאַגע אַלס משרת געװען מעהר אָדער װײניגער בּעװאָרענט: די קאָנקורענץ איז געװען בּײַ אַזעלכע בּעדינגונגען, פֿערשטעהט זיך, ניט גרױס, װײַל עס איז געװען אַ נאָכפֿרעג נאָר אויף „געלערענטע" אַרבּײַטס־קרעפֿטען. אַזױ פֿלעגט ער קענען מיט זײַנע אָבּשפּאָרונגען מאַכען אַ'ן אײגענע קלײנע קרעמעל, װעלכע פֿלעגט מיט איהרע קלײנע מיטלען צוציהען גיך

אַ פּעֶסטעֶ צאָהל קונדעֶן פון דעֶר שכנ'שאַפט און פלעֶגט בעֶ־
פרײַעֶן איהר בעל־הבית — ניט פון אַרבײַט, אָבעֶר פון יעֶדעֶר
זאָרג אויף להבא.

דעֶר משרת בײַם סוחר אין די הײַנטיגעֶ צײַטעֶן—פונקט ווי
אין זײַן צײַט דעֶר אינדוסטריעֶ־אַרבײַטעֶר — פעֶרשטעֶהט דעֶם
געֶשעֶפט נאָר אײנזײַטיג, ניט ווי זײַן חבר פון די אַמאָליגעֶ
יאָהרעֶן, וועֶלכעֶ פלעֶגעֶן פעֶרשטעֶהעֶן זײַן עסק פיעֶל־זײַטיג, עֶר
פיהרט אפשר די קאָרעֶספּאָנדעֶנץ, אָבעֶר עֶר פעֶרשטעֶהט גאָר
ניט אין די ביכעֶר; פיהרט עֶר די ביכעֶר, ווייס עֶר גאָר ניט, וואָס עֶס
טהוט זיך מיט דעֶם אײַנקויפעֶן און פעֶרקויפעֶן פון די סחורות; איז עֶר
אַ רײַזעֶנדעֶר, פעֶרשטעֶהט עֶר גאָר ניט אין די איבעֶריגעֶ זאַכעֶן פון
געֶשעֶפט; אַלס פעֶרקויפעֶר, האָט עֶר גאָר ניט צו טהאָן מיט
דעֶם אײַנקויפעֶן, מיט דעֶר קאָרעֶספּאָנדעֶנץ און מיט די ביכעֶר;
יאָהרעֶנלאַנג שטעֶהט עֶר אפשר אין אַ קאָפּעֶ־געֶשעֶפט אָדעֶר אין
אַ'ן אַנדעֶר ספּעֶציעֶלעֶן געֶשעֶפט, די גאַנצעֶ צײַט וועֶגט עֶר די
זעֶלבעֶ סחורה און גיט איהר איבעֶר שטעֶנדיג מיט דעֶר זעֶלבי־
געֶר פרײַנדליכעֶר מינעֶ דעֶם קונה. אַפילו לעֶזעֶן, שרײַבעֶן און
רעֶכעֶנעֶן דאַרף עֶר שוין אויך ניט קעֶנעֶן צו זײַן אַרבײַט, ווײַל
בײַ דעֶר קאַסעֶ נעֶבעֶן טיר זיצעֶן „ספּעֶציעֶלעֶ" מעֶנשעֶן, וועֶלכעֶ
דאַרפעֶן נאָר פעֶרשטעֶהעֶן געֶלד אָבצונעֶהמעֶן און אַרויסצוגעֶבעֶן
רעֶשטעֶ. עס איז קלאָר, אַז צו אַזעֶלכעֶ אײנפאַכעֶ אַרבײַטעֶן
קעֶן מעֶן גיך אויסלעֶהרנעֶן יעֶדעֶן אַרבײַטסלאָזעֶן, — אַלץ אײנס,
צו איז עֶר פריהעֶר געֶװעֶן אַ „סוחר" אָדעֶר ניט. — אַז דעֶריבעֶר
וואַקסט שטעֶנדיג די קאָנקורעֶנץ צווישעֶן די, וועֶלכעֶ זוכעֶן שטעֶ־
לעֶן, און דעֶריבעֶר איז אויך דעֶר לוין געֶוואָרעֶן אַ סך אַ קלעֶ־
נעֶרעֶר.

און אין דעֶר זעֶלבעֶר צײַט האָט זיך דעֶר געֶשעֶפטס־אַפּאַ־
ראַט אַלץ רײַכעֶר און גלעֶנצעֶנדעֶר עֶנטוויקעֶלט. אומעֶטום, וואו
עֶס געֶהעֶן דורך די הויפּט־אָדעֶרעֶן פון דעֶם שטאָטיגעֶן פעֶרקעֶהר,
ציהעֶן זיך רײַך אויסגעֶפּוצטע מורא'דיגעֶ געֶשעֶפטעֶן, מאַגאַזינעֶן
און קראָמעֶן, וועֶלכעֶ נעֶהמעֶן אָב אַלץ מעֶהר און מעֶהר די

קונדען בײַ די קלײנע קרעמער פון די אַרומיגע גאַסען און קיואַרטאַלען. גאָרנישט קענענדיג מאַכען, פערשווינדט דער קלײן-מסחר פון פלאַץ אָדער ער מאַטערט זיך צווישען לעבען און טויט ביז ער בעקומט ניט—אַ מאָל איבער דעם טויט פון דעם פריהערדיגען בעל-הבית, אַ מאָל איבער אַ באַנקראָט און ליקווידאַציע — נאַטירליך אָדער אוננאַטירליך זײַן סוף. נײַע געשעפטען ווערען געעפענט נאָר אין דעם פאַל, ווען זיי קענען פון אָנהויב אָן אויף'ן גרויסען שטייגער געפיהרט ווערען. אויך דאָ ווערט גיך נאָר דער גרויסער קאַפּיטאַל אַליין קאָנקורענץ-פיהיג און דעריבער ווערט שוין פון די צוקונפטיגע האָפנונגען פון די געשעפטס-משרתים אַש און רויך. זיי קענען שוין מעהר ניט קלערען צו ווערען בעלי-הבתים פאַר זיך, ווײַל די צוטיילונג פון דער אַרבײַט און דעם סוחר'שען גרויסבעטריעב מאַכט שוין אַלץ מעהר און מעהר איבעריג די פּיעל-זײַטיג געניטע אַרבײַטס-קראַפט, פערגרעסערט די צאָהל פון די, וועלכע זוכען שטעלען, און פערקלענערט דורך די קאָנקורענץ דעם לוין.

דערמיט אָבער ווערען בעשאַפען די זעלבע געגענזאַצען אין די אינטערעסען, ווי אין דער אינדוסטריעלער גרויס-פּראָדוקציאָן: פון איין זײַט דער קאַפּיטאַליסט, וועלכער אַרבײַט ניט, וועלכער לעבט פון דער עקספּלואַטאַציע פון פרעמדער אַרבײַטס-קראַפט, און וועלכער ווענדט אָן אַלע מיטלען דיזע עקספּלואַטאַציע צו פערגרעסערען, — פון דער אַנדער זײַט די בעזיצלאָזע בלויזע אַרבײַטס-קראַפט, וועלכע מוז דורכפיהרען דעם גאַנצען לעבען אין אָבהײַנגיגקײַט און וועלכע בעקומט פאַר אַלע איהרע אַרבײַטען, וואָס ברײַנגען איין אַזאַ גרויסען פראָפיט, די קלאָגעדיגסטע שכירות, כדי נאָר די נשמה צו ערהאַלטען; דעריבער אָבער ווערט אויך דיזע אַרבײַטס-קראַפט געטריבען צו דעם געמײַנזאַמען קאַמפף פאַר העכערע שכירות, כדי אין גאַנצען ניט אומצוקומען פון דער עקספּלואַטאַציע פון קאַפּיטאַל— און צום סוף ווערט זי געצוואונגען אַרויסצושטעלען *סאָציאַליסטישע* פאָדערונגען, אום דיזע עקספּלואַטאַציע מיט דער צײַט אין גאַנצען צו פערניכטען.

אין די אַנדערע פאַכען קומט פאָר די זעלבע געשיכטע, דער רעסטאָראַציאָנס-געשעפט, למשל, איז נאָך ביז ניט לאַנג אומעטום געווען ניט גרויס. דער צימער פאַר די געסט איז ניט געווען אויסגעפוצט און האָט אויסגעזעהען ווי אַ פשוט'ע דירה, נאָר אַ ביסעלע גרעסער, וואו פון צייט צו צייט פלעגען זיך רעגעלמעסיג צונויפקומען פריינד און שכנים; דער בעל־הבית איז צו גלייכער צייט געווען די הויפט־אַרבייטס-קראַפט; ער פלעגט צייטענווייז אַליין ברויען ביער, איינקויפען אַלץ, צוגרייטען דעם קעלער און אַליין בעדיענען די געסט. ער האָט דעריבער געמוזט אין זיינע יונגע יאָהרען דאָס אַלץ אויסלערנען זיך צו טאָהן, און דאָס אַלץ פערשטעהט אויך צו טהאָן זיין משרת, וועלכער קען דעריבער ניט ווערען אַזוי לייכט פערביטען דורך אַ וועלכען עס איז אַנדערען, און וועלכער האָפט אין גיכען צו ווערען זעלבסטשטענדיג און אַבעל־הבית פאַר זיך. אין היינטיגע צייטען ווערט אויך אין דיזען פאַך דער געשעפט געפיהרט גרויס. די קליינע שענקען פערלירען זייערע געסט און נאָר דער אויסשטאַרבענדער אַלטער דור, וועלכער ווערט פון טאָג צו טאָג ווינציגער, פערבלייבט נאָך טריי זיי און דער אַלטער געוואָהנהייט. די גרויסע ביער-הייזער מיט די גרויסע ליכטיגע צימערן, מיט די רייך געפוצטע זאַלען, האָבענדיג די מעגליכקייט, אַ דאַנק דעם גרויסען פערקויף, צו ליפערן פאַר ביליגע פרייזען די בעסטע געטראַנקען און מאכלים, ציהען צו זיך צו די געסט, ווי מיט אַ מאַגנעט.

איצט אַרבייט שוין דער בעל־הבית ניט; ער האָט אפשר גאָר קיין מאָל אין לעבען קיין שום עסק ניט געהאַט מיט קיין רעסטאָראַציאָן—דאָס זיינען דאָס רוב שוין אַקציען-געזעלשאַפטען, אַקציען-ברויערייען, וועלכע לייגען אַריין אין דעם געשעפט זייער געלד און שטרעבען צו ציהען רווח, אויספיהרענדיג די גאַנצע אַרבייט דורך געדונגענע מענשען, וועלכע זיינען, מיט קליינע אויסנאַהמען, קלאָגעדיג בע-

צאָהלטע שכירות־אַרבײַטער, פון וועלכע יעדער איז פערנומען מיט אַ בעזונדער מין אַרבײַט. אײניגע פון זײ פערברײנגען זײער גאַנצען לעבען בײַ דער אַרבײַט אין קיך און אין קעלער; זײ פוצען און שאַבען, האַקען און קנעטען, וואַשען און קאָכען. דער קעלנער אין רעסטאָראַן ווײס גאָר ניט, ווי מען דאַרף צוגרײטען די פערשידענע מאכלים און געטראַנקען; ער האָט נאָר אײן אַרבײַט: פאַנאַנדערטראָגען דאָס די געסט, און, קענענדיג דעריבער פערבײטען ווערען דורך יעדען פלינקען יונגען מאַן, איז ער צופרידען שוין דערמיט, ווען ער פערדינט אויף זײַן קאַרגע הוצאה. בעקומענדיג מעהרסטענטײלס זײַן פערדינסט אין דער ערנידעריגענדער פאָרם פון „טרינק־געלד". עס טרעפט זיך אפילו אָפט, אַז דאָס אָבּרעכענען זיך מיט די געסט געהערט צו אַ „ספּעציעלען" קעלנער, און אויף אַזאַ אופן איז יעדער מענש אין דיזען געשעפט געוואָרען נאָר אַ טײל פון דעם אַמאָליגען פיעל־זײַטיגען רעסטאָראַציאָנס־משרת. ווי קען דיזער אָרעמער און אונגעלערענטער „דינסט-פּערסאָנאַל" וועלען ווען עס איז ווערען זעלבסטשטענדיג, אַז צו דעם געשעפט דאַרף מען האָבען אַ גרויסען קאַפּיטאַל און זײַן פרנסה איז אַזוי קלײן געוואָרען? אויך דיזע מענשען זײַנען אַלזאָ פּראָלעטאַריער, וועלכע מוזען זײער גאַנצען לעבען פערדינען נאָר פון זײער בלויזער אַרבײַטס-קראַפט און זײַן אָבהײנגיג פון פרעמדען אײגענטהום, און דעריבער ווערען זײ געטריבען פריהער אין דעם קאַמפף מיט'ן קאַפּיטאַל פאַר העכערע שכירות און צום סוף שטעלען זײ אַרויס סאָציאַליסטישע פאָדערונגען, כדי צו פערניכטען אין גאַנצען די אָבהײנגיגקײט פון קאַפּיטאַל און אײגענטהום.

אָבער אויך דאָרט, וואו די אַרבײַטס־קראַפט איז ניט קאָנצענטרירט אויף דעם אויבען געשילדערטען אופן אין אַ גרויסען פרעמדען פּראָדוקציאָנס־אַפּאַראַט, זײַנען שוין לאַנג ענטוויקעלט די זעלבע בעדינגונגען פון עקספּלואַטאַציע און דעריבער אויך די זעלבע אינטערעסען־געגענזאַצען, וועלכע טרײַבען דעם און-

טערדריקטען טייל און קאַמפף געגען אייגענטהום און צו פער־איינינונג מיט דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע.

ווי אָפּט האָבען מיר געהערט, מיט וואָס פאַר אַ גאווה די בורזשואַזיע ווייזט אָן, אַז די סאָציאַלדעמאָקראַטיע קען קיין ערפאָלג ניט האָבען, ווייל ווי אין איזערנע פעסטונג שטעהט געגען איהר ענטוויקלונג דער אַלץ מעהר און מעהר זיך פער־בריטענדער קליינבעטריעב. נאָר וואָס פאַר אַ זעלבסט־פערבלענ־דונג ליגט אָבער אין דיזער מיינונג שוין בנוגע צו די היינטיגע צייטען און נאָך מעהר בנוגע צו דער צוקונפט?

אַקוראַט ווי די האַנד־אַרבייט ציהט ניט צו פון זיך אַליין קיינע אָנהיינגער צו דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, אַזוי איז אויך דער קליינבעטריעב ניט קיין צוים געגען דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. געשיצט איז געגען דעם סאָציאַליזם — ווי מיר האָבען שוין פריהער ערקלערט — נאָר דער עקאָנאָמיש אונאָב־הענגיגער קליינבעטריעב, וועלכער האָט זיינע אייגענע „קונדען". וועלכער האָט אָבער ניט איבער זיך פאַר אַ בעל־הבית דעם קאַ־פּיטאַליסט, „דעם אַרבייטס־געבער", דיזען אונאָבהיינגיגען קליינ־בעטריעב געהערט דער גאַנצער פּראָדוקט פון זיין אַרבייט; ער יוערט אַלזאָ ניט עקספּלואַטירט. ווי פיעל אַזעלכע קליינבעטריע־בען זיינען אָבער דאָ אין דער אמת'ן ביי היינטיגע צייטען? אמת, ביי זיך אין שטוב, אין די קליינע יוערקשטאַטען, אַרביי־טען הונדערטער טויזענדער מייסטערלעך און פּראָדוצענטען; אויך זייער יוערקצייג: דער וועב־שטוהל, די ניי־ און שטיק־מאַשין, דער הובעל, דער פרעס, די דרעה־באַנק — איז זייער אייגענטהום. אָבער ניט אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען זיינען נאָך זייער אייגענטהום; די פאָדים צום וועבען, די צייג, דער ליינוואַנד צום נייען, די ברעטער צום הובלען, שניידען, טאַקען און פּאָ־לירען, די לעדער צו נייען שיך, שטעלט זיי צו, פּונקט אַזוי, ווי די אַרבייטער אין פאַבריק, דער גרויס־קאַפּיטאַליסט, אָבער אפילו די קליינבעטריעבען, וועלכע זענען בכח צוזושטעלען פאַר־

טיִנגע סחורות, בענוצען זיך אויך ניט מיט דעם פּראָדוקט פון זייער אַרבייט, ווייל דער אָבזאַץ פון די סחורות קען נאָר פאָרקומען אין אַזאַ גרויסען מאַסשטאַב, אַז די קלײנע פּראָדוצענטען האָבען דערצו קײנע מיטלען ניט. דערי־בער מוזען זיי ווערען שקלאַפען ביי די מאַגאַזינען, גרויסע האַנ־דעלס־הייזער און עקספּאָרט־געשעפטען, וועלכע זיי שטעלען צו זייערע פּראָדוקטען. פּונקט אַזוי, ווי דער בעזיצער פון דער בלויזער אַרבייטס־קראַפט האָט געמוזט אַריינטרעטען אין דינסט צום גרויס־קאַפּיטאַל, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין פּרודוקציאָנס־מיטלען; אַזוי מוז דאָס אויך טהאָן דער בעזיצער פון אַרבייטס־קראַפט און פון צו ווינציג פּראָדוקציאָנס־מיטלען, און אויך ביי איהם, דעם הילפסלאָזען, נאַרט אויס דער מעכטיגער קאַפּיטאַ־ליסט דעם פּראָדוקט פון זיין אַרבייט. אָב׳פּטר׳ענדיג איהם מיט דעם קלאָגעדיגסטען לוין. זעהר אָפט ענטוויקלען זיך געראַדע דאָ די גיפטיגסטע פאָרמען פון עקספּלואַטאַציע. אויך אין פאַבריק האָט דער קאַפּיטאַליסט געגעבען די קלאָגעדיגסטע שבירות אויף חיונה דעם וועבער, דעם שניידער, דעם שוסטער א. ז. וו., אָבער ביים פאַבריק־בעטריעב האָט ער דאָך געמוזט רעכענען זיך מיט די בעשרענקונקען אין דער אַרבייטס צייט און לוין־אַראָבדריקונג, וועלכע זיינען געווען איינגעפיהרט דורך אַ געזעץ אָדער דורך געווערקשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס; און ווען דער קאַפּיטאַל לאָזט ניט אַרבייטען זיינע שקלאַפען אין זייערע וואָהנונגען, נאָר ער קלייבט זיי צונויף ביי זיך אין פאַבריק, דאַן דאַרף ער טראָגען די הוצאות אויף דירה־געלד, בעהייצונג, בעלייכטונג, ווערקצייג, קליינע מאַשינען; ער דאַרף טראָגען דעם היזק, ווען סחורה ווערט אַ מאָל איבערגעפיהרט. ער מוז ליידען, ווען די אַרבייט שטעלט זיך אַ מאָל אָב. איצט קומט עס אָבער אַלץ אָן דעם קליין־מייסטער. און ווייל די הויז־פּראָדוצענטען זיינען צוזייט און צושפּרייט, מאַכט דאָס שיוער ביי זיי יעדע אָרגאַניזירונג, דריקט אַראָב זייער לוין ביז צו דעם קלענסטען גראַד, פערלענגערט זייער אַרבייטס־צייט אָהן אַ שיעור און צוזאַמען מיט דעם לאָזט

דאָס בליִהען פֿערשיעדענע אַרטען פֿון וואָכער און שווינדלערײַ
מיט וועלכע די פֿאַבריק-סיסטעם האָט שוין לאַנג ניט צו טהאָן,
אָדער מיט וועלכע זי האָט גאָר קײַן מאָל ניט געהאַט צו טהאָן.
די, וואָס זענען בעשעפֿטיגט אין אַזעלכע קלײנבעטריעבען,
זײַנען דעריבער ניט מעהר ווי פּראָלעטאַריער, און אָפֿט לעבט
זיך זיי נאָך אַ סך ערגער, ווי די פּראָלעטאַריער אין פֿאַבריק,
ניט קוקענדיג אויף זייער בלומרשט'דיגען בעזיץ, וועלכער איז
איצט ניט מעהר, ווי אַ לאַסט, וואָס מאַכט שווערער זייער
עקסיסטענץ—שטעהען זיי אין דעם זעלביגען אינטערעסען-געגענ-
זאַץ, ווי די פֿאַבריק-אַרבײַטער, צום קאַפּיטאַל, וועלכער עקספּלו-
אַטירט זיי, און דעריבער מוזען זיי אַרײַנטרעטען אין דעם פּראָ-
פֿעסיאָנעלען קאַמפּף פֿאַר אַ בעסערע עקסיסטענץ; כדי זיך אָבער
אין גאַנצען צו בעפֿרײַען, מוזען זיי שטרעבען צו אַ סאָציאַליס-
טישער אָרגאַניזאַציע פֿון דער פּראָדוקציאָן.

נים אַנדערש איז אויך מיט די הונדערטער טויזענדער
קלײנע לאַנדווירטשאַפֿטליכע פּראָדוצענטען,
וועלכע זײַנען ניט קײַן טאָג-לוינער. די גרויסע איבערקעהרעניש
אין אַלע לעבענס-פֿערהעלטניסען איז מעהרסטענטיילס אויך דאָ
פֿאָרגעקומען ניט אויף אַזאַ אופֿן. אַז דער קאַפּיטאַל האָט אַרײַנ-
געכאַפּט די גאַנצע ערד און עקספּלואַטירט די אַמאָליגע קלײן-
בויערען, אַלס זײַנע לוין-אַרבײַטער. אָבער, פֿערלײַענדיג דעם
קלײן-בויער געלד, אויסזייגענדיג איהם אַלס הענדלער, ליפֿע-
ראַנט און אויפֿקויפֿער, האָט דער קאַפּיטאַל שוין לאַנג איהם
אַזוי פֿערשקלאַפֿט, אַז זײַן לעבען איז אַ סך קלאָגעדיגער, ווי
דער לעבען פֿון די פֿאַבריק-פּראָלעטאַריער, און בײַ וועלכער
אַרבײַט? אָרגאַניזירטע אַרבײַטער וואָלטען זיך באַלד דערשלאָגען
בעסערע אַרבײַטס-בעדינגונגען, אָבער דער פֿער'עקשן'טער בויער
ליגט אויף זיך אַרויף אַלץ מעהר אַרבײַט, האָפֿענדיג, אַז, וואָס
מעהר ער וועט אַרבײַטען, אַלץ מעהר וועט איהם אָנקומען, ניט
קוקענדיג אויף דעם, וואָס די גאַנצע פּרנסה קומט אַרײַן אין די

קעשענעס פון קאפּיטאַליסט. עס זײַנען נאָך הײַנט דאָ גאַנצע געגענדען, וואו עס געפינען זיך לויטער קלײן-בויערען; דער קאַפּיטאַליסט וואָלט אָבער קײן מאָל ניט געקענט פון זײ אַזוי פיעל אַרויספּרעסען, ווען ער וואָלט אויפקויפען דעם גאַנצען שטח לאַנד און אַיועקשטעלען די בויערען אַלס שכירות-אַרבײַטער בכלל זעהען מיר אויך דאָ, אַלזאָ, דעם אינטערעסען-געגענזאַץ צווישען דעם עקספּלואַטירענדען קאַפּיטאַל און דער עקספּלואַ-טירטער אַרבײַט, נאָר דאָ וואַרפט זיך דאָס ניט אַזוי אין די אויגען, ווײַל די עקספּלואַטירטע אַרבײַטס-קראַפט האָט נאָך דאָ, — פונקט אַזוי, ווי אין דער הויז-אינדוסטריע — אַ כלומרשט'דיגען שטיקעל אייגענטהום, וועלכער ברײנגט איהר אַלײן שאָדען, דעם קאַפּיטאַל אָבער נאָך אַגרעסערען ריוח. אָבער ווי לאַנג דאָס זאָל ניט דויערען, וועלען צום סוף אויך דיזע שיכטען ניט טראָגען לענגער אויף זייערע געדולדיגע רוקענס די בלוטזויגער און וועלען צושטעהען צו דער פּאַרטײ, וועלכע זאָגט זײ צו בעפרײַאונג פון יעדער עקספּלואַטאַציע! זײ וועלען צושטעהען צום סאָציאַליזם!

דעריבער שטעהען פאַר די אַלטע פּאַרטײען נאָך גאַנץ אַנדערע, פיעל שרעקליכער קלעפּ, אַלס די, וועלכע זײ האָבען ביז איצט בעקומען, אַ דאַנק דער גיכער ענטוויקלונג פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. די סאָציאַלדעמאָקראַטיע וועט אַלץ מעהר און מעהר אַרײַנדרינגען אין אַזעלכע קרײַזען, וועלכע זײַנען פאַר איהר ביז איצט נאָך פערשלאָסען, אָדער וועלכע פער-האַלטען זיך צו איהר זאָגאַר פײַנדליך, זי וועט צוציהען צו איהר פאָהן צעהנדליגער טויזענדער דאָרטען, וואו הײַנט געהען נאָך איהר נאָך נאָר הונדערטער און טויזענדער.

און אויך גאַנצע מחנות פון ווײַטזיכטיגע גענערעלער און אָנפיהרער וועט די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג ווי פון דר'ערד בע-שאַפען דורך די געפעהרליכסטע ערשײנונג פאַר דער בורזשואַזער קולטור-וועלט פון די הײַנטיגע צײַטען: דורך די פּראָלעטאַ-ריזירונג פון דער אינטעליגענץ.

ווי לאַנג איז די צײַט, ווען די גְעבִילדעֶטעֶ און געֶשטודירטעֶ האָבעֶן אַ פּנים געֶהאַלטעֶן דעֶם צד פון די קאַפּיטאַליסטעֶן, פון די פעֶרמעֶגעֶנדעֶ. ווער עֶס האָט אַ מאָל געֶהאַט דעֶם גליק דורך יחוס, דורך אַ צופאַל אָדעֶר דורך אַייזעֶרנעֶ עֶנעֶרגיעֶ אַרײַנצוטרעֶטעֶן אין די קלייִנעֶ צאָהל פון די „יחידי סגולה”, פאַר וועֶלכעֶ עֶס זײַנעֶן געֶווען אָפעֶן די אוצרות פון דעֶר הײַנטיגעֶר בילדונג, דעֶם, האָט מעֶן געֶרעֶכעֶנט, וועֶט שוין ניט אויסקומעֶן צו לײַדעֶן נויט און פיהרעֶן אַ קאַמפּף פאַר'ן לעֶבעֶן, ווי דאָס קומט אוים דעֶם פּראָלעֶטאַריאַט, וואָס אַרבײַט פיזיש; עֶר האָט געֶהעֶרט צו די „פני” פון דעֶר געֶזעֶלשאַפט, און אויב עֶר איז ווען עֶס איז אַראָבגעֶפאַלעֶן פון דיזעֶר הויכעֶר שטופעֶ, אָדעֶר אויב עֶר האָט איהר גאָר קײַן מאָל ניט דעֶרגרייִכט. איז עֶר אַלייִן געֶווען דעֶרין שולדיג: מן הסתם איז עֶר געֶווען, וואָס דעֶר עולם רופט אָן אַ „שלימזל'ניק” אַ מעֶנש, פון וועֶלכעֶן עֶס וואָלט געֶקעֶנט זײַן עֶטוואָס בעֶסעֶרס, פון וועֶלכעֶן עֶס איז אָבעֶר גאָר ניט געֶוואָרעֶן איבעֶר זײַן שוואַכעֶן כאַראַקטעֶר.

הײַנט האָבעֶן מיר הונדעֶרטעֶר און טויזעֶנדעֶר אָרעֶמעֶ טעֶכניקעֶר אָהן שטעֶלעֶן, וועֶלכעֶ בעֶטלעֶן אין צוריסעֶנעֶ קלייִדעֶר נדבות איבעֶר די גאַסעֶן, —פעֶרהונגעֶרטעֶ שטודירטעֶ לעֶהרעֶר, וועֶלכעֶ האָבעֶן יאָהרעֶנלאַנג קײַן אויסזיכט ניט צו קריגעֶן אַ שטעֶלעֶ, —יונגעֶ דאָקטוירים, וועֶלכעֶ עֶס גיט זיך קיין מאָל ניט אײַן צו האָבעֶן גענוג פּאַציעֶנטעֶן, — יוריסטעֶן, וועֶלכעֶ האָבעֶן אַ לאַנגעֶ צײַט קײַן אַרבײַט ניט, — מחברים, וועֶלכעֶ עֶרוואַרטעֶן מיט שרעֶק דעֶם מאָרגעֶדיגעֶן טאָג, ווײַל זיי ווייסעֶן ניט, פון וואָס וועֶלעֶן זיי לעֶבעֶן, — קינסטלעֶר, וועֶלכעֶ הונגעֶרעֶן ניט עֶרגעֶר ווי די אונגליקליכסטעֶ אַרבײַטעֶר. פון „שלי'מזלי'ם” קעֶן בײַ אַזאַ אַלגעֶמייִנהײַט און פעֶרברייִטקײַט פון דיזעֶן עֶלעֶנד קיין רייד ניט זײַן; דאָ מוזעֶן ליגעֶן טיעֶפעֶרעֶ אורזאַכעֶן. וועֶלכעֶ האָבעֶן צוגעֶגעֶבעֶן אַ פאָלשטעֶנדיג נײַעֶ געֶשטאַלט דעֶר גאַנצעֶר עֶקאָנאָמישעֶר עֶקסיסטעֶנץ פון דיזעֶ בעֶפעֶלקעֶרונגס-שיכטעֶן.

און אין דער אמת'ן איז טאַקי אַזוי — ווי עֶס ווייַזט זיך גלייַך אַרויס, ווען מען קוקט זיך צו נעהענטער — און אין דאָס רוב גייַסטיגע פאַכען איז די איינציגע אורזאַכע דערפון: די ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, די שטענדיג-וואַקסענדע הערשאַפט פון גרויסבעטריעב, אין וועלכען די גייַסטיגע אַרבייַט שפּיעלט אויך נאָר אַ ראָלע פון אַ בעצאָהלטען אַרבייַטער, פון אַ לוין-דיענער, וועמעס פרנסה ווערט בעשטימט דורך די געזעצען פון אָנגעבאָט און נאָכפרעג, און וועלכער האָט איבערהויפּט קייַן פרנסה מעהר ניט, ווען דער נאָכפרעג איז צו קליין אָדער ווען דער אָנגעבאָט פון די קאָנקורענטען איז צו גרויס.

לאָמיר נעהמען דעם הייַנטיגען טעכניקער! ער האָט אפשר געקראָגען די בעסטע ערציהונג, וועלכע מען קען זיך פאָרשטעלען; ער האָט אפשר די גלענצענדסטע ערפינדונגען אין קאָפּ, פון וועלכע עס וואָלט אפשר בעגולט געוואָרען דער, וועלכער וואָלט זיי אויסגענוצט. אָבער וואָס קען אָנהויבען טהאָן דיזער קבצן מיט זיינע רייַכע אידעען: כדי זיי אויסצופּראָבירען, כדי זיי צו פערווירקליכען, דאַרף ער האָבען טייַערע הילפס-מיטלען, דערצו דאַרף מען האָבען—ווי בייַ הייַנטיגע צייַטען אין אַלע גרויס-אינדוסטריען—ריעזען-קאַפּיטאַלען, וועלכע די בעזיצלאָזע אינטעליגענץ וועט קיין מאָל ניט קענען ערווערבען, פּונקט אַזוי, ווי דער אָרעמער וועבער—אַ וועבעריי-פאַבריק, אָדער ווי אַ'ן אייזען-אַרבייַטער — אַ'ן אייזען-פאַבריק. דעריבער מוז דער בעזיצלאָזער טעכניקער, פּונקט אַזוי ווי דער בעזיצלאָזער האַנד-אַרבייַטער, אָנקומען צום קאַפּיטאַליסט, ווייַל נאָר בייַ איהם אין דיענסט קען ער אַרבייַטען און פּראָדוצירען. אויף אַזאַ אופן קומט פאָר צווישען דעם בעזיצער פון די פּראָדוקציאָנס-מיטלען און דעם גייַסטיגען אַרבייַטער דער זעלביגער מסחר, ווי צווישען דעם פאַבריקאַנט און דעם האַנד-אַרבייַטער, און ווייַל אין ביידע פאַלען איז דער בעזיצער שטאַרקער און מעכטיגער, ווייַל דער

טעכניקער קען פון זײַנע טעכנישע קענטניסען פונקט אַזוי ווײניג געניסען, ווי דער פאַבריק-פּראָלעטאַריער פון זײַן אַרבײַטס-קראַפט, ווערט אויף אַזאַ אופן אויך בײַ דעם טעכניקער אין אַלגעמײנעם בעראַבעוועט דער פּראָדוקט פון זײַן אַרבײַט, און אַלץ מעהר און מעהר מוז ער זיך בענוגענען מיט אַ קאַרגער הוצאה.

אויב דאָס טרעט הײַנט נאָך נישט אַזוי דײַטליך אַרויס, איז דאָס גאָר פּראָסט דעריבער, ווײַל אַ'ן אַנדערען, אַ מוצלח, גיט עס זיך נאָך אַלץ אײַן צו האָבען אַ מאָנאָפּאָל-שטעלע, ער האָט דאָרטען נישט קײנע קאָנקורענטען און דער קאַפּיטאַליסט קען אָהן איהם נישט אויסקומען און מוז איהם טאַקי דעריבער „עהרליך" בעצאָהלען. אָבער ווי פיעל פון אונזער גרויסער צאָהל אינזשע-נערען, טעכניקער און כעמיקער זײַנען אַזעלכע מוצלחים?

און מוז דען דאָ נישט פערגרעסערען זיך די קאָנקורענץ, וואָס מעהר עס פערברײטערען זיך די אוניווערזיטעטען און טעכנישע אינסטיטוטען? די פאַך-שולען זײַנען — ווי גרויס עס זאָל נישט זײַן זײער קולטורעלע בעדײַטונג — פאַר די קאַפּיטאַליס-טען, נישט מעהר ווי אַ מיטעל צו בעשאַפען פאַר זיך אַ רעזערווע פון וואָלוועלע „געלעהרענטע" אַרבײַטס-קרעפטען. ווי זאָל שטענדיג נישט פערגרעסערען זיך די צאָהל פון דיזע אונבעשעפטיגטע „ספּעציעלע" פאַך-לײַט, ווען דער גרויסבעטריעב קען אויסקומען מיט לפי ערך אַלץ אַ קלענערער צאָהל אויפזעהער און דירעק-טאָרען, און אַז דער שטענדיגער וואוקס פון די אַרבײַטס-קרעפטען יאָגט איבער דעם נאָכפרעג אין דער פּריוואַט-אינדוסטריע? גײַס-טיגע לוין-אַרבײַטער — אָבהײנגיג פונקט אַזוי, ווי די האַנד-אַרבײַטער, ערהאַלטענדיג פאַר די אַרבײַט אַ הונגער-לוין, אַרויס-געוואָרפען אויפ'ן גאַס אין אַ שלעכטער צײַט, שטענדיג אָהן האָפנונג ווען עס איז זעלבסטשטענדיג, אַ בעל-הבית פאַר זיך צו ווערען — דאָס ווערט בײַ הײַנטיגע בעדינגונגען אַלץ מעהר און מעהר דער שיקזאַל אויך פון דער גײַסטיגער אַרבײַט.

אוּן אִיז דען דאָס נִיט דער שִׁיקזאַל אויך פוּן גרעסטען טייל קִינסטלער אוּן מחברים?

געוויס, אויך דאָ פערדינען נאָך אֵיינצעלנע אוצרות געלד, אָבער די צאָהל פוּן אַזעלכע מוצלחים אִיז זעהר אַ קליינע, אוּן מען אִיז גענאַרט דערין נאָר דעריבער, ווייל די פאַלשע צייטונ־גען קענען זיך נִיט אָנלויבען פוּן דעם שִׁיקזאַל פוּן דיזע אֵיינ־צעלנע מוצלחים.

נאָר די מאַסע פוּן די קִינסטלער אוּן שריפטשטעלער אִיז היינט שוין נִיט מעהר, ווי אַ גרויסע בעזיצלאָזע לוין-אַרבּיי־טערשאַפט, וועלכע ווערט עקספּלואַטירט פוּן דעם קאַפּיטאַל אוּן וועלכע קען פערדינען אִיהר שטיקעל ברויט נאָר בּיי אַ קלאָ־גענדיגער אָבּהענגיגקייט. דער מאַלער מאַטערט זיך, צוגרייטענדיג נייע מוסטערן פאַר אַ גרויסען געשעפטס-הויז, פאַר אַ טעפּיך־אָדער טאַפּעטען-פאַבּריק, אָדער אויספיהלענדיג אַ בּעשטעלונג פאַר אַ'ן אִילוסטרירטען זשורנאַל. דער מחבר „אַרבּייט" פאַר אַ גרויסען בּיכער-פערלאַג, וועלכען ער מוז פערקויפען זיינע ווערק, ווייל, אויב נִיט, וועט ער דאַרפען שטאַרבּען פוּן הונגער, — אָדער פאַר אַ טעגליכער צייטונג, וועלכע אִיז אויך נִיט מעהר ווי אַ גרויסע געשעפטס-אונטערנעהמונג, אִין וועלכער עס ליגען מיליאָנען, וועלכע האָט אִיהר ריוח פוּן דער עקספּלואַטאַציע פוּן צעהנדליגער שרייבער, וואָס קענען יעדע מינוט אַרויסגעוואָר־פען ווערען אויפ'ן גאַס, ווען דאָס ווילען נאָר פאָדערען די אִינ־טערעסען פוּן געשעפט. אוּן אויך דאָ וואַקסט די קאָנקורענץ צווישען די „אָבּהענגיגע", וואָס מעהר עס פערבּרייטעט זיך די בּילדונג, אוּן דעריבער אויך די צאָהל פוּן די, וואָס „האָבּען אַ גוטע פּען", — וואָס מעהר עס ווערען אויך ספּעציאַליזירט די גייסטיגע אַרבּייטען אוּן וואָס מעהר עס ווערט דורך דעם מעגליך זיי גיכער אוּן לייכטער אויסצושטודירען.

אויף אַזאַ אופן זעהען מיר אומעטום דעם זעלבּיגען בּילד, ווי בּיי דער האַנד-אַרבּייט; נאָר דאָס, וואָס אִין אֵיין אָרט האַלט

זיך נאָך אין ענטוויקלען, איז שוין אין אַ צייַיטען אָרט פּאָל־שטענדיג פאַרטיג.

דאָס, וואָס עס קומט פאָר מיט דער גאַנצער מאַטער־יעלער פּראָדוקציאָן, וועט אויך באַלד ווערען מיט דער גייַסטיגער אַרבּייַט. די גאַנצע גייַסטיגע פּראָדוקציאָן וועט באַלד אָנהויבען אויסגעפיהרט ווערען נאָר פון לוין-אַרבּייַטער, וועלכע ווערען געדונגען און אַרויסגעלאָזען פון דעם קאַפּיטאַל, וועלכער וועט אין גיכען זיך אָבגעבען מיט דער גייַסטיגער אַר־בּייַט פּונקט אַזוי ווייניג, ווי ווייניג ער גיט זיך שוין איצט אָב מיט דעם קלאַפּען, שפּינען, וועבען און אַקערען, — וואָס עס שטערט איהם ניט, געננג אָנצוקלייַבען אין זייַנע שפּייַכלערם.

וועט די צושפּאַלטונג פון דער געזעלשאַפט שוין אַזוי ווייַט קומען, דאַן ווען דער סאָציאַליזם גיך קומען צום נצחון. ווי דער עמוד האֵש (פייַער-זייַל) וועט דער פּראָלעטאַריאַט פון דער אינ־טעליגענץ אָנווייַזען דעם וועג דעם פּראָלעטאַריאַט פון האַנד-אַרבּייַט און פיהרען די פעלקער צו זייער קינפטיגען וועלט-היסטאָרישען ציעל.

די בּורזשואַזע וועלט, וועלכע איז דורך און דורך צופוילט, מאַטערט זיך אָבצוהאַלטען דיזע ענטוויקלונג; אָבער עס ווערט אַלץ קלאָרער, אַז דאָס פּראָבירט זיך מעהר ניט דער בעזיץ, וואָס האָט שוין אָבגעלעבט זיין צייַט, אונטערצודריקען אַלץ, וואָס פערמעהרט די גייַסטיגע און מאַטעריעלע קולטור-אַרבּייַט; אָט דיזע פּראָבעס וועלען צושמיעדען די פערטהיידיגער פון דער אַלטער אָרדנונג צום שאַנדוואָגען פון דער געשיכטע.

....

.V

אָבער — הערען מיר אָפּט פון איניגע שוואַכע נפשות — צו ווערען דען אַלע עקספּלואַטירטע, וועלכע שטעהען בלי ספק

אִין גֶעגֶענזאַץ צוּם קאַפִּיטאַל, ווירקליך געטריבען בּיז
צוּ די סאָציאַליסטישע פאָדערונגען. אָדער ווערט ניט
אַ גרויסער טייל פון זיי דערשרעקען זיך פאַר דעם סאָציאַליזם,
ווי פאַר אַ שפּרונג אין אַ'ן אונבּעקאַנטע וועלט? צוּ וועלען די
בּעדריקטע ניט פרעגען פערצווייפעלט זיך אַליין, אויבּ דער סאָציאַ־
ליזם קען זיי אין דער אֶמת'ן טאַקי געבּען דאָס, וואָס ער
זאָגט צוּ? און צי ווערט ניט בּיי זיי — וואָס מעהר זיי וועלען זיך
פערטיעפען אין דיזער פראַגע — פערשווינדען דער דרייסטער
מוּטה פון דער ערשטער בּעגייסטערונג, און צי ווערט דאָס זיי ניט
בּריינגען דערצוּ, אַז זייער איצטיגען לעבּען, וועלכער איז אַפילוּ
קלאָגעדיג און אָבּהיינגיג, וועלען זיי דאָך ניט וועלען פערבּייטען
אויף אַ'ן אונזיכערע, פיליייכט נאָך אַ סך אַ קלאָגעדיגערע, עק־
סיסטענץ אין דער צוּקונפט?

אָבּער אויך דאָ זאָרגט די גאַנצע עקאָנאָמישע ענטוויקלונג,
אַלע ערפאַהרונגען פון טעגליכען לעבּען — בּעסער, ווי וועלכע
עס איז פּראָפּאַגאַנדע אָדער אויפמונטערונג — שטענדיג דערפאַר,
אַז די ציעלען פון סאָציאַליזם זאָלען וואָס ווייטער אַלץ ווינציגער
ערשיינען אַלס אוטאָפּיען (חלומות), און זיינע פאָדערונגען
זאָלען וואָס ווייטער אַלץ מעהר ערשיינען אַלס נויטווענדיגע.

דער קאַפּיטאַל האָט בּיז איצט פערטיידיגט די אַלע יסורים,
וועלכע ער האָט אַליין בּעשאַפען. דורך די אַלטע באָבּע־מעשׂות,
וועלכע ווערען געפּרעדיגט אין קירכע און לעהר־שוּהל, אַז
אַ מאַסען-אָרימקייט מוּז שטענדיג עקסיסטירען, און אַ טעאָריע
פון צבוע'קעס האָט זיך געסטאַרעט צוּ דערווייזען די ריכטיגקייט
פון דיזע באָבּע-מעשׂות דורך דעם פאַקט, וואָס די בּעפעלקערונג
ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער. דער קאַפּיטאַל אַליין אָבּער —
שטאַרקער און גרינדליכער ווי אַלע זיינע געגנער — האָט בּיז צוּם
גרונד צוּבּראָכען דיזע פאַלשע איינבּילדונג.

וואו קענט איהר נאָך בּיי היינטיגע צייטען געפינען אונטער
דעם גרויס-בּעטריעב אַ נויט-צוּשטאַנד, וועלכער זאָל שטאַמען

דערפון, וואָס מען האָט ניט געקענט גענוג פּראָדוצירען? בריינגט דען ניט גיכער די איבערפּראָדוקציאָן פון אַלע סחורות פעריאָדיש די ביטערסטע דחקות פאַר די גרויסע פאָלקס-מאַסען? וואַקסט דען ניט די דחקות פון די אַרבייטער, וואָס מעהר עס וואַקסט דער איבערפלוס (מותרות) פון די סחורות, וועלכע זיי אַליין האָבען אויסגעאַרבייט. פון וועלכע זיי גופא קומט אָבער נאָר אַן דער קלענסטער טייל, צוליעב דעם, וואָס די פּראָדוקציאָנס-מיטלען געפינען זיך אין פרעמדע הענד? איז דאָס דען נאַטירליך, אַז צו דער זעלבער צייט, ווען עס איז דאָ אַזוי פיעל עסענוואַרג, קליידער, אַלע מיטלען פאַר אַ בעקוועמען און אַנגענעהמען לעבען, זאָל דאָס פאָלק שטאַרבען פון הונגער און נויט? אָדער ווייזט זיך ניט גיכער אַרויס ביי אַזאַ לאַגע, אַז די היינטיגע אָרדנונג איז אומנאַטירליך און קען קיין קיום ניט האָבען? און ווען די אַרבייט קען אונטער דער הערשאַפט פון פּריוואַט-קאַפּיטאַל — ניט קוקענדיג אויף איהר שעפּפערישע קראַפט און שטענדיגען וואוקס — קיין מאָל ניט דערשלאָגען זיך מעהר, ווי אַ קלאָגעדיגען לעבען, דאַן וועט דער קאַפּיטאַל ניט נאָר ניט קענען קיין מאָל בעזייטיגען דיזען געגענזאַץ, וועלכער וואַרפט זיך גלייך אין די אויגען, נאָר ער וועט איהם שטענדיג צוגעבען אַלץ אַ קלערערען אויסזעהען. ער וועט שטענדיג מעהר און מעהר פערווירקליכען דעם בילד, אַז אין זיינע שפּייכלערס און אויסגעפּוצטע קראָמען זיינען צונויפגעקליבען מוראדיגע מענגען פון אַלערליי גיטער און אין דער זעלביגער צייט שפּאַצירט אַרום אויף'ן גאַס די נויט — מיט איינגעפאַלענע אויגען און אין שמאַטעס, אומזיסט אויסשטרעקענדיג איהרע הענד צו אַלע דיזע רייכטהימער.

אַ דאַנק דעם וועט אָבער ניט בעגעגענען קיין ספקות דער סאָציאַליזם מיט זיין פרעהליכער נביאות, אַז ער וועט בריינגען די אויסליזונג פון אַלע צרות און גליק אויף דער ערד, נאָר די תורה, אַז די נויט מוז עקסיסטירען, וועט מעהר ניט געפינען קיין תלמידים.

אָבער , צִי וועט מען דען אַזוי לייכט אָנהויבען גלויבען אִין
דִי שעפּפערִישע קראַפט פון פּראָלעטאַריאַט ? מען האָט דאָך אַזוי
אָפט געריהמט דִי אָרגאַנִיזאַטאָרִישע פֿיִהִיגקייטען פון פּרִיוואַט-
קאַפּיטאַל : וועט מען זִיך דען מִיט דער צייט אומעטום איבער-
צייגען , אַז מען דאַרף האָבען דִיזע פֿיִהִיגקייט אויף כּפּרות ? האָט
דען נִיט דִי בורזשואַזִיע אִין דער צייט פון אִיהר אויפבּליהונג
און אונבּעגרענצטער הערשאַפט בּעשאַפען „גלענצענדע זאַכען” ?
„זִי האָט אונטערטהענִיג געמאַכט דִי נאַטור-קרעפטען , מאַשִינען ,
האָט אָנגעווענדט דִי כעמִיע בּיי אִינדוסטרִיע און ערד-אַרבּייט ,
האָט אויסגעטראַכט דאַמפף-שִיפען און אייזענבּאַהנען , עלעקטרִישע
טעלעגראַפען , האָט בּעאַרבּייט גאַנצע וועלט-טהיילען , האָט דורכ-
געלייגט וועגען דורך ימים , האָט בּעשאַפען גאַנצע מדינות—
וועלכער פריהערדִיגער יאָהרהונדערט האָט זִיך גאָר פאָרגעשטעלט ,
אַז אִין דעם שויס פון דער געזעלשאַפטלִיכער אַרבּייט לִיגען בּע-
האַלטען אַזעלכע פּראָדוקציאָנס-קרעפטען ?” (מאַרקס) , צִי וועט
קענען אַ נייער שִיכט פון דער געזעלשאַפט ווייטער פיִהרען דִיזע
אַרבּייט ווִי געהערִיג ?

אָבער מען מעג זִיך קלערען וואָס מען ווִיל פון דער פרִי-
הערדִיגער קולטור-הִיסטאָרִישער ראָלע , וועלכע דער קאַפּיטאַל
האָט געשפִּיעלט—עס ווערט אַלץ מעהר און מעהר קלאָר , אַז ער
האָט שוין זיין ראָלע אָבגעשפִּיעלט . און ווִי יעדע אָבגעלעבּטע
מאַכט , קען דער קאַפּיטאַל נאָר דִיענען ווִי אַ שטע-
רונג פאַר דעם פּראָגרעס . — אַז שוין אִיצט געהערען אַלע
קולטורעלע אַרבּייטען כּמעט אויסשליִסלִיך דעם פּראָלעטאַריאַט ,
דעם פּראָלעטאַריאַט פון האַנד-אַרבּייט און קאָפּ-אַרבּייט . אַ ראָט-
שִילד , למשל , גרִינדעט היינט גאָלד- און אייזען-גרובּען , ער
נעהמט אַנ'„אַנטהיִיל” אִין מאַשִינען-פאַבּרִיקען און אייזענבּאַהנען—
צו ווייזט זִיך נִיט אַרויס אָבער זיין גאַנצער „אָנטהיִילנעהמען” נאָר
אִין דעם , וואָס ער נעהמט זִיך דעם גרעסטען חלק פּראָפִיט פון
דִיזע אונטערנעהמונגען , און צו וואָלט נִיט געהן דער מעכאַנִיזם

פון דער פּראָדוקציאָן אויך אָהן איהם מיט דעם זעלבּיגען גאַנג? זיינע פאַבּריקען און זאַוואָדען קען ער נאָר פון די בּעריכטען פון זיינע אַגענטען און דירעקטאָרען, ער פערבּרייננגט זעהר ניט גערן אין די שמוציגע נעגענדען פון די פאַבּריקען און גרובּען. אָבּער אין דער זעלבּיגער צייט, ווען ער גיט זיך אָב זיינע תענוגים אין פּאַריז אָדער דער יאַגד אין זיינע וועלדער פון שאָטלאַנד און אירלאַנד, גיבּען אַרויס זיינע גרובּען, גאָר ניט קוקענדיג אויף דעם, זייערע קויהלען און מעטאַלען, זיינע זאַוואָדען שמעלצען אַייזען און אין די פאַבּריקען ווערען צונויפגעשטעלט מאַשינען. אין דעם גאַנצען היינטיגען פּראָדוקציאָנס-אָרגאַניזם פערנעהמט שוין מעהר דער קאַפּיטאַליסט קיין פּלאַץ ניט. דיזער אָרגאַניזם ווערט אויסשליסליך פון פּראָלעטאַריאַט, פון בּעצאָהלטע שכירות-מענשען, אָנגעטריבּען און אָנגעפיהרט. די גאַנצע רייכטהימער ווערען שוין בּיי היינטיגען טאָג בּעשאַפען פון בּעזיצלאָזע — פאַר וואָס-זשע זאָגען אַנדערע, אַז זיי וועלען ניט זיין פעהיג אין דער צוקונפט צו פיהרען די פּראָדוקציאָן? און דער קאַפּיטאַל וואָס שטעהט בּראש, ווען מען אַרבּייטען מען געפינט דורכאויס ניטיג, האָט שוין היינט בּיי דער פּראָדוקציאָן נאָר איין פונקציע: אַראָבּצונעהמען פון דעם אַרבּייטס-פּראָדוקט אַלץ, לאָזענדיג פאַר די, וועלכע פּראָדוצירען אין דער אמת'ן, נאָר אויף די נשמה צו דערהאַלטען. שטאַרבּען אָב דיזע פערהעלטניסען צווישען בּעזיץ און אַרבּייט, אָדער זיי פערשטאַרקען זיך אַלץ מעהר אין אונזער צייט פון אַקציאָנערען און מיליאָנערען, בּעפרייענדיג אַלץ מעהר דעם בּעזיץ פון יעדען מיטאַרבּייטען אין דער פּראָדוקציאָן?

דער פּריוואַט-קאַפּיטאַל ווייזט אַלזאָ מיט זיין וואַקסען אַלץ מעהר און מעהר, אַז מען קען אין גאַנצען אָהן איהם אויסקומען, און אַז די איינציגע קראַפט, וועלכע בּעשאַפט אַלץ, איז די קראַפט פון פּראָלעטאַריאַט. און בּאַלד וועט יעדער מענש, ניט קיין סך טראַכטענדיג, דאָס אַלץ פערשטעהן.

און ניט נאָר דאָס אַליין. יעדער וועט אויך זעהן, אַז ניט

נאָר וואָס דער קאַפּיטאַל שאַפט שוין מעהר גאָר ניט, נאָר אַז ער לייגט נאָך אַרויף אויף די פּראָדוקציאָן קינסטליכע קייטען, ווייל ער ניצט ניט אויס דעם אַלץ וואַקסענדען טייל פון די פּראָדוקציאָנס-קרעפטען, וועלכע זיינען שוין איצט דאָ. דער קאַפּיטאַליזם רופט אַרויס אַלץ לייכגערע און טיפערע קריזיסען; דערביי האָבען די אַרבייטס-קרעפטען ניט קיין אַרבייט און די מאַשינען שטעהען שטיל. און ער קען שוין ניט אַפילו אין דער צייט פון אויפבליהען געבען בעשעפטיגונג פאַר אַלע מענשען און פּראָדוקציאָנס-מיטלען. וואָס ווייטער ער ענטוויקעלט זיך, מוז ער אַלץ מעהר אויסרופען נייע „בעשרענקונגען פון דער פּראָדוקציאָן“, פּריוויליג, ווי למשל דורך קאַרטעלען [1]), אָדער געצוואונגענערהייט—ווי אין די צייטען פון קריזיסען.

ניט מעהר מיטצווירקען אין דער פּראָדוקציאָן, נאָר איהר אָבצוהאַלטען און דערביי פערהאַפּען פאַר זיך די הכנסה פון פרעמדע אַרבייט—אָט דאָס וועט זיך אַלץ קלאָרער און קלאָרער אַרויסשטעלען גאָך אַלע עקאָנאָמישע איבערקעהרענישען פון אונזער צייט, אַלס די איינציגע פונקציע פון קאַפּיטאַל. דאַן וועט שוין אָבער קיינער ניט האַלטען פאַר אוטאָפּיסטיש, אָדער אַפילו פאַר קולטור-פיינדליך, די אָבשאַפונג פון פּריוואַט-אייגענטום; און דאַן וועט דאָס אַריבערגעהן פון די פּראָדוקציאָנס-מיטלען אין דעם כלל-אייגענטהום פון די, וועלכע פּראָדוצירען אין דער אמת׳ן, אַלץ מעהר און מעהר ערשיינען ווי אַ נייטיגקייט און ניט ווי אַ שפּרונג אין די אונבעקאַנטע צוקונפט.

אויף אַזאַ אופן מוז די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג ניט נאָר דעם סאָציאַליזם שטענדיג העלפען צו פערברייטערען זיך, נאָר זי מוז ערוועקען אַלץ אַ שטאַרקערען גלויבען אין דעם אמת פון זיינע הבטחות און אין די ריכטיגקייט פון זיינע פאָדערונגען.

---

[1]) פאַבריקאַנטען-בונדען.

אַזוי זעהען מיר, ווי פאַר אונזערע אויגען ענטוויקעלט זיך די געוואַלטיגסטע קולטור-בעוועגונג, וועלכע עס האָט וועןעס איז אַרויסגעשפּראָצט פון די נידריגסטע שיכטען פון דער מענשהייט. געבאָרען פון אַזוינע עקאָנאָמישע איבערקעהרענישען, וועלכע עס האָבען זיך קיינעם ניט געחלום'ט, געטראָגען פון דער נויט און דער בעפרייאונגס-שטרעבונג פון אַ נייע אויפגעקומענעם קלאַס, וועלכער האַלט אין שטענדיגען וואַקסען — וואַקסט דיזע בעוועגונג מיט דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון די פּראָדוקציאָנס-פערהעלטניסען פון שוואַכע צובּרעקעלטע שטרעמונגען אין אַ שטאָלצען, זעלבסטבעוואוסטען, ברייטען שטראָם, וועלכער — בעגראָבענדיג אין זיינע חוואַלעס די רעשטען פון אָבהיינגיגקייט צווישען מענשען — פליסט אָהן אַנ'אָבהאַלט צו זיין ציעל: איינצופיהרען אַ ברידערליכע פרייע אַרבייט פון אַלע פאַר אַלע, אַנשטאָט דער עבודת-פרך פון אַלע מענשען צום נוצען פון אַ קליינער הייפעלע.

אַלע הערשענדע קלאַסען זיינען אַ מאָל געווען אונטערדריקט און האָבען געמוזט דערגרייכען זייער בעפרייאונג דורך קאַמפּף געגען די אונטערגעהענדע געזעלשאַפטס-שיכטען, וועמעס קולטורעלע שליחות איז שוין געווען אָבגעשטאָרבען. פּונקט ווי דיזע זיינען אַראָב פון זייער טראָן, כדי צו געבען אָנ'אָרט די ענטוויקלונגס-פעהיגערע קרעפטען, אַזוי וועט אויך די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע זיין ניט מעהר ווי אַ פאָראיבערגעהענדער פעריאָד אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט — אין אָנהויב אַ פעריאָד פון „גלענצענדע מעשים“, שפּעטער אָבער אַ לאַנגער פעריאָד פון קינסטליכען שטילשטאַנד און רעאַקציע. די סימנים פון דעם אונטערגאַנג ווערען איצט אַלץ מעהר און מעהר קלאָר, און באַלד וועט אַלץ, וואָס פערטראָגט זיך היינט פיינדליך צום סאָציאַליזם, ווערען פּראָלעטאַריזירט, אָדער וועט בעגעגענען מיט אַ שמחה דעם פּראָלעטאַריאַט, ווי אַנ'אויסלייזער פון אַלע שרעקליכע צרות.

די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַריאַט, ניט קוקענדיג אויף אַלע געגנער, האָט אַלזאָ ניט דעם גרונד צו פערלירען דעם מוטה, נאָר פערקעהרט, זי האָט אַלע אורזאַכען צו קוקען אין די צוקונפט מיט אַ גרעסערער האָפנונג, ווי ווען עס איז. אין זיין קולטורעלער בעדייטונג איז דער פּראָלעטאַריאַט שוין היינט אַ ריעז, וועלכער טראָגט אויף זיינע שטאַרקע פּלייצעס די גאַנצע וועלט פון די מאַטעריעלע און גייסטליכע אַרבייטען. נאָר פּאָליטיש, אין זיין דעה אויף די געזעצגעבונג און רעגירונג, איז ער נאָך היינט אַ קאַרליק, און ווי לאַנג מיר זיינען קאַרליקעס, קען מען פון אונז און פון אונזערע געגנער זאָגען:

מיר בעשאַפען אַייזען,
זיי שמידען קייטען.

אָבער, אויב מיר טראָגען נאָך היינט קייטען, און אויב זיי קלינגען ביי יעדען שריט, וועלכען מיר מאַכען, געהען מיר דאָך פאָרוועֶרטס פון איין נצחון צו דעם אַנדערן און מיר וועלען אויך ווייטער זיעגען, ביז מיר וועלען ניט דערגרייכען אונזער לעצטען ציעל.

דאַן וועלען פון אונז אַלעמען אַראָבפאַלען די קייטען פון נויט; די נאַכט פון אוניוויסענהייט און ווילדקייט וועט אַיועקגעהן פון אַלע מענשען און די ליכטיגע לעבענס-פריוד, וועלכע בעלייכט היינט נאָר די שפּיצען פון דער געזעלשאַפט, וועט זיך אַראָבלאָזען אויך אין די פינסטערע טיעפּעניש׳ען פון פאָלק, און די בלויזע אַרבייטס-פּיה, וועלכע זיינען דאָרטען צונויפגעקליבען, וועט זי מאַכען צו אונאַבהיינגיגע, גליקליכע מענשען.

דאַן וועט בעשאַפען ווערען אַ שענערע, בעסערע וועלט, וועלכע וועט ברינגען אַלע מענשען פרייהייט, אַ לעבען אָהן דחקות, און בילדונג.

עס דרוקט זיך:

ק. מארקס און פר. ענגעלס. דער מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

ד. פינסקי. אין משוגעים-הויז (מאָנאָלאָג).

ק. קאוטסקי. קלאַסען אינטערעסען.

מ. טערמאַן. רעליגיאָן און קלאַסען-געגענזאַטצע.

א. טהון. די געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין רוססלאַנד.

נעמאינסקי. די פּאַריזער קאָמונע פון 1871 יאָהר.

א. בעבעל. די פרוי און דער סאָציאַליזמוס.

פרץ הירשביין. ווייטע און נאָהענטע. בילדער אין פיער אַקטען.

נ. ריאזאנאוו. דער 19 פעברואַר.

האפמאן. די פּראָסטיטוציע און דאָס פרויען-האַנדעל.

" " די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג אין ענגלאַנד.

א. הא. די סאָציאַליסטישע פראַקציאָן אין דעם ציוניזמוס.

בעמערקונג: די, וואָס שרייבען אויס מער ווי אויף 2 רובל, צאָהלען ניט פאַר'ן איבערשיקען.

די אַדרעססע:

Вильна, книгоиздательство „ДИ ВЕЛТЪ"

עס זיינען אַרויס פֿון דרוק:

	קאָפּ.	סענט.	פּעני.	פּפֿעניג.	סאַנטים.
ד. פינסקי. הייגטיגע יונגע לייט (מאָנאָלאָג).	1	1	1/2	4	5
ד. פינסקי. ערב יום כפור } פרייז - - ה. ד. נאָמבערג. מען וועקט }	2	2	1	8	10
ד. פינסקי. די פֿאַמיליע צבי - - - -	12	12	6	48	60
מ. ריקשטיין. פֿון וואָס איינער לעבט.	5	5	2 1/2	20	25
מ. שיפּפּעל. די עקאָנאָמישע איבערקע-רענישען און די ענטוויקלונג פֿון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע - - - - - -	5	5	2 1/2	20	25
לעווין. אין אַ פֿינסטערע נאַכט (ערצעה-לונג - - - - - - - - - -	2	2	1	8	10
פ. יושקעוויטש. וועגען וואַהלרעכט - -	7	7	3 1/2	28	35
* * * דער קליינבירגערליכער סאָציאַ-ליזמוס אויפ'ן יודישען באָדען - -	4	4	2	16	20
* * * ערצעהלונגען אויס דער געשיכ-טע פֿון דער ערשטער פראַנצויזישער רעוואָלוציע - - - - - - -	6	6	3	24	30
ק. קאַוטסקי. דאָס ערפֿורטער פּראָגראַם אויך אין 6 העפֿטען, יעדעס העפֿט 5 ק. (מיט פּאָרטאָ 40 ק.)	30	30	15	120	150
בעללאַמי. אין הונדערט יאָהר אַרום - - (מיט פּאָרטאָ 33 ק.)	25	25	12 1/2	100	125
פ. לאַססאַל. רעכט און מאַכט (דער עיקר פֿון אַ קאָנסטיטוציע) - - - - -	6	6	3	24	30
פ. לאַססאַל, די אַרבייטער און די געזעל-שאַפֿטליכע קלאַסען (דאָס אַרבייטער פּראָגראַם) - - - - - - - -	8	8	4	32	32
פּאָל עזוי. צדקה (ערצעהלונג) - - - -	2	2	1	8	10
ק. קאַוטסקי. קאָנסום פֿעראיינען - - -	6	6	3	24	30
* * פֿרידריך ענגעלס (לעבענס בעשרייבונג) - - - - - - -	10	10	5	40	50
ק. קאַוטסקי. די סאָציאַלע רעפֿאָרמען און די כאָציאַלע רעוואָלוציאָן - - -	15	15	7 1/2	60	75
* * * צו דער געשיכטע פֿון דער בעלגישער אַרבייטער-בעוועגונג - -	10	10	5	40	50
פּאַול לאַפֿאַרג. רעליגיאָן פֿון קאַפּיטאַל -	„	•	•	•	•
* * פערזענליכע עראינערונגען.	—	—	—	—	—
אַרנו. די קרבנות פֿון דער קאָמונה - -	3	3	1 1/2	12	15
* * * אַ מעשה פֿון פֿיער ברידער -	10	10	5	40	50